STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02500

YIDISHE FOLKSLIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע פאָלקסלידער

געזאַמעלט, דערקלערט און אַרויסגעגעבען

פון

נח פּרילוצקי.

צווייטער באַנד

II.	I.
באַלאַדעס און לעגענדעס מיט און אָהן אַ מוסר־השכל.	לידער און מעשה׳לעך פון טויט.

„נייער פערלאַג"

וואַרשא. תרע"ג.

געזעצט ביי א. שריפטגיסער, ווארשא, סאפעזשינסקא 8.

НОЙ ПРИЛУЦКІЙ,

Еврейскія Народныя Пѣсни

т. II

NOE PRYŁUCKI

Pieśni ludu Żydowskiego

t. II

NOE PRIŁUTZKI

Juedische Volkslieder

B. II

Наб. въ тип. А. Шрифтгисера, Варшава, Сапежинская № 8.

Тип. Б, Туршъ Варшава Новолипки 6

אין דעם באַנד גייען אריין: א) לידער און מעשה׳לעך פון טויט; ב) באַלאַדעם און לעגענדעם מיט און אָהן אַ מוסר־השכל.

אין אַ באַזונדער גרופּע האָב איך אויסגעטיילט, און אַ זעלבסטשטענדיקען באַנד וועלען בילדען די אַזויגערופענע „באַלאַדענמעסיקע״ לידער, וואָס זענען אַלע אַנטשטאַנען גאָר אין די לעצטע יאָרצענדלינגער, אַלס אָפּקלאַנג אַף פאַרשידענע ווירקליכע סענסאַציאָנעלישע פאָרפאַלען: מאָרדען, זעלבסטמאָרדען, פאַרפירונגען וכדומה.

ווער עס ווייס פון וואָסערע ניט איז וואַריאַנטען צו די לידער פון דעם באַנד, איז העפליכסט געבעטען זיי צו פאַרשרייבען און מיר איינשיקען [1].

1 מערץ 1913.

נח פּרילוצקי.

---

[1]) אַדרעס פאַר קאָרעספאָנדענץ: וואַרשא, שוועטאָקשיסקאַ, 48, וו. 3.

לידער און מעשה׳לעך
פון טויט.

№ 103.

אָפּ׳ן בּראָדאָוואָ (?) [1]) דעכו [2])
שטייט אַ שטיבּאַלי רעכּו (?) [2]).
— וועיאָ [3]) וואוינט דערינען ?"
— דראַ [4]) פאַנאָלאָך [5]) זיצן אין שפּינען:
איינס שפּינט גאָלד,
דאָס אַנדערע שפּינט זילבּאָ,
אין ס׳דריטי זיצט אָף אַ שטילעכּו [2])
אין מאָעלט זאָך [6]) קאַווי אין מילעכּו [2]).
וועקסן לאַכּטו [2]) אָן די זאַט [7]) —
שטאַרבּן מיז מי פאַ די צאַט [8])!
ווע [9]) מי ריפט — מיז מי גיין,
טינים מיט גאָלד לאָאָט [10]) מי שטיין.

וואַרשא. **חיה שעפּס.**

[1]) זיי: ערשטער פּערז אין נומער 105. — [2]) וואַרשעווער אויסשפּראַך פון דעמינוטיוו: דעכ׳ל, רעכּ׳ל, מילעכּ׳ל, שטילעכּ׳ל, ליכּט׳ל. — [3]) ווער. — [4]) דריי. — [5]) די וואַרשעווער אויסשפּראַך פון דעמינוטיוו: „**פּ א נ ע ל ע ך**". — דערפון נעמט זיך די פילאָלאָגישע רעדענסאַרט: „וואַרשעווער לאָך". — אין **וואָלין** זאָגט מען: „**פּ א נ אַ ל אַ ך**". — [6]) זיך. — [7]) זייט. — [8]) צייט. — [9]) ווען. — [10]) לאָזט. —

№ 104.

סאָכאַטשעווער וואַריאַנט.

אָפּ'ן גריִנעם דעלו
שטײַט אַ שטיבאַלי אַ לעכו (?) [1].
— וועיאָ זיצט איִן דריִנען ?"
— דראַ פּאַנעם שפּיִנען :
אײַנע שפּיִנט גאָלד,
די צווײַטע שפּיִנט זיִלבאָ, [2]
איִן ס'דריִטע זיִצט אָף אַ שטיִל
איִן מאָעלט זאָך אָף [3] אַ קאַוועמיִל.
וועקסן לאַכטו איִן דאַ זאַט —
שטאַרבן מיז מע פּאַ דע צאַט!
טיִנען גאָלד לאָאָט מע שטײַן,
ווע מע ריִפּט — מיִז מע גײַן. [4]

י. ראָזענפעלד.

---

[1] איִן אַנ'אַנדער סאָכאַטשעווער וואַריאַנט (פאַרשריבען פון ה' פּ. גראַו-באַדר) קליִנגען די ערשטע צוויי פערזען אַזוי :

אַ שײַן הײַזו דאַכע (?),
אַ שײַן שטיבו ראַכע (?) —

הײַזו — הײַזעל ; שטיבו — שטיבעל.
„דאַכע" — פּיִלײַכט : דאַכו — דאַכ'ל.
„ראַכע" — פּיִלײַכט : ראַכו — ראַכ'ל.

[2] זיִלבער. — [3] וואר.: „אָפּ". — [4] די לעצטע צוויי פערזען חזר'ן זיך אָפט איבער איִן פאַרשידענע לידער. דאָס איז זער אַ באַליבטער אויסדריִק איִן דער יידישער פאָלקסשאַפונג. פאַראַן אויך אַ שפּריִכוואָרט :

„גאָלד און זיִלבער לאָזט מען שטײַן,
אונ אז מ'רופט — מוז מען גײַן". —

№ 105.

גאַליציַשער פראַגמענט.

באַ דעם בראָדער [1] טײַכעל
שטייט אַ שטיבעלע רײַכעל. [2]
— ווער זיצט דאַרינען?"
— דרײַ פאַנעם שפּינען:

די איינע שפּינט אין גאָלד,
די אַנדערע שפּינט אין זילבער,
די דריטע זיצט אָף איר שטילעכען
אין מאָלט די קאַווע אין מילעכען... [3]

— — — — — — — —

— — — — — — — —

מזרח-גאַליציען. ב. ז. זעגעל.

№ 106.

I. דאָאָט [4] זיצט זאָך [5] אַ מײַדו [6] אין גאָאָטן [4]
אין שפּילט זאָך אין קאָאָטן [4], —

---

[1]) בראָד — אַ שטאָדט אין גאַליציען. — [2]) פילײַכט פון וואָרט „רײַך"? — „אַ שטיבעלע רײַכעל" — „אַ רײַך שטיבעלע"? — [3]) דער סוף פעלט.

[4]) דאָרט, — גאָרטען. — קאָרטען. —

וועגען דער ר׳ אין דער וואַרשעווער יידישער אויסשפּראַך—זיי: „נח פרילוצקי׳ס זאַמעלביכער פאַר יידישען פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע", I, 110. — [5]) soch (זיך). — [6]) מיידעל. —

קיִמט ציִנ'איִאָ אַנ'אַלטאָ מאַן איִן זאָגט איִאָ: „גיִט מאָרגן!“
ענפאָט [1] זיִ: „גיִט יאָע!“
— וואָס ענפאָסטיִ מאָ [2] „גיִט יאָע“?
יאַך ביִן דאָ [3] גיִקיִמע ציִנעמע דאַניִ ייִנגיִ יאָע!“
— אַלבאָ זײַדיִ, לאָ מאָך [4] לײַבן [5]
פאַ [6] מאַן מיִמיִ איִן פעטאָ ווײַגן:
מאַן מיִמיִ איִן פעטאָ אָבן מאָך ליִב —
זײַ עלן [7] מאָ אַוועגנײַבן אַלץ פיִן דיִ שטיִב“.
— אַלץ פיִן דיִ שטיִב לאָסטיִ ציִ שטײַן:
אַז יאַך ביִן גיִקיִמע — מיִסטיִ שוין גײַן!“
— אַלטיִבשקאָ זײַדיִ, לאָ מאָך לײַבן
פאַ מאַן שוועסטאָ איִן בריִדאָ ווײַגן:
מאַן שוועסטאָ איִן בריִדאָ עלן מאָ אַוועגנײַבן דאָס
גאָלד פיִן דיִ שטיִב“.
— דאָס גאָלד פיִן דיִ שטיִב לאָסטיִ ציִ שטײַן:
אַז יאַך ביִן גיִקיִמע — מיִסטיִ שוין גײַן!“
— העיאָ [8] נאָ, דיִ אַלטיִטשקאָ זײַדיִ, לאָ מאָך נאָך לײַבן:
פאַ מאַניִ עלטאָרן [9] ווײַגן:
מאַניִ עלטאָרן — זײַ אָבן מאָך ליִב —
זײַ עלן מאָ אַוועגנײַבן דאָס קיִנד פיִן דיִ שטיִב“.
— ס'קיִנד פיִן דיִ שטיִב לאָסטיִ ציִ וויִגן; [10]
אַז דיִ עסט עס בראָכן [11] — עסטיִ עס קריִגן.
גײַ גיִזײַגן דאָך מיִ [12] דאַן גאַנטסיִ פאַמעליע!...“ [13]
— זײַדיִ, לאָ מאָך נאָך לײַבן
פאַ מאַן גיִטראַיען זיווג ווײַגן:
מאַן גיִטראַיער זיווג — עיאָ אָט מאָך ליִב!“

---

[1] enfot (ענטפערט). — [2] mo (מיִר). — [3] do (דיִר). —
[4] lo moch (לאָז מיִך). — [5] לעבען. — [6] פאַר. — [7] וועלען. —
[8] הער. — [9] עלטערן. — [10] ד. ה.: איִן וויִג. — [11] ברויכען. —
[12] מיִט. — [13] פאַמעליע — פאַמיִליע — ווערט בא די פּויליִשע ייִדען געברויכט
איִן זין פון: הויזגעזיִנט, משפּחה. —

— גיי גיזייגן דאָך מי דעם גאַנצן האָז,[1]
וואַל[2] דאַן נשמה גייט שוין אָם!"[3]

II. — אַך, מיטאָ, ריף מאָ אַראַ מאַן פּאָטאָ!"[4]
אַזוי ווי דעיאָ[5] פּאָטאָ איז איבאָ די שוועל אַריבאָגיקימעֶ, —
אַ קיש אין[6] אַ גלעט — אין[6] די כּלה־רחל׳ע אַרימגינימעֶ:
— האַנטיקן[7] טאָג פין טאַנצע, פין שפּרינגעֶ?"[8]...
— יאַך על מאָ ליגן אין מאַן בעטאַלי —
אין איי־ליו־ליו זינגעֶ!"[9]

III. — אַך, פּאָטאָ, אַך פּאָטאָ, ריף אַראַ מאַן באָבי!"[10]
— אַזוי ווי די באָבי איז איבאָ די שוועל אַריבאָגיקימעֶ,
אַ קיש אין אַ גלעט — די כּלה־רחל׳ע אַרימגינימעֶ:
— כּלה־רחל־לייבן־קרוין, כּלה־רחל־לייבן־מאַן!
האַנטיקן טאָג פין טאַנצע, פין שפּרינגעֶ?"...
— יאַך על מאָ ליגן אין מאַן בעטאַלי —
אין איי־ליו־ליו זינגעֶ!"

---

1) הויז. — 2) וויל. — 3) אויס. — 4) דאָס זאָגט דאָס מיידעל, אַהיימקומענדיק און ליגענדיק אין בעט. — 5) דער. — 6) און. — 7) הײַנטיקען. —
8) קענטיק, דאָ דאַרף אויך זײַן, ווי אין III—VIII. —
„כּלה־רחל־לייבן־קרוין, כּלה־רחל־לייבן־מאַן!
האַנטיקאָ טאָג אי פין טאַנצע, פין זינגעֶ".
9) דעם מיידעלס ענטפער באַדאַרף, ווידער, זײַן ווי אין VII:
„לאָזן זיי טאַנצע, לאָזן זיי שפּרינגעֶ, —
יאַך על מאָ ליגן אין בעטאַלי — אין איי־ליו־ליו זינגעֶ!"
די סטראָפען II—VIII זענען געבויט אַף איין שניט, פונדעסטוועגען ווײַזען מיר, זענען זיי ניט אינגאַנצען גלײַך: דיזעלביקע פערזען קלינגען אין איינער אַזוי, און אין דער אַנדערער — אַנדערש; דאָ פעלט אַ פערז, דאָרט קומט צו: — ליטעראַרישע זאַכען, וואָס לעבען בלויז אין זכרון פון פאָלק, ניט וועֶרענדיק פאַרשריבען, קענען ניט בלײַבען אונגעשעדיגט. —
10) אין וואָלין זאָגט מען: באַבי; אין בערדיטשעוו און אין פּאָדאָליען: באָבי (boby), אין פּוילען: באָבי (buby). —

IV. — אַך באָבי, אַך באָבי, ריִף מאָ אַראַ מאַן זײַדי!"
אַזוי ווי דעִיאָ זײַדי איִז איִבאָ די שוועל אַריבאָגיִקיִמע, —
אַ קיִש איִן אַ גלעט — איִן די כּלה-רחל'ע אַריִמגיִניִמע:
— כּלה-רחל-לײַבן-קרויִן, כּלה-רחל-לײַבן-מאַן!
האַנטיִקן טאָג פיִן טאַנצע איִן שפּריִנגע?..."
— יאַך על מאָ ליִגן איִן מאַן בעטאַלי —
איִן איי-ליו-ליו-ליו זיִנגע!"

V. העִיאָ נאָ, די זײַדי, ריִף מאָ אַראַ די מיִמי!"
אַזוי ווי די מיִמי איִז איִבאָ די שוועל אַריִבאָגיִקיִמע —
אַ קיִש איִן אַ גלעט — איִן די כּלה-רחל'ע אַריִמגיִניִמע:
— כּלה-רחל-לײַבן-קרויִן, כּלה-רחל-לײַבן-מאַן!
האַנט איִז אַ טאָג פיִן טאַנצע, פיִן שפּריִנגע!"
— יאַך על מאָ ליִגן איִן בעטאַלי —
איִן איי-ליו-ליו-ליו זיִנגע!"

VI. — העִיאָ נאָ, מיִמי, ריִף מאָ אַראַ איִן פעטאָ!"
אַזוי ווי דעִיאָ פעטאָ איִז איִבאָ די שוועל אַריבאָגיִקיִמע —
אַ קיִש איִן אַ גלעט — איִן די כּלה-רחל'ע אַריִמגיִניִמע:
— כּלה-רחל-לײַבן-קרויִן, כּלה-רחל-לײַבן-מאַן!
האַנטיִקאָ טאָג אי פיִן טאַנצע, פיִן שפּריִנגע!"
— איִן יאַך על מאָ ליִגן איִן בעטאַלי —
איִן איי-ליו-ליו-ליו זיִנגע!"

VII. העִיאָ נאָ, די פעטאָ, ריִף מאָ אַראַ איִן בריִדאָ!"
—אַזוי ווי דעִיאָ בריִדאָ איִז איִבאָ די שוועל אַריבאָגיִקיִמע, —
אַ קיִש איִן אַ גלעט — איִן די כּלה-רחל'ע אַריִמגיִניִמע:
— כּלה-רחל-לײַבן-קרויִן, כּלה-רחל-לײַבן מאַן,
דעִיאָ האַנטיִקאָ אי פיִן טאַנצע, פיִן שפּריִנגע!"
— לאָזן זײַ טאַנצע, לאָזן זײַ שפּריִנגע, —
— יאַך על מאָ ליִגן איִן בעטאַלי —
איִן איי-ליו-ליו-ליו זיִנגע!"

VIII. — אַך בריִדאָ, אַך בריִדאָ, ריִף מאָ אַראַ מאַן חתן!"
אַזוי ווי דעִיאָ חתן איִז איִבאָ די שוועל אַריבאָגיִקיִמע —

אַ קיש אין אַ גלעט — אין די כלה רחל'ע-אַרימגינימע;
— כלה-רחל-לייבן-קרוין, כלה-רחל-לייבן-מאַן!
האַנטיקאָ טאָג — פין טאַנצע, פין שפּרינגע!"
— יאַך על מאָ ליגן אין מאַן בעטאַלי —
אין איי-ליו-ליו-ליו זינגע!"

IX. — גייץ-אַראָם [1], גייץ-אַראָם —
עט עץ זיין, ווי דעיאָ הימו [2] אי רויט.
צ'עט [3] אַראַנקימע — עט עץ זיין,
ווי די כלה רחל'ע ליגט שוין טויט.

X. „גייץ-אַראָם, גייץ-אַראָם —
עט עץ זיין, ווי דעיאָ הימו אי בלאָ.
צ'עט אַראַנקימע — עט עץ זיין,
ווי די כלה רחל'ע אי שוין נישטאָ.

XI. „גייץ אַראָם, גייץ אַראָם —
עט עץ זיין, ווי צוואַ [4] יידאָלאָך דרייען זאָך:
זיי זענע גיקימע נאָך מאַני שבת'דיקי קליידאָ,
נאָך מאַני וואָכעדיקי קליידאָ,
נאָך מיאָ אַליינט!

XII. „גייץ אַראָם, גייץ אַראָם —
עט עץ זיין, ווי צוואַ יידאָלאָך דרייען זאָך:
זיי זענע גיקימע נאָך מאַן שבת'דיק צירינג,
נאָך מאַן וואָכענדיק צירינג,
נאָך מיאָ אַליינט"....

ס אָ כ אַ ט ש ע ו. פּסח וואָלראַט.

---

[1]) גייט אַרוים. — [2]) הימעל. — [3]) עץ וועט — איר וועט. —
[4]) צוויי. —

אין דײַטשישען לידערבוך „דעם קנאַבען װאונדערהאָרן" [1]) געפינען מיר א 17 סטראָפיק געדיכט אף דיזעלביקע טעמע [2]).

עס גינג אײַן מעגדלײַן צאַרטע
פריה אין דער מאָרגענשטונד
אין אײַנעם בלומענגאַרטען,
פריש, פרעהליך אונד געזונד,
דער בלימלײַן עס פיעל ברעכען װאָלט,
דאַראַוס אײַן קראַנץ צו מאַכען,
פאָן זילבער אונד פאָן גאָלד.

דעם טויטס צוקומען װערט געגוי באַשריבען אין צװײ סטראָפען.

דאַ קאַם הערצו געשליכען
אײַן גאַר ערשרעקליך מאַנן,
דיע פאַרב װאַר איהם פערבליכען,
קײַן קלײַדער האַטט׳ ער אַן,
ער האַט קײַן פלײַש, קײַן בלוט,
קײַן האָאַר,
עס װאַר אַן איהם פערדאָררעט
זײַן האַוט אונד פלעקסען גאַר.

גאַר העסליך טהעט ער זעהען,
שויסליך װאַר זײַן געזיכט,
ער װײַזעט זײַנע צעהנע,
אונד טהאַט נאָך אײַנען שריטט
װאָל צו דעם מעגדלײַן צאַרט,
דאַס שיער פיר גראָססען ענגסטען,
דעם גרימען טאָרעס װאַרד.

דער מיאוסער פאַרשוין װענדט זיך צום מײדעל מיט אַ רעדע, װאָס פאַרנעמט גאַנצע 5 סטראָפען.

„נון, שיק דיך, מעגדלײַן, שיק דיך,
דו מוססט מיט מיר אַן טאַנץ!
איך װילל דיר באַלד אַופזעטצען
אײַן װאונדערשענען קראַנץ,
דער װירד דיר ניכט געבונדען זײַן
פאָן װאָהלריעכענדען קרײַטערן
אונד צאַרטען בלימעלײַן.

„דער קראַנץ, דען איך אַופזעטצע,
דער הײַססט דיע שטערבליכקײַט,
דו װירסט ניכט זײַן די לעטצטע,
דיע איהן טרעגט אוף דעם האַופּט,
װיע פיעל אַללהיע געבאָרען זײַן,
דיע מיססען מיט מיר טאַנצען
װאָל אום דאַס קרענצעלײַן.

[1]) „Des Knaben Wunderhorn". — Alte deutsche Lieder, gesamelt von L. Achim v. Arnim und Clemens Brentano. — Heidelberg, 1806—8.

[2]) „דער טאָד אונד דאַס מעדכען אים בלומענגאַרטען". — די זאַמלער האָבען עס איבערגעדרוקט פון אַ קעלנער פלוגבלאַט.

„דער ווירמער אין דער ערדע
איסט איינע גראָססע צאַהל,
דיע ווערדען דיר פערצעהרען
דיין שענהייט אַללצומאַל,
זיע ווערדען דיינע בלימליין זיין,
דאַס גאָלד אונד אויך דיע פערלען,
זילבער אונד עדעלשטיין.

„ווילסט דו מיך גערנע קעננען
אונד וויססען, ווער איך זיי?
זאָ הער מיין נאַמען נענגען,
וויל דיר איהן זאַגען פריי:

דער גריממע טאָד ווערד איך גענאַננט
אונד בין אין אַללען לאַנדען,
גאָר וויט אונד בריט בעקאַננט.

„די זענזע איסט מיין וואַפפען,
דאַס איך מיט רעכטע פיהר,
דאַמיט טהו איך אַנקלאָפפען,
יעדעם אַן זיינע טהיר,
אונד וועגן זיין צייט איסט קאָממען שאָן,
שפעט, פריה אונד אין דער מיטטען,
׳ס הילפט ניכטס, ער מוסס דאַפאָן״.

אַן-און-פאַר-זיך, ד. ה. פון דער ליטעראַרישער זייט, איז דער מאָנאָ-לאָג גאַנץ שיין, אָבער צו דער אידעע פון דעם ווערק זענען די בלויזע צוויי פערזען פון יידישען נוסח:

„וואָס ענפאָסטו מאָ „גיט יאָע״?
יאַך בין דאָ גיקימע צינעמע דאַני יינגי יאָע!״ —

— פיל מער צוגעפאַסט. — אין ביידע לידער ווערט פאָרגעשטעלט די אַבסאָלו-טע אונפאַרמיידליכקייט, די אייזערנע אונבּרחמנות׳דיגקייט, דאָס בלינדע אַכזריות, די זינלאָזיקע אומגעלומפערטקייט פון טויט. דעריבער: וואָס ווייניגער דער שרעק-ליכער גאַסט רעדט, וואָס קורצער, קאַטעגאָרישער זיינע ווענדונגען און תשובות זענען, דאָס פולער, שטאַרקער און שוידערליכער איז דער איינדרוק, — אַלזאָ — דאָס בולט׳ער און מעכטיקער ווערט אויסגעדריקט דער גרונטגעדאַנק.

דער וויטערדיקער שמועס צווישען „מעגדליין״ און דעם טויט איז אויך אַ ביסעל צו פלוידערדיק. — איר פאָטער האָט אַ סך גאָלד, זי איז גרייט רייך צו בעלוינען דעם „ליבען טויט״, — ער באַדאַרף, אָבער, נישט „קיין שאַץ״. — דער פאָטער וועט פאַר איר אַוועקגעבען דאָס גאַנצע הויזגעזינט, — דער אונדערבאַרעמדיקער מאַן וויל, אָבער, נאָר זי אַליין: איר משפחה וועט פון אים אויך נישט אַוועקגיין, ער ווייסט, ווען צו קומען. — דאָס דערשראָקענע קינד צאַפּעלט: „איך וויל מיך לערנען כל המדות טובות״, — זי בעט זיך: „שענק מיר נאָך אַ ווייל!״ — נאָר דער העסליכער שאָטען טרעט נישט אָפּ, וואַרפט זי אום אין גראָז, און רירט זיך צו צו איר יונג האַרץ:

איהר׳ פאַרב טהאַט זיע פערוואַנדעלן,

איהר אויגלײַן זיע פערקעהרט,
פאַן אײַנער זײַט צור אַנדערן
וואַרף זי זיך אויף דער ערד,
אַלל וואָללוסט איהר פערגאַנגען וואַס,
קײַן בלימלײַן מעהר וואָללט האַלטען
וואָהל אום דעם גרינען גראַס.

די ערשטע סטראָפע פון דער יידישער פאָעמע ענדיגט זיך אַנדערש:

„גײַ גיזײַגן דאָך מי דעם גאַנטסן האָז,
וואַל דאַן נשמה גײַט ישוין אָס".

דאָס זאָגט דער „אַלטער זײדע". — דערנאָך קומען 11 סטראָפען, וואָס מאַכען דאָס געדיכט אונפאַרגלײַכליך שטאַרקער פון דײַטשישען.

די סטראָפען II—VIII שטעלען פאָר אַ אויסערגעװײנליך רירענדיקע סצענע, ווי דאָס מײדעל, וואָס ווײסט, אַז איר איז געבליבען נאָר געצײלטע מינוטען צו לעבען, געזעגענט זיך אָפּ מיט'ן גאַנצען הויזגעזינט. חלש'ענדיק פאַר'ן גרױזאַמען שליח, ער זאָל רחמנות האָבען אַף אירע יונגע יאָרען, האָט זי אָנגעװיזען דעראָף, אַז אַלע נאָהענטע האָבען זי זער ליב. די דערמאָנטע 7 סטראָפען באַװײזען, אַז דאָס איז נישט געװען קײן באַרימעניש. — „הײַנט איז אַ טאָג פון טאַנצען, פון שפרינגען", — עפּעס אַ פאַמיליען-שמחה — פילײַכט איר אײגענע חתונה? — און דאָס מײדעל האָט זיך פּלוצים אַרײַנגעלעגט „אין בעטאַלי". די שטובּיקע װײסען נישט, וואָס די סבה איז. פאַר זײ איז רעכט, אַז דאָס איז נאָר אַ קאַפּריז, — פונדעסטװעגען זאָגט איר קײנער קײן הויך וואָרט נישט, — מ'בעט זיך בײַ איר מיט װײכע, גוטע, וואַרימע רעד: „כלה-רחל-לעבען-קרוין, כלה-רחל-לעבען-מאַן!" — זי הײסט זיך אַרײַנרופען אײן מיטגליד פון דער משפחה נאָכ'ן אַנדערן, און איטליכער, צו װעמען זי װענדט זיך מיט'ן בעפעל, דערפילט תיכף איר װילען. מ'איז איר געהאָרכזאַם, ווי צו אַ בת-מלכה. אַרײַנגעקומען און — „אַ קוש און אַ גלעט — און די כלה-רחל'ע אַרומגענומען", — דאָס יונגע קינד באָדט זיך אין צערטליכקײט, זי איז דער צענטער פון אַלגעמײנער צוגעבונדענקײט, און פון אַזאַ גליק, פון אַזאַ אונענדליכער, אָפּגרינטליכער ליבע מוז זי אַװעקגײן אין קאַלטען פינסטערן קבר. אַ מאָרנע טיפער טרויער שטעקט אין איר ענטפער: „יאַך על מאָ ליגן אין מאַן בעטאַלי — אין איי-ליו-ליו-ליו זינגע!" — מיט װעלכען עס ענדיגט זיך איטליכע פון די 7 סטראָפען, וואָס פאַרגרעסערען ביז גאָר דעם װײטיג פון דער גרונטאידעע.

די פּאָעמע שליסט זיך מיט 4 סטראָפֿען, וואָס בילדען אַנ׳איינגענאַרטיקע מיסטישען, האַרצקלעמענדיקען אַקאָרד.

№ 107.

צווייטער וואַריאַנט.

— איך, שײן מעטיען, זיץ מאָ [1] אין גאַרטין,
זינג מאָ אַ ליד און שפּיל מאָ אין קאַרטין.
איך בין שײַן, מאַן פאַטאָ אי ראַך, —
ס׳אי נישטאָ קין מענטש צי מאָ גלאַך.
...ווי ביטאָ [2] קימט אָן דעם מענטש דעיאָ טויט, —
ווי דעם אָרימאַן דאָס שטיקאַלי ברויט!
אוי, אַלטאָ זײַדי, לאָ מאָך שוין לייבין
פֿאַ מאַן פאַטאָ אין מיטאָ ס׳ווייגין!
מאַן פאַטאָ אין מאַן מיטאָ זײַ האַבין מאָך ליב,
זײַ וואָלטין דאָ [3] אַוועגיגײַן [4] דאָס אַלץ פֿין די שטיב!"
— אַלץ פֿין די שטיב לאָז׳אָך שוין שטײַן
צי דיאָ בין אָך גיקימע — די זאָסט מיט מאָ גײַן".
— אוי, אַלטאָ [5] זײַדי, לאָ מאָך שוין לייבין —
פֿאַ מאַן שוועסטאָ אין ברידאָ ס׳ווייגין:
מאַן שוועסטאָ אין ברידאָ זײַ האַבין מאָך ליב,
זײַ וואָלטין דאָ אַוועגיגײַן די גאָלדיני שטיל".
— די גאָלדיני שטיל לאָז אָך שוין שטײַן —
צי דיאָ בין אָך גיקימע — די מיסט מיט מאָ גײַן".
— אוי, אַלטאָ זײַדי, לאָ מאָך נאָך לייבין —
פֿאַ מאַן פעטאָ אין מימי ס׳ווייגין:
מאַן פעטאָ אין מימי זײַ האַבין מאָך ליב, —

[1] mo (מיר). — [2] bíto (ביטער). — [3] do (דיר). — [4] אוועק־געגעבען. — [5] ałto. —

זײַ וואָלטין דאָ אַוועגיגײַן דאָס קינד פין די וויג!״
— דאָס קינד פין די וויג לאָז אָך שוין וויגין:
ווען יאַך עפּ עס דאַרפין — על אָך עס קריגין״. [1]
— אוי אַלטאָ זײַדי, לאָ מאָך שוין לײַבין —
פאַ מאַן כשר׳ן זיוויק [2]) ס׳ווײַגין!״
— דאַן כשר׳ער זיוויק עט דאָ [3]) גיפעלין —
אַ שוואַרץ חופּה׳לי עט מין דאָ [3]) שטעלין.
אַ שוואַרץ חופּה׳לי אי דאָך ביטאָ, —
גײַ גיזײַגין דאָך מיט פאַטאָ אין מיטאָ,
גײַ גיזײַגין דאָך מיט׳ן גאַנטסין האָז:
דאַן כשר׳ן נשמה גײַט דאָ שוין אָס!״

וואַרשאַ מלכה קאָרנזייער 15 יאָר.

№ 108.

דריטער וואַריאַנט.

שטײַט שרה׳ינקע לעבן שפּיגל
און זאָגט:
—אי בין שײַן או מײַן טאַטע
אי רײַך [4]),
ווער אי נאָך צו מיר גלײַך?״
דאָ קומט אַנ׳אַלטער, אַ גרײַ-
זער מאַן
און זאָגט:
— אי בין צו דיר גלײַך.
דו מוסט מיט מיר גײַן.״
— מײַן טאַטע או מאַמע
האָבן מיך זײער האָלט,
זײ עלן פאַר מיר ניט זאַלעווען
טונען מיט גאָלד״.
— טונען מיט גאָלד
מוזן בלײַבן שטײַן,
און שרה׳ינקע, די שײנע-פײַנע
מײדעלע,
מוז דאָך מיט מיר גײַן״.
— מײַן טאַטע או מאַמע
האָבן מיך זײער ליב,
זײ עלן פאַר מיר אוועגעבן

---

[1]) ריבטיקער ווי אין נ׳ 106, I, 23. — [2]) זיווג, — [3]) do (מיר).
— [4]) זײ נ׳ 107, דריטער פערז.

א קינד פון וויג״.
— דאָס קינד אין וויג
״ט בלייבן אי דער היים,

און שרה׳ינקע, די שיינע־פיינע
מײַרעלע,
מוז דאָך מיט מיר גיין״.

ש. אַנ—סקי [1].

№ 109.

I. איינסט וואָללן וויר אנפאנגן צו שפרעכען פאָן דער ליעבען וועלט.
וועגן איינער מוסס אבשיידען, וואס ניטצט יהם אלל זיין געלד?

II. בית יסט איין הויז [2], דאס טוט זיך ום מיר ווערפען [3].
דער מלאך־המות שטעהט צו קאָפף ונד טוט דען חלף שערפען.

III. גראָססע גדולות האב יך געהאבט, זייט יך בין געבאָרען;
יעטצט ווירד מאן מיך וועגפיהרן, ניכט געריטטען, ניכט געפאָהרען.

IV. דאס האב יך וואָהל געוואוססט, יך ווערד ניכט עוויג לעבען,
העטט עס מיר אבער ניכט פאָרגעשטעללט, יך ווערדע מיססען
רעכנונג אבגעבען.

V. היין, היים, היין, עס קאנן ניכט אנדערס זיין;
וועגן מאן מיך שאָן רופט, דא מוסס יך יא שאָן גייהן.

VI. וידוי שלעגט מאן מיט דער רעכטען האנד,
רבותי־לעבען, דרעהט׳ס מיך ום מיט דעם פנים צו דער וואנד.

VII. זאנפט וואר זאָנסט מיין גאנצעס לעבען,
יעטצט מוסס יך מיך דעם מלאך־המות ערגעבען.

VIII. חברה־קדישה [4] האנדעלט׳ס דאָך ביושר,

---

[1]) „יעוור. סטארינא״, II, 64. — [2]) זיי № 110, דריטע סטראָפע. — [3]) אונפארשטענדליכער אויסדריק. — ריכטיקער, זייט אוים, אין דער צוויי־טער פערז III אין נ׳ 110. — [4]) פארגלייך נ׳ 110, IX.

בעגראַבט'ס דען אַרמען זאָ ווי דען עושר!

IX. טאַטע ונד מאַממע, טוט ניכט ום מיך קלאָגען,
ווענן מאַן מיך ווירד וים דער קהלה רויסטראָגען.

X. יהודים גלויבען אַן איינעם איינציגען גאָטט,
דאַרום לאַססט מיך זאַגען דאַס לעטצטע וואָרט: „אחד".

XI. כל הקהל הקדושה טוט'ס מיך ניכט פלאַגען,
דען גאַנצען ליעבען טאַג יממערפאָרט די׳ע וידוי צו זאַגען.

XII. לומדי תורה ברויכען דאָך קיין געלד,
דאַ זיע דאָך האָפפען וף איינע בעססערע וועלט.

XIII. מיינע פיססע פאַנגען אַן צו קיהלען[1],
די׳ע כלי-זמרים פאַנגען שאָן אַן צו שפיעלען.

XIV. נשים צדקניות, יהר פראָממען וויַבער,
געבעט צדקות ום דער געזונדהייט איירער לייבער.

בערלין[2]. א. קירשנער.

№ 110.

I.

די וועלט איז קיילעכיק,
ווי א הינערשער איי.
פין דער וועלט אוועקציגיין
איז דאָך זייער וויי.

II.

א מאַלט:
אָב רחמים שוכן מרומים.
אַז אָך אין ווי די קליינע קינדער,
וואָס זיי בלייבין יתומים.

---

[1]) זיי נ' 110, V. —

[2]) „מיטטיילונגען" VIII, — געדריקט מיט'ן טיטעל: „שוואַנענליעד איינעם קאַנטאָרס", הגם פונ'ם אינהאַלט איז נישט צו זיין, דער שטאַרבענדי-קער ניגער זאָל זיין דוקא אַ חזן.

III.

ב מאַכט: בית—אַ שטוב, —
אַנ׳עברה אוועקציוואַרפין,
אין דער מלאך־המות
מיט דעם חלף שאַרפין.

IV.

ג—מאַכט: געלט אין גיטס
איז דאָך הכל הבלים.
די גאַנצע וועלט איז דאָך
ווי איין חלום.

V.

ד מאַכט: די הענט מי[1] די פים
הייבין אָן צי קילין,
אין די פייפלין פינ׳ם האַרצין
הייבין אָן צי שפילין.

VI.

ה מאַכט: המאיר לארץ
ולדרים.
אין אַז דער מענש שטאַרבט
אָהן מצוות,
איז ער דאָך זייער אָרים.

VII.

ו מאַכט: ווייסע קליידער
מיט דעם מענשין באַשייגען.
ריפט זשע אַריין מיין ווייב
אין קינדער
זאָלין זיי מיך שוין בעוויינען.

VIII.

ז מאַכט: זייט זשע מיר געזינד,
מיין ווייב אין קינדער,
גאָט זאָל אַך[2]) מפרנס זיין
יעדערין בעזינדער.

IX.

ח מאַכט:
חברה קדישא, ערליכי[3]) לייט,
ריפט זשע אַריין מיין ווייב
אין קינדער,
אין שטעלט זיי ביי דער זייט.

X.

אָדער ח:
חברה קדישא—, ערליכי מענשין,
ריפט זשע אַריין מיין ווייב
אין קינדער, —
לאָמ׳יך זיי בענשין.

XI.

ט מאַכט: טינט אין פען

---

[1]) מיט. — [2]) אייך. — [3]) ערליכע. — אין דעם שטעטעל כּאַבּנע און אין איינעקע אַנדערע ערטער רעדט מען „מיט׳ן חירוק", ד. ה. אין אַ סך ווערטער שפּרעכט מען ע אוים ווי י. — מ׳זאָגט דאָרט: ירליך (ערליך), פּירד (פערד), רידער (רעדער), גיזיגינען (געזעגענען) און ז. וו.

איז ניט מיגלאַך[1]) אויסציִשרייַבין.
אַז אָך אין וויי איז מיר,
וואָס סע קען שוין גיטס מייַן
ווייַב אין קינדער בלייַבין.

XII.

י מאַכט: יאָ, יאָ! כ׳אָ[2]) גימייַנט,
אַז איך וועל אייביק לייַבין, —
און צים סוף דאַף[3]) איך דאָך
דין וחשבון אָפּציגיבין.

XIII.

דין וחשבון אָפּציגיבין
איז דאָך זייער שלעכט.

באַבנע (קיִעוו. ג.)

רייַבט זשי איף[4]) אַ שווייבאַלי:
און צינט זשי אָן אַ ליכט[5]).

XIV.

ל מאַכט: לאָמיר זיך גיזעגינען,
מייַן ווייַב און קינדער,
וואָרים ס׳איז דאָך פין מיר
שוין דער עק.
און מ׳טראָגט מיך, אוי,
באַלד אַוועק.

XV.

— צדקה תציל ממות!
גייט צי דער לויה!

אַבּא קראַוויעץ, 21 יאָר.

№ 111.

וואַריאַנט.

I.

אוי, די א מאַכט דאָך:
„אָב הרחמים שוכן מרומים".
אָך און ווי אי צי אַזאָלכי
קינדאָ,
וואָס בלאַבן אָרימי יתומים.

II.

אוי, די ב מאַכט דאָך:
בּית — אי דאָך אַ שטיב.
עס איז אַ שאָד אַוועקציוואַרפן,
און דעיאָ מלאך-המות
טיט די שוועיאָד שאַרפן.

---

[1]) מעגליך. — [2]) כ׳האָב. — [3]) דאַרף. — [4]) אף. — [5]) דאָ מאַכט דער זינגער אַן אָנמערקונג: „וויטער האָט דער שטאַרבענדיקער שוין ניט געהאַט קיין כח און האָט ניט געקענט אויסזינגען דעם גאַנצען אלף-בית". —

III.

אוי די ג מאכט דאך:
א גיטעס געלט א בלום. [1])
דאס גאנצע לייבן פין א מענטש
איז אזוי ווי א חלום.

IV.

אוי, די ד מאכט דאך:
די הענט מי די פים —
זיי הייבן שוין אן צי קילן,
אין די ריירלאך פין מאן הארץ
הייבן שוין אן צי שפילן.

V.

אוי, די ה מאכט:
„המאיר לארץ ולדרים".
אז א מענטש שטארבט אהן מצוות,
איז א זייא [2]) ארים.

VI.

אוי, די ו מאכט:
די וואסע קליידא —
זיי טיען דאך א מענטש באשיינע.
ריפט ארא מאן וואב אין קינדא,
על אך זיי באוויינע.

VII.

אוי, די ז מאכט:
פאבלאבט שוין מיא גיזינט,
אלי מאני שכנים,
דעיא סוד, וואס יאך אך
מגלה גיוועזן,
זאגט ניט אס פא קיינעם.

VIII.

די ז מאכט דאך:
פאבלאבט שוין מיא גיזינט,
מאן וואב אין קינדא,
גאט זאל אך מפרנס זאן
יעדארן באזינדא.

IX.

אוי, די ח מאכט דאך:
די חברה קדישה —
דאס זענע דאך הייליקע
מענטשן.
ריפט ארא מאן וואב אין קינדא,
על אך זיי בענטשן.

X.

אוי, די ט מאכט דאך:
די טינט מי די פעדא, [3])
עס קע נישט אלץ באשראבן.
וואס דעיא אייבאשטא [4])
טיט מיט א מענטש,
מיז' א [5]) עס פאליידן.

---

[1]) קענטיק, פארדארבען פון „גוטס און געלט איז הבל הבלים" (זיי ב' 110, IV). — [2]) זער. — [3]) פעדער. — [4]) אייבערשטער. — [5]) מוז ער. —

XI.

אוי, די י מאכט דאך:
יאָ, יאָ, יאָ!
עס אי דאך טאקי אמת:

סאָכאַטשעוו.

אַ מענטש קען ניש איבּיק
לייבן,
אין צים סוף אין צים סוף
מיז עיאָ דין וחשבון אָפּגייבן. [1]

א. ב. כץ.

№ 112.

I.

דאָט ליקט אַ יינגאַמאַן
אָף זאַן קראַנקין בעט,
פּליצלינג קימט זאַן וואַבּעניו
אין בּייט באַ'נ'עם אַ גט.

II.

— אַ גט, אוי אַ גט
קען יאך דאָ [2] ניש גייבּין:
גיי אין לויף אין בית-המדרש
אין בּייט, אַז יאך זאָל לייבּין".

III.

ראַבּטס אַ שווייבּאַלי,
צינץ [3] אַ לאַכט [4]

אין אַלי פּאַלאַטין:
וויינט אין קלאָגט, קינדאַלאַך, —
עטץ אָט ניש קין מאַטין!

IV.

די וועלט אי קאַלעכדיק
ווי אַ הינערן איי:
פין די וועלט אַוועקציגיין
אי דאך ווינד אין ווי. [5]

V.

אַ בעל-הבית פין אַ שטיבּ
אי שוועיאָ [6] אַוועקציוואַרפין.
פּליצלינג קימט דעיאָ מלאך-המות
נעמט נ'חלף שאַרפין. [7]

ח. לעווקאָוויטש.

סאָכאַטשעוו.

---

[1] פאַרגלייך מיט דער צענטער סטראָפע אין נ' 350 באַ ג.-מ.

[2] דיר. — [3] צינדטס. — פוילישיידישע פאָרם פון אימפּעראַטיוו: ראַבּטס — רייבּט, רייבּען זי; צינץ — צינדט, צינדען זי. — [4] פאַרגלייך נ' 110, XIII. — [5] זיי נ' 110, I. — [6] שווער. — [7] די סטראָפע שטעלט קענטיק, פאַר אַנ'איבּעראַרבּעטונג פון III אין נ' 110. —

№ 113.

וואַריאַנט[1].

I. די גאַנצֶע וועלט איז קײַלעכדיק,
אַזוֹי ווי אַ הינערן אײַ .
פֿון דער וועלט אַוועקצוגײן
איז דאָך ווינד און ווײ .[2]

II. אוי, דאָרטען ליגט אַ יונגערמאַן
בײַ זײַן קראַנקען בעט , —
קומט צוגײן זײַן ווײַבעלע
און בעט בײַ אים אַ גט[2].

III. — „אוי, אַ גט , אוי , אַ גט קען איך דיר נישט געבען ,
קען איך דיר נישט געבען .
גײ און לויף אין בית המקדש[3] אַרײַן
און בעט, אַז איך זאָל לעבען .[2]

IV. „אוי, ווײנט זשע, קלאָגט זשע, קינדערלעך, קינדערלעך,
און צינדט שוין אָן ליכט אין אַלע פּאַלאַטען, —
ווײנט זשע, קלאָגט זשע, קינדערלעך :
עטץ האָט שוין מײַן קײן טאַטען .[2]

V. „ווײנט זשע , קלאָגט זשע , קינדערלעך , קינדערלעך ,
און צינדט שוין אָן ליכט אין אַלע רוירען , —
ווײנט זשע , קלאָגט זשע , קינדערלעך :
עטץ האָט שוין ענקער טאַטע פֿערלוירען .[2]

VI. אַ בעל הבית פֿון זײַן אײגען הויז , פֿון זײַן אײגען הויז
איז שווער אַרויסצוּוואַרפֿען , איז שווער אַרויסצוּוואַרפֿען .

---

[1] צופֿעליק , מיט דער ליטעראַרישער אָרטאָגראַפֿיע . —

[2] די צוויי פֿערזען — בּיס . — [3] דאַרף צו זײַן : „אין בית המדרש".

באַ מיר שטייט דער מלאך המות
און טוט דעם חלף שאַרפען" [1].

לענטשיץ (קאַליש. ג.). מרדכי רובינשטיין.

№ 114.

דער מלאך המות מיט דעם קראַנקין.

דער קראַנקער טײַנעט אײַן מיט דעם מלאך המות פאַר דעם טויט.

(2) 1.

קראַנקער: גייא אַוועק פון מיר,
שטייא נישט בייא מײַן טיער,
טרעט מיך שוין אָפּ אײַן מעניט. [3]
דוא ביסט געקומען פון אײַן עק,
דוא גייסט פון מיר נישט אַוועק, [4]
דוא צאַפּסט פאַן מיר מאַן לעצט ביסיל בלוט;
דוא ביסט געקומען וויא אײַן אַשפּעיאָן, [5]

---

[1]) די צוויי פערזיין — ביים. —

[2]) ה׳ פ. גראַובאַרד — אין סאָכאַטשעוו (וואַרש. ג.) און ה״ש. לעהמאַן — אין בלוינע (אויך וואַרש. ג.) האָבען, איינער אונאָפּהענגיק פון אַנדערן, פאַרשריבען אַ 11-פערזיקען פראַגמענט, וואָס אַנטשפּרעכט דערדאָזיקער סטראָפע, — נאָר מיט די ווייטער אָנגעוויזענע וואַריאַנטען. —

[3]) מעניט — וואַרשעווער פאָרם. — אין סאָכ. און בלוינ. פראַג. (ווי פריערדיקע אָנמ.) פעלט דער פערז; אָנשטאָט אים קומט: אין ס. — „גיי פון מאַ אַוועק"; אין ב. — „גיי פון מאַ אַוועק, גיי אַוועק!" —

[4]) אין סאָכ. און בל. פראַג. — פעלט. — [5]) אין סאָכ. פראַגמ. ריכטיקער: „אַזוי ווי אַ שפּיאָן" (אין בל. פראַגמ.: „אַזוי ווי אַ שפּיָן").

וויא אויף איין אזעקוציאָען [1])
מיין נשמה [2]) צו נעמען געשווינד.
מיין שלאָף האָסט דוא פערלאָשין [3]).
איידער איך האָב נאָך עפּעס גוטעס גענאָסען [4])
דוא נעמסט מיך אוועק פאָן מיין ווייב אונ קינד. [5])

2.

מלאך המות: ברודער, אז איך האָבע דיך געטאָהן אנפאנגען
אז עס וואָלט גיוועזען אין מיר בעלאנגען,
אזוי וואָלט איך דיר דיינע שמערצין געדענקט,
איך וואָלט גיהאט אין זינען,
אזוי וואָלט איך אויף דיר רחמנות בעקאָמען,
איך וואָלט דיר דיין נשמה געשענקט.
נאָהר איך בין דאָך נאָהר איין פּראָסטער שליח,
איך בין דיך געקומען איין שרייבין און בוך, —
דוא מוסט שוין מיט דיינע ליפּען פערבייסען; [6])
דיא זאַך איז שוין אזוי געבליבען:
עס שטייט שוין אין בוך געשריבען, —
מען קען שוין דיא גזירה קיין מאָהל נישט צורייסען! [7])

3.

קראנקער: ברודער, דוא בינסט גירעכט:

---

[1]) אין ס. פּ.: „אין אַזוי ווי אַ זאַקאַציאָן". (אין ב. פּ.: „אין אַזוי ווי אַ זאַקאָציער"). — זאָל דאָס פאַרדאָרבענע וואָרט באַטייטען: „עקזעקוציאָן"? — [2]) ס. און ב. פּ.: „מאַן לייבין". — [3]) ס. און ב. פּ.: „די לאָמפּין אָט מין מאָ אָסגילאָשין". — [4]) ס. און ב. פּ.: „ס'אַראָ-גיץ אָב'אָך אָף די וועלט גינאָסין?" — [5]) אין ס. און ב. פּ. — פעלט דער פערז; אָנשטאָט איִם: „האַנט מיר אָך, נעבאָך, די ליפּאָלאָך פאַבאַסין". — [6]) וואַריאַנט פון דעם פערז זייִ באַ ג.-מ., ב' 349 (ז' 304). — [7]) באַ ג.-מ. (l. c.) — וואַריאַנט פון דעמדאָזיקען פערז.

איך האָבּע נאָך אויף דעֶר וועֶלט גאָהר ניִשט פאַרעֶלבט,
און איך מוז שוין מיִט דיִר גיין;
עֶס וועֶט ניִשט העֶלפּיִן מיִר,
איך מיִז שוין געֶהעֶן מיִט דיִר, —
עֶס וועֶט מיִר ניִשט העֶלפעֶן מיין געֶוויין! [1])

4.

מלאך המות: ברודעֶר, וואָס ביִסט דוא זאָ איין אויסנאַמעֶ?
איך נעֶהם ריילעֶ דאַמעֶ,
און דעֶר צו יונגעֶ מעֶנעֶר;
איך נעֶהם דאַמעֶ שיינעֶ,
איך דעֶרבאַרעֶם מיִך ניִשט איִבעֶר קיין קיִנדעֶר קליינעֶ,
וויא איִז צו מיִר, וואָס איך ביִן אַזוי אַרייכעֶר קעֶנעֶר!
היינט, אַז איך קום צו דיִר צו געֶהן,
מאַכסט דוא אַגרוים געֶוויין,
גלייך וויא דיִא וואָלסט גיִהאַט אויף דעֶר וועֶלט איין ווערט.
האַלט זיִך ניִשט אַזוי שמאָלץ:
דוא וועֶסט באַלד ליִגעֶן אַזוי וויא איין שטיִק האָלץ,
דוא מיִסט שוין געֶהן איִן דעֶר הוילעֶ ערד!

5.

די פרוי: איך שטעֶהעֶ דאָך פאָן וויטעֶן,
און איך קוק מיִך אַרום פאָן אַללעֶ פיִהר זייטעֶן,
מיִט טרעֶרעֶן טיִהעֶ איך מיִך בעֶגיִסעֶן.
אוי, דיִא ליִבּעֶר מאַן,
זייא שוין אויף מיִר דאַן,
איך זאָל נאָך אויף דעֶר וועֶלד עֶפּעֶס גיִטעֶס געֶניִסעֶן.
אַז איך האָבּעֶ געֶנומעֶן מיִט דיִר חופה קדושין,
מיִט „הרי את״ האָסט דוא געֶטאָהן אַזוי אַליִבּעֶ בעֶשליִסעֶן, —
איך ביִן דאָך גיִוועֶזעֶן דיִא גליִקליִכסטעֶ פאָן דעֶר וועֶלט.

---

[1]) וואַריִאַנט באַ ג.־מ., 305־טעֶ זייט.

אָבער היינט בלייב איך איינע אַליין,
איך בלייב עלענד אַזוי ווי איין שטיין, —
איך וועל שוין מוזען ליידען נויט אונ קעלט!

6.

קראַנקער: טאָכטער מיינע, דוא בּיסט דאָך נישט איינע.
וואָס טראַכסט דוא אַזוי איבּער מיר?
גייא אַוועק פון מיר:
איך וועל זיין איין מליץ יושר פאַר דיר!
טייערער זוהן, טייערער בּערלאַנד, [1]
פאַר מיין טויט גיב מיר דיא האַנד,
דוא וועסט מיר נישט פערזאָגין,
דוא וועסט איין גאַנץ יאָהר נאָך מיר קדיש זאָגין.

7.

מלאך המות: זעה נאָהר, דוא פערפאַרכטעטער [2] מענש,
גאָט האָט דיך אַגאָר נישט גיבּענשט.
נעהם דיר נאָהר איין ראיה פון דעם ווערעמיל
פון דער ערד.
דען דאָס ווערעמיל פון דיא ערד
האָט דאָך בּייא גאָט חן געקריגען,
דאָס גליק פון אַללע יודין, —
דו מוזט דאָך ליגען מיט דיא ווערעם צו גראָד.

ענדע.

---

[1]) המונ'ישע אויסשפּראַך פון וואָרט „בּריליאַנט". — דאָס וואָרט געפינט זיך אויך אין שלום־עליכם'ס „צוזייט און צושפּרייט". —

[2]) פאַרשטינקענער. — אין פּוילען זאָגט מען: „גיסרובּע" ד. ה. שטינקעכץ. —

דאָס ליד איז געדרוקט אין טאַנדעטביכעל מיט'ן טיטעל:
„צוויא גליקליכע לידער 1) גלית הפלשתי, אָדער דיא מלחמה דוד מיט גלית'ן. 2) מלאך המות מיט דעם קראַנקען וויא דער מלאך המות טאַנצט איין מיטין קראַנקען פאַר דעם אָפשטאַרבען. — פערלאַגע אין איינגענטהום פון העניך לאַפידות ספרים האַנדיל אין טשענסטאָכאָוו. — פיעטרקוב. תרס"ד. בדפוס שלמה בעלכאַטאָוסקי".
2 זייטלעך פאַרנעמט דער שער, 13 — די פּורים־שפּיל, און 5 — דאָס ליד פון טויט.
קיין מחבר איז ניט אָנגעוויזען.
דער, וואָס האָט דאָס ביכעל איבערגעגעבען צום דרוק, האָט זער געוויסענהאַפטיק געהאַנדעלט: ער האָט פאַרשריבען צוויי פאָלקסטימליכע זאַכען (די פּורים־שפּיל און דאָס ליד) און זיי פאַרקויפט אַ מוכר־ספרים, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר רובל; אָבער ער איז געווען אַף אַזויפיל ערליך ניט אַראָפּצושטעלען זיין נאָמען, אַלס אויטאָר, אַף די ווערק, וועלכע ער האָט אָפּגענומען פון פאָלקסמונד. —
איבערדרוקענדיק דאָס ליד, האָב איך איבערגעלאָזט די גענויע אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל, מיט אַלע אירע גרייזען, — בלויז די צייכענס פון דער אינטערפּונקציע ריכטיקער אויסגעשטעלט.

№ 115.

דאָס ליעד פאָן דעם קראַנקען מיט דעם מלאך המות.

(וואַריאַנט פון נ' 114)

I. גייא אוועק פאַן מיר, [1]
שטיי נישט בייא מיין טיער,

---

[1] מיט פעטיט זענען אין דעמדאָזיקען וואַריאַנט געזעצט די אַלע פערזען, אויסדריקען און ווערטער, וואָס געפינען זיך אויך אין נ' 114. —

טרעיט מיך שוין אפּ איין מינוט.
דיא ביסט גיקאממען פאן איין עק,
צו נעמען מיין לעבען אוועק. —
די צאפּסט פאן מיר אוים מיין לעצט ביסל בליט[1].
די ביסט געקאמען ווי איין ראש־באין,
אין דיינעם עקזיסאן,
צו נעמען מיין נשמה געשווינד.
מיין לאמף האסט די פערלאשען,
איך האבע אויף די וועלט קיין שים גיטס נישט גענאסען,
די נעמסט מיך אוועק פאן מיין ווייב און קינד[2].

II. ענטווערט דער מלאך המות צום קראנקען:

איך וואלט דיך נישט געוואלט פאנגען.
עס זאל נאר זיין אין מיר צו בעלאנגען,
וואלט איך דיינע שמערצען גערענקט, —
איך וואלט גערהאט אין זינען,
איך וואלט אויף דיר רחמנעס בעקימען,
איך וואלט דיר געווען דאס לעבען געשענקט.
איך בין דאך נאר איין פראסטער שלוח.
איך בין דיר געקאמען איין שרייבען אין ביעך, —
מיזט די מיט די ליפּען פערבייסען.
די זאך איזט שוין פערבליבען, —
אז עס ווערד אין ביעך איין געשריבען,
אבער די גזרה פאן הימעל קען מען נישט צו רייסען.

III. זאָגט דער קראנקער צום מלאך המות:

ברידער, ברידער! דיא ביסט גערעכט.

---

[1]) וואריאנט פון די עטליכע פערזען געפינען מיר בא ג.־מ., אין נומער 349 (ז' 304). — [2]) דאס זאָגט דער חולה.

איך האבע, אבער, אויף דער וועלט קיין שום גיטץ
גאר נישט פערדערלעבט, —
היינט ווילסט דיא מיך שוין קענען! —
וויפיל בליט איסט פאן מיין מוטטער אפגערינען,
איידער זיא האט מיך געוויננען, —
יעצט ווילסט דיא מיך פאן דער וועלט אוועק נעמען.
וויפיעל טרערין זענען אפגערינען פאן מיין מוטערס אויגען,
איידער זיא האט מיך דערצויגען, —
וואס קאממט מיר אלעם דערוים?
היינט ביסט דיא געקאממען,
מיין לעבען נישט ציא פערגינען.
אוי, געוואלד, איך האלט דאס נישט אויס!

IV. אוי, וויי איסט מיר,
אז איך מיז שוין גיין מיט דיר
אין אזוי איין וויטען וועג.
ווארט איין מינוט:
איך וועל נעמען איין אבשייד
פין מיין ווייב אין קינד אין מיין גאנץ פערמעגין.
אלע שטייען ארים פין דער וויטען
אין וויסען נישט, וואס עס קען באטייטען,
וואס איך טיה אזוי פיל וויינען אין קלאגען.
הארכט אוים, איהר קינדער,
יעדערער באזונדער:
איהר זאלט נאך מיר איין קדש זאגען.

V. זאָגט די‌א טאָכטער צום קראַנקען:

טאטע געטרייער,
עס ברענט אין מיר איין פייער,
אז דיא גייסט שוין פאן מיר אוועק[1].

---

[1]) אַנאַלאָגישע דריט פּערזאָן בא ג.-מ. אין נומער 349 (ו' 303). —

אז איך קיק דיך אן אצונר,
פאן טרערען בין איך שוין בלינד,
ווי דער ליבער גאט מאכט שוין פון דיר איין עק.
דו האסט מיר צוגעזאגט פאר אלע מענשען,
אז די ועסט מיך צו די חופה בענשען[1];
דו האסט געזאלט זיין איין טאטע צו מיר;
אבער היינט איזט אויף מיר גאטעס צארן,
וואס איך בין, נעבעך, אזוי פערשאלטען געווארען.
אוי וויי ווי שלעכט און ביטער איז מיר!

VI. זאָגט דער קראַנקער צו די טאָכטער:

טאכטער מיינע,
דיא ביסט דאך נישט איינע,
וואס די בלייבסט אזוי עלענד אליין.
וויין נישט איבער מיר:
איך וועל זיין איין מליץ־יושר פאר דיר,
אז די זאלסט האבען ביי אלע מענשען חן.
איך האבע דיר טאקעש צוגעזאגט פאר אלע מענשען,
אז איך וועל דיך צו די חופה בענשען;
איך האבע געוואלט זיין איין טאטע צו דיר; —
אבער היינט איזט אוף מיר איין גרויסער נויט:
די זעהסט דאך, ווי עס שפילט זיך מיט מיר דער טויט.
אוי וויי, ווי שלעכט אין ביטער איז מיר!

VII. זאָגט דיא טאָכטער צום קראַנקען:

טאטעני, איך פאל ארויף אויף דיר אצינד,
אז די זאלסט מיר מוחל זיין מיינע זינד,
וואס איך האבע קייגען דיר געזינדיגט.

[1]) אנאלאגישע צוויי פערזען בא ג.-מ. (l. c., ז. 304).

פילייכט וועסט דיא דיך קענען אפּ בעטען,
אז דער זינדיגער טויט זאל דיך אפּטרעטין,
אז דוא זאלסט נאך זיין איין טאטע צו מיר.
וואס האסט דיא דען קייגען גאטט געטיען,
וואס דער מלאך המות טהיט זיך אזוי ביי דיר באמיען?
צו ביסט דיא דען שוין אזוי אלט?
דיא גייסט פאן מיר אוועק אזוי געשווינד.
איך בין דאך פארט בייא דיר איין איינציג קינד.
און דיא לאסט מיך איבער ווי איין פייגעלע אין וואלד.

VIII. זאָגט די פרוי צום קראַנקען:

איך שטייא מיר גאר פאן דער ווייטענס,
אין איך קיק מיך אים פאן אלע זייטען,
מיט טרעירין טי איך מיך באגיעסען, —
בעהט איך דיך, מיין ליבער מאן,
זייא אויף מיר דן,
אז איך זאל נאך קאנען עפּעס גיטץ געניסען:
איך האבע מיט דיר געניטען חופה וקדושין,
אין מיט „הרי את״ האט זיך געטיען אינזער ליבע פערשליסען.
איך בין גוועזען די גליקליכסטע אין דער וועלט, —
אבער היינט איסט אויף מיר גאטס צארן,
וואס איך בין אזוי, נעבעך, פערשאלטען געווארן,
אז איך וועל מיזען ליידען הינגער אין קעלט.

[IX.] [1] זאגט דער קראַנקער צום מלאך המות:

וואס וועסט די דערפון האבין,
אז מען וועט מיך שוין בעגראבין?

---

[1]) אין אָריגינאַל איז די נומעראַציע פון דערדאָזיקער סטראָפע דורכגעלאָזען.

וואס וועט דיר שוין קומען דרוים ?
לאז מיר לעבין, —
איך וועל דיר מיין גאנץ געלד אוועק געבען,
אבי גיי די שוין פאן מיין שטיב ארוים .

X] גענטוועָרט דער מלאך המות צום קראַנקען :] [1]

איך בין געקימען נאך דיר —
קיין געלד נישט צונעמען, ווארום גאטס שלוח
קאָן מען נישט אבקויפען.
געזעגען דיר מיט זיי,
ווארים איך ברויך ווייטער צו גיין,
אין גאטס שליך קאן מען נישט אבקויפען.

[2] [XI] זאָגט גאָט צום קראַנקען :

דיא קענסט דיך ביי מיר אויסבעהטין נאך
אויף 10 יאהר,
אז אויף דעם תנאי,
זאלזט דינען געטריי,
זאלסט היטען די מצוות מיינע, —
וועל איך זיין אַ פאטער צו די קינדער דיינע.
נאר היט דיך פאן איין עבירה,
עס זאל בטול ווערן די גזרה.
זאג אן די קינדער דיינע,
זיי זאלען היטען די תורה מיינע,
וואס איך האבע געגעבען צו משה רבינו.
מאך דיר בעסער איין געצעלט,
זאלסט קימען ריין אויף יענער וועלט,
ווארום שטארבען מוז דאך יעדערער מענש.

---

[1]) אין אָריגינאַל איז דער נומער און דער הינטערטיטעל—דורכגעלאָזען.
[2]) אין אָריגינאַל פעלט דער נומער.

דאָס ליד איז געדרוקט אין אַ בראָשור פון 8 זײטען מיט פאָלגענדיקען שער:
„דאָס ליעד פאָן קראַנקען מיט דעם מראך המות (,) פער- פאַסט פאָן נחעמיע באבעק(.) — וואַרשא (,) דרוק אהרן שמואל ראָזענבלאַט (,) גרזיבאָוו 10 (.) תר״ע". —

איך קען גראָד דעמדאָזיקען „פאַרפאַסער".

דאָס איז אַנ׳אומגליקליכער הײמלאָזיקער עפּילעפּטיקער, — אַמאָל געווען אַנ׳אויסגעצײכענטער שניצער, — איצט, צוליב דער שווערער קרענק, וואָס וואַרפט אים אום דרײַ-פיר מאָל אַ טאָג, — אונפעהיק שוין צו אַ בעשטימטען פאַך, — האַנדעלט אונטער מיט זיסוואַרק און שפּילט מיט די הדר-יונגלעך אין לאָטאָ, קוים אויסשלאָגענדיק זיך די פּאָר גראָשען אַף אַ טרוקען שטיקעל ברויט. אַ צוויי-דרײַ מאָל אין דער וואָך באַצאָלט ער מיט אַרעסט און מיט נעכטיגען אין פּאָליציי-צירקעל פאַר האַנדלען אין די גאַסען „אָהן אַ פּאַטענט" און פאַר דאָס שפּילען מיט די קינדער.

ווי אַלע קרבנות פון דער אָנגעוויזענער קראַנקהײט, פאַרמאָגט ער, אָבער, אין זיך אַ סך אײדעלקײט, פײַנגעפיל און פערשטאַנד.

דאָס ביכעלע האָט ער אָפּגעדריקט אין 1000 עקזעמפּלאַרען, און גע- קאָסט האָט אים די געשיכטע 10 רובל. פאַרקויפט האָט ער דאָס ווערק אלײן אין גאַס, צו 5 קאָפּיקעס אַ שטיק. —

אַף מײַן פראַגע: פון וואַנען האָט ער גענומען דאָס ליד? — האָט ער תחלת געענטפערט, אַז ער האָט עס „אַלײן פאַרפאַסט". אָבער נאָך דעם, ווי כ׳האָב אים דערקלערט דעם אונטערשיד צווישען „פאַרפאַסען" און „אַרויסגעבען", בין איך פון אים דערגאַנגען, אַז דאָס ליד האָט ער געהערט נאָך אַלס יונגעל. „אַ סך מענשען זינגען דאָס". —

אײנמאָל, נאָך אין אָנהײב פון זײַן אומגליק, איז ער געלעגען אין שפּיטאָל. זײַן צופעליקער שכן אין פאַלאַץ פון לײַדען האָט געהאַלטען בײַם שטאַרבען און זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס וועט ווערען מיט זײַן ווײַב און קינדער. נחמיה באבעק האָט אים דאַן אויסגעזינגען דאָס איבענגעדריקטע ליד. דער חולה האָט זיך אַביסעל באַרויִגט. דעמאָלט איז דעם עפּילעפּטיקער אײַנגעפאַלען, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, דאָס ליד צו פאַרעפענטליכען.

דאָס ליד האָב איך איבערגעדרוקט מיט׳ן אויסלײגעכץ פון אָריגינאַל, זאָגאַר מיט אַלע אָרטאָגראַפישע פעלערן. אויסגעבעסערט האָב איך נאָר די צײכענס פון דער אינטערפּונקציע.

די גאַנצע בראָשור איז געדרוקט אָהן נקודות.

№ 116.

צווייטער וואַריאַנט פון נ' 114.

— גײַ אַוועק פִי מִיאָ, [1]
שטײַ נִישׁ בײַ מאַן טִיאָ,
טרײַט מאָ אָפּ אײַן מִינִיט.
דִי בִּיזע גִיקִימֶע פִין אײַן עֶק [2]
אִין טרײַטסט [3] נִישׁט אַוועק
אִין פּאָצאַפּסט אִי מאָ מאַן בלִיט.
דִי בִּיזע גִיקִימֶע ווִי אַ שׁפִּיגאָן (?) [4]
אָף אײַן דִיקִיצִיאָ יאָן [5]
אִין צִי טײַטִין מאָך גֶעד אִין גִישׁווִינט.
אוֹי, מאַן לאָמפּ אִי שׁוין פאַלאָשִׁין,
אײַדאָ כ'אָ נאָך גאָע גִיטִיך גִינאָסִין,
ווִילסטִי מאָך צִינֶעמֶען פִין מאַן וואַב אִין קִינד". [6]
— אוֹי, ברִידאָ, כ'וואָלט דאָך נִישׁ גִיוואָלט פאַנגען: [7]
ס'אִיז אִי מִיאָ נִיט באַלאַנגען!
כ'וואָלט דאָ [8] דאַנִי שמֶערצִין גִידײַנקט,
כ'וואָלט גִי'אַט אִין זִינֶען,
כ'וואָלט אָף דאָ רחמנות באַקִימֶע,

---

[1] מִיט פעטִיט זענען דאָ געזעצט די אַלע פערזען, אויסדריקען און ווערטער, וואָס געפינען זיך אַף דעם אַנטשפּרעכענדיקען אָרט אין נ' 114. — [2] בײַ ג.־מ., נ' 349, טרעפען מיר דעמדאָזיקען פערז אין אַ פּיל ריכטיקערער רידאַקציע: „אָי, דו קומסט צו גען פון אַגאַנץ ווײַטען עק". — [3] מיט דעמדאָזיקען שריפט, וואָס איז אין די יִידישע דרוקערײַען באַוואוסט מיט'ן נאָמען קאָלאָנעל, זענען דאָ געזעצט יענע פראַזען, אויסדריקען און ווערטער, וואָס שטימען מיט די אַנטשפּרעכענדיקע שטעלען אין נומער 115. — [4] אַ פּנים, פאַרדאָרבען פון „שפּיאָן". — [5] „עקזעקוציאָן" — ? — [6] דאָס זאָגט דער חולה. — [7] דאָס ענטפערט דער מלאך המות. — [8] do (דיר).

כ֗'וואָלט דאָ דאַן לײַבּין גישײַנקט."
— אוי, ברידאָ, בּיזט זײַאָ גיראַכ֗ט: [1]
כ֗'אָב אָף די וועלט גאָ'ניש פאַראַכ֗ט,
אין די ווילסט מאָך שוין קענע.
וויפיל בּליט איז אָפּגירינע,
אײַדאָ מאַן מיטאָ אָט מאָך גיווינע,
אין די ווילסט מאָך שוין פין די וועלט צינעמע.
וויפיל בּליט אי גירינע אין מאַן מיטאָ'ס אויגין,
אײַדאָ זי אָט מאָך דערצויגין,
אין די* הײַסט מאָך מיט מאַני ליפּין פּאַבּאַסין.
די בּיזט נאָע אַ פּראָסטאָ שליח,
די בּיזט גיקימע מאָך אַנשראַבּין אין בּיאָך, —
די גזרה קע מע נאָך ציראַסין.
ס'אָט גידויאָט אַ צאַט,
אײַדאָ כ֗'אָב אַ קינד גי'אַט,
מאַני שמערצין זענע גיווײַן אָהן אַ שיעור:
יאַך אָב אין מאָ גיווײַנט,
יאַך אָ דאָך גימײַנט,
אַ ס'אי שוין ניש דאָ אַרגאָ'ס פין מיאָ.
צי הײַסט דען דאָס גילײַבּט אָף די וועלט?
אין וואָס קימט דען אַראָס פין געלט,
אַ מ'אָט קין נחת ניש?
האַנט אַז גאָט אָט מאַן קול דאַעיאָט,
אין אָט מאָ שוין קינדאָ בּאַשעיאָט
קימסטי ציגײַן אין פּאַצאַפּסט מאָ מאַן בּליט [2]

---

[1]) דאָס זאָגט ווידער דער קראַנקער. —

[2]) די לעצטע פערזען מאַכ֗ען דעם אײַנדרוק, ווי אַ **פּרויענצימער** וואָלט זיי געזאָגט; דען נאָר אַ פרויענצימער האָט געקענט האָבען „שמערצען אָהן אַ שיעור", ווײַנען און שעמען זיך, ניט האָבּענדיק קײַן קינדער. אַ פּנים, אַז דאָס ליד איז אַנ'אַמאַלגאַמע פון צוויי וואַריאַנטען, פון וועלכ֗ע אין אײַנעם איז אַ מאַנסביל דער שטאַרבּענדיקער, אין אַנדערן — אַ פרויענצימער. —

יעֶצט בִּין אָך שוֹין אַלעֶס אִיבּאָגִישווִימעֶ,
אִין כ׳בִּין שוֹין אַלִי צרות אִיבּאָגִיקִימעֶ,
יאַך אָף [1]) שוֹין פִין מאַנִי קִינדאָ נחת צִי זַיין, —
בִּיזטִי בּאַלד צִי מִיאָ גִיקִימעֶ,
אִין ווִילסט מאָ מאַן נשמה צִי...עֶ,
יאַך זאָל נִיש ווִיסִין, וואָס מִיט זַיי עֶט גִישעֶן.
אַז יאַך [2]) בּלאַבִּין לַייבִּין,
עֶל אָך קעֶנעֶ אָף זַיי השגחה גִייבִּין.
ווִי קעֶן אָך זַיי אִיבּאָלאָזִין אַליין?
זַיי עֶלִין קִימעֶ צִי שאַנד,
זַיי עֶלִין בּלאַבִּין אָף אַ פרעֶמדִי אַנט, —
יעֶדאָ עֶט אִיבּאָ זַיי מושל זאַן.
דאַראָף בּעֶט אָך דאָך,
דִי זאָסט מאָך נִיש כאַפִּין אַזוי געֶך.
דִי זאָסט דאָך אָף מאַנִי עֶלִינטִי קִינדאָ מרחם זאַן.
מאַנִי אַיידעֶלִי קִינדאָ,
וואִי עֶלִין זַיי ווַיירִין צִישפּרַייט יעֶדִים בּאַזִינדאָ,
אַז יאַך עֶל מִי דִיאָ מִיטגַיין?
דִי דאַפסט טִין דאַן שליחות אִין דִי געֶך,
דאָס אִי מאָ זַייאָ בּאַקאַנט, —
ד׳עֶסט מאָ טִין צִילִיבּ,
אַיידאָ כ׳גַיי אִין פִינצטאָרן גרִיבּ:
כ׳בִּין דאָך בּאַשטעֶנדִיק אִין דאַן אַנט...
קִימט אַעֶיאָ, מאַנִי לִיבִּי קִינדאָ,
עֶל אָך מאָך מִיט אָך גִיזעֶגִינעֶ.
זַייט נאָ, ווִיאָ ס׳טִיט בּאַ מאָ שטַיין
אִין ווִיל פִין מאָ נִישט אַוועֶגַיין.
בּעֶטְץ גאָט, ס׳זאָל מאָ גִיטְץ בּאַגעֶגִינעֶ.
ווִערִים אָהן אַ שיעור
עֶלִין זאָך אַנזאַמלִין צִי מִיאָ, —

---

[1]) האָף. — [2]) דאָ פעֶלט אַ וואָרט: עֶל (ווִעֶל).

גאַנצי חילות עֶלין זאָך אָף מאָ אָנקלויבין.
זײַ עֶלין נאָגין מאַן בלוט,
אין יאַך עֶל ניש קענע רירין מיט קין גליד,
זײַ פין מאָ אָפּציטראַבין."
— וואי לאָסטי אינדז איבאָ דאָ [1]?
מיאָ עֶלין אָהן דיאָ ניש לײַבין אײַן שעה!
אַ שטיף־פּאָטאָ עֶט איבאָ אינדז מושל זאַן,
קײַנאָ עֶט אָף אינדז השגחה גײַבין,
וואָ־זשי טויג אינדזאָ לײַבין?
בעֶסאָ עֶלין מאָ מי דיאָ מיטגײַן!"
— לײַבי קינדאָ, כ'זאָל בלאַבין לײַבין, [2]
אי גאָעֶ קין פלאַן ניש דאָ, —
אַ דעֶיאָ בורא אָט אַלײַן גיטין אינטאָשראַבין,
אַז יאַך [3] מײַן ניש לײַבין ווי נאָעֶ אַ שעה.
די וועֶלט אי גלאַך צי אַ שיף אַ צווײַטי,
וואָס פיאָט אירי מעֶנטשין אָף יעֶני זאַט.
דעֶיאָ זײַגילמאַנסטאָ פיאָט אָ וויאַזוי עֶיאָ וויל, —
אַזוי אי דאָך אָך — [4] מ'קעֶן קימעֶ צי דעֶם ציל.
אַז יאַך הײַב זאָך אָן צי דאַמאַנעֶ,
וואָס מיט מיאָ עֶט זאַן, —
עֶס ציטאָט אין מיאָ יעֶדים אבר
פין אַזאַ לאַכטיקי וועֶלט אַוועֶקציגײַן
אין אַ פאַכטין פינצטאָרן גריב.
די מלאכי חבלה עֶלין מאָך שלאָגין אין פלאָגין
אָהן אַ שיעור.
גיוואַלט, וואָס פאַר אַ תירוץ קעֶן אָך זאָגין,
אָך אין ווײַ אי צי מיאָ!?
„צי אָסטי עֶרליך גיאַנדילט אָף די וועֶלט?"
דאָס עֶט די עֶיאָשטי פראַגי זאַן:

[1] דאָס זאָגעֶן די קינדעֶר. — [2] דאָס זאָגט דעֶר שטאַרבעֶנדיקעֶר. —
[3] פעֶלט אַ וואָרט: זאָל. — [4] אויך.

„דאָ אָט מי גישטעלט,
„אַ ס׳טאָע דאָ קין ליגענט ניש זאַן."
רכילות, לשון הרע אָב אָך גירעט, —
ווי גרויס זענע מאַני זינד!
וואָס אָב אָך דען אָף די וועלט פאַרעכט?
אָך וויי אי מאָ אין ווינד!
מ׳עט מאָך פרייגין צים צווייטין מאָל:
„צי אָסטי גילאַרינט תורה?
„ברענץ דעם רשע גאָע אָהן אַ צאָל,
וואַל עיאָ אָט ניש גיפאָלגט דעם יילִיקין בורא!"
אַדיע, אדיע מאַני טייאָרי, קינדאָ,
יאַך גיי אַוועק גאַנטס וואַט, —
יאַך זאָג אַך אָען,
איאָ זאָלט גיטץ טיען,
יעדאָראָ פין אייאָ זאַט.
מ׳עט מאָך ברענע, בראָטין, שמאַכין
פאַ מאַני גרויסי זינד,
די ווערים עלין מאָך ציבאַסין,
אָך וויי אי מאָ אין ווינד!

וואַרשא. שמואל לעהמאַן.

№ 117.

דריטער וואַריאַנט צו נ׳ 114.

(פראַגמענט).

1. זאָגט דער חולה צום בעל־דבר:
2. — גיי אַוועק פון מיר [1])

---

[1]) מיט פעטיט זענען אין דעם פראַגמענט געזעצט די פערזען, אויס־דריקען און ווערטער, וואָס געפינען זיך אויך אין נ׳ 114; מיט קאָלאָנעל־יענע, וואָס הער׳ן זיך איבער אין נ׳ 115. —

3. שטייַ נישט לעֶבעֶן מייַן טיַר,
4. טרעֶט פון מיַר אָפּ אַ מיַנוט.
5. דו ביַזט גיַקומעֶן ווי אַ שפּיאָן
6. צו מאַכעֶן פון מייַן לעֶבעֶן אַ קורצעֶן יום;
7. דו ביַזט גיַקומעֶן פון אייַן עֶק
8. מיַך צו נעֶמעֶן אַוועֶק;
9. ביַזט גיַקומעֶן ווי אַ וויַנט
10. צו נעֶמעֶן מייַן נשמה אַזוי געֶשוויַנט.
11. די לאָמפּ איַז שויַן פאַרלאָשעֶן,
12. כ׳האָב נאָך אַף דעֶר וועֶלט קייַן גוטס גיַנאָסעֶן, —
13. טרייַבסטו מיַך אַוועֶק פון מייַן ווייַב און קיַנד. [1]

סראָצק. ש. לעהמאַן.

די פאַרשפּרייַטקייַט פון ליַד, די גרויסעֶ צאָל וואַריאַנטעֶן און פראַגמעֶנ-טעֶן, ווי אויך דעֶר אַלגעֶמייַנעֶר כאַראַקטעֶר זייַנעֶר און אייַנצעֶלנעֶ וועֶנדונגעֶן איַן דעֶר שפּראַך איַבעֶרצייַגעֶן, אַז דאָס ווערק דאַרף פאַרעֶכעֶנט ווערעֶן צו די יידיַשעֶ פאָלקסליַדעֶר.

№ 118.

I — „דאָס לאַכט וועֶיאָט פאַלאָשיַן.

---

[1]) ה׳ ש. לעֶהמאַן האָט איַן מאַקאָוו (לאָמז. ג.) פאַרשריַבעֶן אַ 10 פעֶרזיַקעֶן וואַריַאַנט פון דעֶמדאָזיַקעֶן פראַגמעֶנט: איַן 3 טעֶן פעֶרז האָבעֶן מיַר דאָ „בייַ״ אָנשטאָט „לעֶבעֶן״; דעֶר פופטעֶר פעֶרז: „ביַזט גיַקומעֶן ווי אַ שפּעֶום״; דעֶר זעֶקסטעֶר: „צו מאַכעֶן פון מיַר אַ קאָצעֶן (?) יום״; דעֶר 7 טעֶר, 8 טעֶר און 9 טעֶר—פעֶלעֶן; דעֶר אַזוי (פון 10 טעֶן) פעֶלט; מייַן—אָנשטאָט די, און מיַר — אָנשטאָט שויַן (פון 11 טעֶן); „כ׳האָב נאָך גאָר קייַן גוטס גיַנאָסעֶן״ (וואַר. פון 12 טעֶן); נעֶמסטו אָנשטאָט טרייַבסטו (פון 13 טעֶן). —

קין [1]) גיץ אָב'ך ניש גינאָסין.
כ'גיי אזוי ינג [2]) פון די וועלט.
אוי, ווי עלין אהינקימע
מאני קלייני קינדאָלאָך?
וועיאָ עט ירש'נע מאן געלט?
די [3]) שטייסט בא מאן טיאָ,
ביסט גיקימע נאָך מיאָ,
ביסט גיקימע די נשמה ביי מיאָ נעמע; [4])
די שטייסט בא מאן בעט,
מיט מאן וואב אָסטי מאָך שוין גי'גט, —
לאָ מאָך נאָך לייבין ביז אַכטע [5]) אינדאפרי!".
— „יאָך בין דיַך ניט מעיאָ [6]), ווי א פראָסטאָ שליח;
ווי גאָט שיקט מאָך — דאָ מיז אָך גיין.
די ביסט דאָך שוין אנגיחתמ'עט אין דעם טויטין ביאָך [7])—
ס'עט דאָ ניש העלפין קין גיוויין!" [8])

II. אזוי ווי דא זייגאָ אָט נאָע [9]) אַכטע אראָסגישלאָגין,
אזוי אָט'אָ ציגיריפין זאני קינדאָלאָך צין בעט:
— „איצט, קינדאָלאָך, אי גיקימע די צאט,
איאָ זאָלט נאָך מיאָ קדיש זאָגין!"
עיאָ אָט ניט גידאָנזשיט [10]) די צוויי ווארטאָ אראָסצירעדין,
אָט'אָ גיטין פאגלייזין מי [11]) די אויגין;
דאָס בעט אי פא אים צי קאָרץ גיוואָרין:
דעיאָ טויט אָט'ם אָסגיצויגין.

מרים חמעלניצקי.

וואַרשא.

---

[1]) קיין. — [2]) יונג. — [3]) דו. — דאָס זאָגט דער שטאַרבענדיקער צום מלאך-המות. — [4]) די 3 פערזען זענען ענליך צו אייניקע פערזען אין דער ערשטער סטראָפע פון נ' 114. — [5]) אין פוילען זאָגט מען: איינסע, צווייע, דרייע, אונ ז. וו. — אכטע, ניינע, צענע. — [6]) מער. — [7]) בוך. — [8]) די תשובה פון מלאך-המות. — [9]) נאָר. — [10]) פויליש: zdążać — באַווייזען. — [11]) מיט. —

№ 119.

וואַריאַנט.

— „די לאָמפּ האָט זאָך פאַלאָשין. — [1]
יאָך אָ׳ נאָך קין גיטס ניש גינאָסין [2]. —
ווי גיי אָך שוין אַוועק פין די וועלט!
וואו עלין בלאַבין מאַני קינדאָלאָ׳,
מאַני יונגי יתומים׳לאָך?
וועיאָ ט׳ זיי גייבין צי עסין ברויט?
ביסט גיקימע פין ס׳עק, [3]
מיט מאַן מאַן אָסטי מאָך צי׳גט,
די טרייטסט מאָך ניש אָפּ קין איין מעניט!״... [3]
— ביסט אין הימו אָסגיריפין, [4]
אין טויטין ביאָך אַנגישריבין, —
ס׳עט דאָ שוין ניש עלפין קין שום גישריי״...
צי די וואַנט האָט זי זאָך פאַדרייט [5]
אין די אייגאָלאָך פאַגלייזט [6]...

טאָמאַשעוו (פּעטריק. ג.) ראָזענווײן.

№ 120.

I. אויווין אי שטיל נאָכאַנאַנד קעסיידראָ: [7]
דאָאָט [8] דאַרעפט מין [9] דאָך קיימאָל [10] ניש זאָרגין,
דאָאָט דאַרעפט מין נישט אָבין [11] קין [12] זאַדיני [13] קלײַדאָ [14].

[1] דאָס זאָגט דער גוסס. — [2] מיט פּעטיט זענען אויסגעזעצט די אויס-דריקען און ווערטער, וואָס מיר טרעפען אויך אין פריערדיקען וואַריאַנט. — [3] דעם פערז געפונען מיר אין נ׳ 114, I. — [4] דאָס ענטפערט דער טויט. — [5] פאַרדרייט. — [6] פאַרגלייזט. — [7] כסדר. — [8] דאָרט. — [9] מען. — [10] קיינ-מאָל. — [11] האָבען. — [12] קיין. — [13] זיידענע. — [14] קליידער.

דאָאָט דאַרעֶפּט מִין נִישׁ לַיי'ִין אִין באָרגִין .
II. דאָאָט דאַרעֶפּט מִין נִישׁט אָבִּין קִין זִיסִי מאַכּלים ;
קִין מִיזִיק [1]) פאַלאַנגעֶן [2]) נִישׁ דִי אוירִין .
אוי , בּרִידאָ [3]) , דִי וועֶלט אִי נאָעֶ [4]) ווִי אַ חלום ,
דעֶיאָ [5]) מעֶנטשׁ אִי צִים שטאַרבִּין גִיבּוירִין .
III. דאָאָט מאַכִּין זאָך [6]) דִי וואַרעֶם [7]) זִיסִי מאַכּלים , —
זַיי זעֶנעֶ דאַצִי גִישׁוואוירִין .
אוי , בּרִידאָ . . . [8])
IV אוי , אִינטאָ [9]) דִי בּיימאָ [10]) לִיגִין דאָך בּיינאָ , [11])
לִיגִין דאָך בּיינאָ גאָעֶ [12])אָהן אַ שִׁיאָ [13]) : —
זַיי זעֶנעֶ דאָך אָך [14]) אַמאָעֶל שַׁיין גִיווִיין ,
עֶפּשׁאָ [15])נאָך שעֶנאָ פאַ מִיאָ [16]) .
V. אַנט [17]) מאַכִּין זאָך דִי וואַרעֶם זִיסִי מאַכּלים [18]) , — . . .
VI. אוי , קִיקִין נאָעֶ אָעֶן [19]) דעֶם קאָפּ , דעֶם פאָלִין [20])בּיין ,
וואָס מ'אָט'ן [21]) אַצִינט נִישׁ לאַנג בּאַגראָבִּין :
אוי , שׁפִּיגִילט זאָך איין אִין זאַנִי [22]) פאַרבִּין :
עֶ'ן עֶט דאָך אָך אַמאָעֶל אַזאַ פּנים אָבִּין .
VII. אוי , בּאַר'ן לַייבִּין אָט'אָ [23]) גִיצוֹיגִין אַ שוועֶיאָט [24]) ,
ס'אִיז'ן גִיווִיין ווייניק דִי אַלִבִּי וועֶלט .
אַנט לאָסט'אָ [25]) זאָך בּאַנִיגִין מִיט'ן שׁטִיקאַלִי עֶיאָט [26]) ,
אִין נאָך מִיט'ן קליינעֶם גִיצעֶלט , [27])
VIII. אַנט מאַכִּין זאָך דִי וואַרעֶם זִיסִי מאַכּלים [28]) . . .

ווארשא . רייזעל-גיטעל שעפּס .

---

[1]) מוזיק . — [2]) פאַרלאַנגען . — [3]) ברודער . — [4]) נאָר . — [5]) דער . — [6]) זיך . — [7]) ווערים . — [8]) ווי אין II . — [9]) אונטער . — [10]) ביימער . — [11]) ביי־נער . — [12]) גאָר . — [13]) שיעור . — [14]) אויך . — [15]) אפשר . — [16]) שענער פאַר מיר . — [17]) הײַנט . — [18]) ווי אין III . — [19]) אָן — [20]) פוילען . — [21]) מ'האָט אים . — [22]) זיינע . — [23]) האָט ער . — [24]) שווערד . — [25]) לאָזט ער . — [26]) ערד . — [27]) די צוויי סטראָפען האָבען , זייט אויס , אַנ'אָנהאַנג צו דער באַקאַנטער לעגענדע מיט אלקסנדר מוקדן . — [28]) ווי אין III . —

№ 121.

א מענשעלע, א מענשעלע טאַנצט און שפּריִנגט,
ער מייִנט, ער וועט אייִביג לעבען, —
צום סוף טוט מען איִם א רוף
דין וחשבון אָפּצוגעבען.

א מענשעלע, א מענשעלע טאַנצט און שפּריִנגט,
געזונט אָף יעדען אבר, —
— — — — — — — — — — — — [1]
מאָרגען ליִגט ער שוין איִן קבר.
— — — — — — — — — — — —

מזרח-גאַליציען. ב. ז. זעגעל.

№ 122.

אָך, קאָרן, קאָרן, קאָרן טוט מען מאָלען,
פון קאָרן באַקט מען ברויט, —
אייִדער דער מענש שטאַרבט אָפּ,
ווי ביִטער איִז דער טויט!" [2]

מזרח-גאַליִציען. ב. ז. זעגעל.

№ 123.

א מיִ קריִגט א שוואַרץ קוויִטיִל,
העלפט ניִש קיִן געלט.
מיִ לאַפּט דעם טלית מיִ דעם קיִטיִל
איִ מיִ לויפט אָף יעניִ וועלט.

סאָלאַטשעוו. א. וואַרשאַווסקי.

---

[1] פעלט. — [2] די לעצטע צוויי פערזען — ביִס.

באלאדעס און לעגענדעס מיט
און אהן א מוסר־השכל.

№ 124.

אַ ליד פון איינעם אַ פּראָסטין מענטש, וואָס וויל באַקומע דעם מייַלאָכס[1] טאָכטאָ פאַר אַ וואַב.

I.

1 — העיאָ[2] נאָ[3] די[4], מייַלאָך,
גע[5] זשי מאָ[6] דאַן טאָכטאָ,
גע זשי מאָ דאַן טאָכטאָ".
— ווי קען אָך[7] דאָ[8] מאַן טאָכטאָ גיבין,
מאַן טאָכטאָ גיבין, —
אַ[9] מאַן טאָכטאָ קע ניש פריאָ[10] עסין גיין,
בי ס'טעלאָרו[11] מיט גאָלד מיז אָפ'ן טישאַלי שטיין?"
— ז' עט שוין באַ מיאָ עסין גיין,
אין ס' טעלאָרו מיט גאָלד עט שוין ניש אָפ'ן
טישאַלי שטיין!"

2 — אין העיאָ נאָ, די, מייַלאָך"...[12]
— ווי קען אָך דאָ...[13],
אַ מאַן טאָכטאָ קע ניש פריאָ טרינקין גיין,
בי ס' גלייזאַלי מיט וואַן מיז אָפ'ן טישאַלי שטיין?"
— ז' עט שוין באַ מיאָ טרינקין גיין,
אין ס'גלייזאַלי מיט וואַן עט שוין ניש אָפ'ן טישאַלי שטיין!"

3 — אין העיאָ"... (ווי אין 1)
— ווי קען אָך... (ווי אין 1),

---

[1]) מלך'ס. — [2]) hejo (העיר). — [3]) no (נאָר), — [4]) דו. — [5]) געב (גיב). — [6]) mo (מיר). — [7]) och (איך). — [8]) do (דיר). — [9]) אז. — [10]) frio (פריער). — [11]) teloru (טעלערל). — [12]) דאָ חזר'ן זיך איבער די ערשטע 3 פערזען פון 1. — [13]) דאָ חזר'ן זיך איבער די פערזען 4—5 פון 1.

אַ מאַן טאָלטאָ קע ניִש פריִאָ שלאָפיִן גייַן,
ביִז די גיִלדיִני שטיִלאָכלאָך מיִזיִן באַם בעטאַלי שטייַן?"
— ז' עט שוין באַ מיִאָ שלאָפיִן גייַן,
איִן די גיִלדיִני שטיִלאָכלאָך עליִן ניִש באַם בעטאַלי
שטייַן!"

4 — איִן העיאָ"... (ווי איִן 1)
— ווי קען אָך... (ווי איִן 1),
אַ מאַן טאָלטאָ קע ניִש פריִאָ איִבאָר'ן שטיִבאַלי גייַן,
בי ס'שטיִבאַלי אי מיִט לאַוויִנט[1] אָסגיִשפּרייַט?"
— ז' עט שוין באַ מיִאָ איִבאָר'ן שטיִבאַלי גייַן,
איִן ס'שטיִבאַלי עט ניִש זאַן מיִט קיִן לאַוויִנט אָסגיִשפּרייַט!
איִן העיאָ נאָ, די, מייַלאָך,
גע זשי מאָ דאַן טאָכטאָ,
גע זשי מאָ דאַן טאָלטאָ!" —

II. עיאָ באַקיִמט די בת־מלך פאַר אַ וואַב. זי גיִזייַגיִנט זאָך[2] מיִט אַ גיִווייַן מיִט איִרי עלטאָרן[3]:

— בלאַביִן זי גיִזיִנט, מיִטאָ־לייַב, מיִטאָ־לייַב!
אַ זי עליִן מאָך ניִלט זייַן איִן פיִאָ[4] וואָליִן אַריִם,
זאָליִן זי טיִן צי מיִאָ אַהיִנקיִמע, אַהיִנקיִמע!
איִן בלאַביִן זי גיִזיִנט, פאַטאָ־לייַב, פאַטאָ־לייַב!
אַ זי עליִן מאָך ניִלט זייַן איִן פיִאָ וואָליִן אַריִם,
זאָליִן זי טיִן צי מיִאָ אַהיִנקיִמע, אַהיִנקיִמע!" —

III. זיי גייַן אַוועק. דעיאָ מייַלאָך קע ניִש איִבאָוואַרטיִן די פיִאָ וואָליִן, איִן באַלד אָף דאַ צווייַטאָ וואָך גייַט'אָ[5] צי זיי. עיאָ קיִמט איִן אַ שטאָדט אַראַ, זייִט'אָ, מי קליִנגט איִן די קיִרכיִן. עיאָ זאָגט צי די קליִנגאָ:

— קליִנגאָ'ם די ליִב, קליִנגאָ'ם די מאַן,
נאָך ווייַמע טיִט איִאָ קליִנגיִן?"

---

[1]) לייַוועגט. — [2]) soch (זוך). — [3]) עלטערן. — [4]) פיר. — [5]) gaj-to (גייט ער). —

—ס'איז געשטאָרבען אַ יונגעס [1]) פראָ [2]) און אַ יונגעס זינע,

טיט מי נאָך זיי קלינגען".

—בלאַבען זי געזונט, קלינגאָ'ס-לייב, קלינגאָ'ס-לייב,

נאָע [3]) יאַך וויל מאָ נאָך ניכט צי גלייבען!"

IV. עיאָ גייט וואַטאָ [4]), זייט אָ וועשערינס וואַשען. עיאָ פרייגט זיי:

—וועשינס די ליב, וועשינס די מאַן,

פאַ ווייטע טיט איאָ וואַשען?"

—ס'איז געשטאָרבען אַ יונגעס פראָ און אַ יונגעס זינע,

טיט מי פאַ זיי וואַשען".

—בלאַבען זי געזונט, וועשינס-לייב, וועשינס-לייב,

נאָע יאַך וויל מאָ נאָך ניכט צי גלייבען!"

V. עיאָ גייט וואַטאָ, זייט אָ אַ חברה גיין, עיאָ פרייגט זיי:

—חברה די ליב, חברה די מאַן,

פין ווייטע טיט איאָ גיין?"

—ס'איז געשטאָרבען אַ יונגעס פראָ און אַ יונגעס זינע,

טיט מי פין זיי גיין".

—בלאַבען זי געזונט, חברה-לייב, חברה-לייב,

נאָע יאַך וויל מאָ נאָך ניכט צי גלייבען!"

VI. עיאָ גייט וואַטאָ, זייט אָ גרייבאָ'ס [5]) גראָבען. עיאָ פרייגט זיי:

—גרייבאָ'ס די ליב, גרייבאָ'ס די מאַן,

פאַ ווייטע טיט איאָ גראָבען?"

—ס'איז געשטאָרבען אַ יונגעס פראָ און אַ יונגעס זינע,

טיט מי פאַ זיי גראַבען".

—בלאַבען זי געזונט, גרייבאָ'ס-לייב, גרייבאָ'ס-לייב,

נאָע יאַך וויל מאָ נאָך ניכט צי גלייבען!"

VII. עיאָ גייט וואַטאָ, זייט אָ טרייגאָ'ס [6]) טראָגען. עיאָ פרייגט זיי מיט געוויין:

---

1) junges. — 2) fro (פרוי). — 3) nue (נאָר), — 4) wato (וואַ-טער). — 5) גרעבערס. — 6) טרעגערס.

— טרײַגאָ'ם די ליב, טרײַגאָ'ם די מאַן,
ווײַמע טיט איאָ טראַגין?"
— ס'אי גישטאָרבין אַ יונגים פראָ מיט אַ יונגים זינע,
טיט מי זײַ דאָ טראַגין".

דעיאָ מײַלאָך דעקט אָפּ די טויטי. דאַקענט[1]) אָ זאַן טאָכטאָ מיט זאַן אײַדים. כאַפּט אָ[2]) די שוועיאָט[3]) אין אַקט[4]) זאָך אַראָפּ דעם קאָפּ.

וואַרשא. חיה שעפּס.

פרוי רייזעל-גיטל שעפּס (חיה'ס אַ טאָכטער) גערעכנט דאָסזעלבּיקע ליד מיט פאָלגענדיקע וואַריאַנטען:

1) אין די קאַפּיטלען III—VII, אַנשטאָט דעם פערז: „ס'אי גישטאָרבין אַ יונגים פראָ מיט אַ יונגים זינע", קומט אַזאַ צווייפערז:
געסטאָרן פרימאָרגין
אי דים קייניגס טאָכטאָ גישטאָרבין.

לויט מײַן מיינונג, איז דערדאָזיקער נוסח דער איינציק ריכטיקער. שטאַרבּען דאַרף נאָר די פּרינצעסין. — דאַן קענען מיר אין מאַן אירען, דעם קעניגס איידעם, דעם „פראָסטען מענש", זעען די פאַרקערפּערונג פון טויט. אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דער פּאָעמע איז אויסגעצייכענט איבערגעגעבען די אונבּרהמנות'דיגקייט און די אונפאַרמיידליכקייט פון טויט. דעריבער איז דער נוסח פון פרוי חיה שעפּס סותר די הויפּטאידעע פון ווערק. דער איידעם, דער „יונגים זינע" קען ניט שטאַרבען, דען ער איז דער מלאך-המות אַליין.

2) אַנשטאָט די פּראָזאַישע שורות, מיט וועלכע דאָס געדיכט שליסט זיך אין דער אויבענגעדריקטער רעדאַקציע, קומט אין דעם נוסח פון פרוי רייזעל-גיטל שעפּס אַזאַ אויסלאָז:
עיאָ נעמט די דעקע אַראָפּ פין איאָ,
באַטראַכט אָ אירי שמערצין, —
נעמט אָ דאַס מעסאָ פון די שייד[5]) —
אין שטעכט אין זאַנים הערצין.

1) o dakent (דערקענט ער). — 2) o (ער). — 3) schwejot (שווערד). — 4) האקט. — 5) schajd.

№ 125.

I. ס'גייט אין עס קימט —
אין זיבין יאָע אַרים, אין זיבין יאָע אַרים, —
קימט יוסף הצדיק ווי צים גישווינט:
— יהודה די ליב, יהודה די מאַן[1],
שיינק מאָ[2] אין שיינק מאָ אַ שטיקאַלי ברויט".
— ווי קען אָך דאָ שיינקין אַ שטיקאַלי ברויט,
אַ ס'עט דאָ[3] זאַן ביטאָ, אַזוי ווי דאַ[4] טויט?"

II. ס'גייט אין עס קימט —
אין זיבין יאָע[5] אַרים, אין זיבין יאָע אַרים, —
קימט יוסף הצדיק נאָכאַמאָעל ווי צים גישווינט;
— יהודה די ליב, יהודה די מאַן,
לאָ[6] מאָך נאַכטיקין צי דיאָ אַראַן!"
— ווי קען אָך דאָך נאַכטיקין לאָזין אַראַן —
עסט דאָך ווּעלין טרינקין מייד אין וואַן?"

III. ס'גייט אין עס קימט —
אין זיבין יאָע אַרים, אין זיבין יאָע אַרים, —
קימע דראַ[7] מלאכים פין הימו[8] ווי צים גישווינט:
— קים אין קים, מאַן אָרימאָ מאָען[9],
די אָסט[10] דאָך קיימאָל קין שלאַכטס ניש גיטאָען".
— מיט וואָס אָב אָך גיקענט גיטס טאָען[11],
אַז יאַך בין גיוויין אַנ' אָרימאָ[12] מאָען?"
— די ביסט דאָך גיוויין אַנ'אָרימאָ מאָען,
אין די אָסט דאָך אייביק גיטס גיטאָען!"

IV. זיי לאַפין עס אין טראָגין עס פאַר'ן גהינום פאַבאַ[13]:
— מאַכ'ץ צוּף, מאַכ'ץ אוּף: יוסף הצדיק אַראַן!"

---

[1] מיין. — [2] mo (מיר). — [3] do (דיר). — [4] דער. — [5] jûe (יאָר). — [6] lo (לאָז). — [7] דריי. — [8] hymu (הימעל). — [9] מאַן. — [10] האָסט. — [11] tuēn. — [12] urymo. — [13] פאַרביי. —

— יוסף הצדיק, יוסף הצדיק אין גן־עדן אַראַן!
יהודה הרשע, יהודה הרשע אין גהינום אַראַן!"[1]
זײַ כֿאַפּין עם אין טראָגין עם פאַר'ן גן־עדן פּאַבאַ, —
אי ס'גן־עדן פאַר'ן גישטאַנען אָפין,
מיט גאָלד אין מיט זילבאָ פאַגאָסין.

V. זײַ כֿאַפּין עם אין טראָגין עם אַקײַגין אַ גילדיני
שטיל צי זיצין
אין אַ גילדערין פּיסינבײַנקאַלי אינטאָ[2] די פּים.
זײַ כֿאַפּין עם אין טראָגין עם אַקײַגין אַ גילדינים באַכֿאָ[3])
מיט מײַד אי מיט וואַן צי טרינקין:
— טרינק אין טרינק, מאַן אָרימאָ מאָען:
די אָסט דאָך קײַמאָל קין שלאַכטס גיטאָען!"
— מיט וואָס אָב'אָך גיקענט גיטס טאָען?"
— די ביסט דאָך גיוויין אַנ'אָרימאָ מאָען,
אין אָסט דאָך אײַביק גיטס גיטאָען".

װאַרשא. חיה שעפּס.

№ 126.

צווייטער וואַריאַנט.[4]

I. זיצין זיך צוויי ברידער אונטער איין דאַך:
אײנער איז אָרים, דער אַנדערער איז רײַך[5].
דער רײַכֿער ברודער מאַכֿט אַ סעודה אַף אַ האַלבע וועלט,
און דעם אָרימען ברודער האָט ער גאָר מביש גישטעלט.
— רײַכֿער ברודער, רײַכֿער מאַן,
גיב מיר אַ שטיקאַלי פּיש מיט אַ גלעזאַלי ווײַן".[6]

---

[1] דאָס ענטפערט מען פון גיהנום. — [2] ynto (אונטער). — [3] bacho (בעכער). — [4] די אָרטאָגראַפיע די ליטעראַרישע. — [5] אויסגע־שפּראָכען ווי „ראַך". — [6] אויסגעשפּראָכען: „וואַן".

— ווי קאָן איך דיר געבן אַ שטיקל פיש מיט אַ
נלעזאַלי ווײַן,
אַז עס שמעקט דיר אוים׳ן מויל ווי אַ בייזן שוויַין?"

II. פיר וואָכין שלשים, פיר וואָכין אוים, —
טראָגט מען דעם רײַכין ברודער אוים דער שטאָדט אַרוים.
טראָגט מען אים, טראָגט מען אים דורך [1]) גן־עדן־טיר,—
טוען זיך אַ ריגעל די ריגאַלאַך, מאַכט זיך צו די טיר.
טראָגט מען אים, טראָגט מען אים דורך גיהנום־טיר,—
טוען זיך אַ ריגעל די ריגאַלאַך, מאַכט זיך אָף די טיר:
— ברוך הבא, ברוך הבא, ברוך הבא!
וואָס האָסטו אַף יענער וועלט גוטיץ גיטאָן?" [2])
— פון שבת און פון יום־טוב האָב איך יאָ גיהאַלטין,
פון מצוות און פון צדקה האָב איך נישט גיהאַלטין".
— אַז ווי איז דײַן נשמה אַף דער וועלט!"
אַ שטיל אין גיהנום אַוועגישטעלט.

III. פיר וואָכין שלשים, פיר וואָכין אוים, —
טראָגט מען דעם אָרימען ברודער אוים דער שטאָדט אַרוים.
טראָגט מען אים, טראָגט מען אים דורך גיהנום־טיר,—
גיבין זיך אַ ריגעל די ריגאַלאַך, מאַכט זיך צו די טיר.
טראָגט מען אים, טראָגט מען אים דורך גן־עדן־טיר,—
טוען זיך אַ ריגעל די ריגאַלאַך — מאַכט זיך אָף די טיר:
— ברוך־הבא, ברוך־הבא, ברוך־הבא!
וואָס האָסטו אַף יענער וועלט גוטיץ גיטאָן?"
— פון שבת און פון יום־טוב האָב איך ניש גיהאַלטין,
פון מצוות און פון צדקה האָב איך יאָ גיהאַלטין".
— אַז וואויל איז דײַן נשמה אַף דער וועלט!"
אַ שטיל אין גן־עדן אַוועגישטעלט.

טולטשין (פּאָדאָליען). מ. פוקס.

---

[1]) אויסגעשפּראָכען: „דערך", אָדער „דעריך". — [2]) gyton. —

№ 127.

דריטער וואַריאַנט.

I. אַמאָעל אִי גִיוועֵיזִין צוואַ בּרִידאָלאָך, צוואַ:
אײַנאָ אִי גִיוועֵיזִין אָרִים, דעָיאָ צווײַטאָ אִי גִיוועֵיזִין ראַך.
אוי, מִיטאַמאָעל, דעָיאָ ראַכאָ אָט אַנ׳אָכצאַט [1]) גִימאַכט,
אָט׳אָ זאָך פאַבּײַטִין אַלִי גרעָסטִי לאַט [2]).

II. אוי, מִיטאַמאָעל קִימט דעָיאָ אָרִימאָ צִים ראַכִין צִיגײַן:
— אָ בּרִידאָ דִי מאַן, בּרִידאָ דִי לִיב,
עֶפּשאָ [3]) קעָנסטִי מאָ גײַבִין אַ שטִיקוּ [4]) בּרויט מִיט כרײַן?"
— אוי, ווִינאָך קעָן אָך דאָ גײַבִין אַ שטִיקוּ בּרויט
מִיט כרײַן,
אַ דאַן מאָל [5]) שטִינקט אַזוי ווִי אַ שווײַן?"

III. פִיאָ [6]) וואָכִין שלושים גײַט דאָך נאָך נִיש אָם, —
טראָגט מִין שוין ס׳אָרִימִי בּרִידאָרוּ [7]) פִין דִים שטעָטוּ [8]) אַראָם.
מ׳טראָגט עֶם, מ׳טראָגט עֶם פאַ גיהנום־טִיאָ,
פאַמאַכט מִין דִי רִיגאָלאָך, פאַמאַכט מִין דִי טִיאָ.

IV. מ׳טראָגט עֶם, מ׳טראָגט עֶם פאַ גִינײַדִים [9]) טִיאָ,
עֶפִינט זאָך דִי רִיגאָלאָך — עֶפִינט זאָך דִי טִיאָ:
— כ׳אַבּוּ [10]), כ׳אַבּוּ!
„ר׳ משה קבצן אִי דאָ!

V. „וואָסאַראַ גִיץ אָט אִיאָ אָף יעָנאָ וועָלט גִיטאָן?"
— אוי, פִין שבּת אָב אָך שטעָנדִיק גִי׳אַלטִין". [11])
— אִין פאַ דעָם קִימט אִים אַ שטִיל אויבִין אָן,
גאָלד מִיט בּאַרלאַנטִין אָף זאַן גוף אָנגִיטאָן!"

---

[1]) אַ חתונה. — [2]) לײַט. — [3]) אפשר. — [4]) schtyku (שטִיקעָל).
[5]) מויל. — [6]) פִיר. — [7]) bridoru (בּרוּדעָר׳ל). — [8]) schtetu (שטעָטעָל).
[9]) גן־עדן. — [10]) ברוך הבא. — [11]) פאַרגלײַך ג׳ 126, II. —

VI. פיא וואלין שלושים גייט דאך נאך ניש אם , —
טראגט מין שוין ס׳ראלי ברידארל פין דים שטעטו אראם ,
מ׳טראגט עם , מ׳טראגט עם פא גינעידים טיא , —
פאמאלט זאך די ריגאלאך , פאמאלט זאך די טיא .

VII. מ׳טראגט עם , מ׳טראגט עם פא גיהנום=טיא ,
עפינט זאך די ריגאלאך , עפינט זאך די טיא :
— ל׳אבו , ל׳אבו !
„יאסיל נגיד אי דא !

VIII. „וואס א׳רא גיץ אט א אף יענא וועלט גיטאן ?"
— פין שבת יום טוב אך שטענדיק ניט גיאלטין". [1]
— אין פא דעם קימט עם א שטיל אינטין ,
אין שלאנגין מיט עגדישין זאן גוף אנגיטאן !"

IX. אוי , מיטאמאעל קימט דעיא ראלא צים ארימען ציגיין :
— ברידא די ליב , ברידא די מאן !
עפשא קען אך דאנם א פיסינבייניקאלי זאן ?"
— ווינאך קענסטי מאנס א פיסינבייניקאלי זאן ,
א פין מיא שטינקט אזוי ווי א שוואן ?" — [2]

רהל יאבלאנסקי . וואַרשא .

№ 128 .

פערדער וואַריאנט .

I. צוויי ברידע אבין ג׳וואוינט באַרין [3] עק טאך :
איינע אי ג׳וועזין ארים , דע אנדערע ראך .
דע ראלע אט ג׳מאלט א מאלצאט ,
אט׳ע פאבעטין אלי גרויסי לאט ,

---

[1] פאַרגלייך נ׳ 126 , III . — די אידעען פון די צוויי וואריאנטען (נ׳ 126—127) זענען זיך סותר . — [2] אין די פריערדיקע צוויי וואריאנטען איז ניטא אזא סטראפע . — [3] באם .

אין דים אָרימע ברידע אָט'ע ניש ג'בעטין,
אין דע אָרימע ברידע איז אַלײַן ג'קימע
אין ר'אָט אַזוי ג'זאָגט:
— ברידע אין פראַנט,[1]
גי מיע[2] ברויט מיט וואַן,
מאַן וואַאַב אין קינדע מחיה צי זאַן".
אין דע ראַלע ברידע אָט ג'ענטפע:[3]
— וויאַזוי קאָנ'ך דיע געבין ברויט מיט וואַן,
אַ ד'שטינקסט דעך[4] ווי אַ שוואַן".
... אין ר'איז[5] ג'שטאָרבין פאַ הינגע[6].

II. ס'אָבין זעך[7] אָפג'ריגילט אלי ריגאַליך,
ס'אָבין אָפג'עפענט פין גנײדים אַלי פיע[8] טיראַליך:
— שמואל דע קבצן גײַט!"
אין אַזוי ווי ר'איז דאָאָטין אַראַנג'קימע,
אָט מע עם ג'געון[9] אַ שטיל אין דע הײעך[10],
באַצויגין מיט גאָלד אין סאַמיט ווײעך[11].
... "וויאַזוי קענ'ך דיע[12] געבין ברויט מיט וואַן,
א' ד'שטינקסט דעך ווי אַ שוואַן!"[13]
אײַנס, צוואַ, דראַ.

III אין פיע וואָלין אַרים
אי דע ראַלע ברידע ג'שטאָרבין.
אַלי פיע טוירין פין גיהנום
אָבין זעך אָפג'עפענט:
— שמואל דע קמצן גײַט!"

---

1) פרײַנט. — 2) mie (מיר). — 3) געענטפערט. — 4) דאָך. — 5) ד. ה. דער אָרימער. — 6) פאַר הונגער. — 7) זיך. — 8) fië (פיר). — 9) געגעבען. — 10) הייך. — 11) ווייך. — 12) dië (דיר). — 13) דער צווייפערז ווערט דאָ איבערגעחזר'ט, ווײַזט אוים, כדי אונטערצושטרײַכען דעם קאָנטראַסט צווישען דעם רײַכען ברודערס באַציִונג און דער באַציִונג פון דער פמליא של מעלה צו „שמואל דעם קבצן".

אַזוי ווי ר'אי דאָטין אַראַנג'קימע,
אָט מע נ'ים ג'געז אַ שטיל אין דע הייעך,
באַצויגין מיט שוועבעל אין פעיעך.

IV. דע ראַבע ברידע אי צים אָרימען ג'קימע
אין אָט זעך באַ נ'ים ג'בעטין:
— ברידע אין פראַנט,
אפשר קענ'ך דאַן פיסינבענקאַלי זאַן?"
— ווי אַזוי קענסטי מאַן פיסינבענקאַלי זאַן,
אַ ד'שטינקסט דעך ווי אַ שוואַן?"...
— אפשר על'ך דאַן פאָדלגאַלי וואַשין?"
— וויאַזוי קענסטי מאַן פאָדלגאַלי וואַשין,
א' ד'אָסט נאָ ליב צ'נאַשין?
אוי! ג'וואַלט! ד'שטינקסט דעך ווי אַ שוואַן!"
איינס, צוואַ, דראַ!

ליפסק (ראד. ג.) אַ בעל-הבתיש מיידעל, 18 יאָר.

№ 129.

פינפטער וואַריאַנט.

I.

אַמאָעל אי גיוויין צוואַ[1]) ברידאָ
אינטאָ איין דאַך:
איינאָ ז'גיוויזין אָרים,
דעיאָ צווייטאָ ז'גיוויזין ראַך.

II.

ס'גייט אָס אַ וואָך,
צוואַ, אָדאָ[2]) דראַ, —
קימט דעיאָ אָרימאָ ברידאָ
צים ראַבין אין שטיב אַראַ[3]):

III.

— ברידאָ די ליב,
ברידאָ די מאַן,
עפשאָ קענסטי מאָ געז[4])
אַ קידוש-גלעזאַלי וואַן?"

IV.

— וויאַזוי קען אָך דאָ געז
אַ קידוש-גלעזאַלי וואַן,
אַז עס שטינקט פין דיאָ
אַזוי ווי פין אַ שוויין?"

[1]) צוויי. — [2]) odo (אָדער). — [3]) אַריין. — [4]) געבען.

V.

ס׳גײט אָם אַ װאָך,
צװאַ אָדאָ דראַ,
קימע די גיטי מלאכים
צים אָרימען אין שטיב אַראַ:

VI.

— ברידאָ די ליב,
ברידאָ די מאַן,
עפשאָ קענסטי מיט אינץ
אין גיטין װײג אַראַ גײן?״

VII.

װיאַזױ קען אָך מיט אַך
אין גיטין װײג אַראַ גײן, —
װאַב אין קינד
דאָ צילאָזין שטײן?״

VIII.

— װאַב אין קינד
מי מע לאָזין שטײן,
אי מיט אינץ, גיטי מלאכים,
אין גיטין װײג אַראַ גײן.״

IX.

מי אָט עם שױן, מי טראָגט עם שױן
גלאַך אין גיהנום אַראַ:
— מאַלטם אָף, מאַלטם אָף,
מי טראָגט אײַן אָרימען צדיק
אַראַ!״

X.

— אײַן אָרימאָ צדיק, אײַן גיטאָ
צדיק,
קעיאָט [1]) ניש דאָ אַראַ״.
— װאָי דען? װאָי דען?״
— נאָע אין גינײדעם אַראַ!״

XI.

מי אָט עם שױן, מי טראָגט עם שױן
פאַר׳ן גינײדעם פאַבאַ:
— מאַלטם אָף, מאַלטם אָף,
מי טראָגט אַנ׳אָרימען צדיק אַראַ״.

XII.

אײַנאָ מאַלט אָף,
דעיאָ אַנדאָראָ [2]) מאַל׳ צי,
דעיאָ דריטאָ דאַלאַנגט
די גאָלדיני שטיל.

XIII.

ס׳גײט אָם אַ װאָך,
צװאַ אָדאָ דראַ,
קימע די שלאַלטי מלאכים
צים ראַבין אין שטיב אַראַ:

XIV.

— ברידאָ די ליב,
ברידאָ די מאַן,
עפשאָ קענסטי מיט אינץ
אין שלאַבטין װײג אַראַ גײן״?

---

[1]) kəjot (קערט), — [2]) andoro (אַנדערער).

XV.

—וויאַזוי קען אָך מיט אַך
אין שלאַכטין וועג אַרא גיין ,
גאָלד אין זילבאָ
דאָ צילאָזין שטיין ?"

XVI.

—גאָלד אין זילבאָ
מי מי לאָזין שטיין ,
אי מיט אינץ , שלאַכטי מלאכים ,
אין שלאַכטין וועג אַרא גיין" .

XVII.

מי אָט עֶם שוין , מי טראָגט עֶם שוין
פאַר'ן גינייַדעם פאַבאַ :
—מאַכטס-אָף , מאַכטס-אָף :
מי טראָגט אַ ראַבין רשע אַרא !"

XVIII.

—אַ שלאַכטאָ רשע, אַ ראַכאָ רשע
קעיאָ ניש דאָ אַרא !"
—וואי דען ? וואי דען ?"
—נאָע אין גיהנום אַרא" !

XIX.

מי אָט עֶם שוין, מי טראָגט עֶם שוין
גלאַך אין גיהנום אַרא :
— מאַכטס אָף, מאַכטס אָף :
מי טראָגט אַ ראַבין רשע אַרא !"

XX.

אייַנאָ מאַכט אָף ,
דעיאָ אַנדאָראָ מאַכ' צי ,
דעיאָ דריטאָ דאַלאַנגט
די פייַאָדיקי [1] שטיל .

XXI.

ס'גייַט אָם אַ וואָך ,
צוואַ אָדאָ דראַ ,
גייַט דעיאָ ראַכאָ רשע
פאַר'ן גינייַדעם פאַבאַ .

XXII.

— ברידאָ די ליב ,
ברידאָ די מאַן ,
עֶפשאָ קען אָך באַ דיאָ
אַ קאָפינקישאַלי זאַן ?"

XXIII.

—וויאַזוי קענסטי באַ מיאָ
אַ קאָפינקישאַלי זאַן ,
אַז עֶם שטינקט פין דיאָ
אַזוי ווי פין אַ שווייַן ?"

XXIV.

ס'גייַט אָם אַ וואָך ,
צוואַ אָדאָ דראַ ,
גייַט דעיאָ ראַכאָ רשע
פאַר'ן גינייַדים פאַבאַ :

[1] fajodyky (פייַערדיקע) .

XXV.

—בּריִדאָ די ליִב,
בּריִדאָ די מאַן,
עֶפּשאָ קעֶן אָך באַ דיִאָ
אַ פּיִסיִנבּײַנקאַלי זאַן?"

וואַרשא-פּראַגאַ.

XXVI.

—וויִאַזוי קעֶנכטי באַ מיִאָ
אַ פּיִסיִנבּײַנקאַלי זאַן,
אַז עֶס שטיִנקט פיִן מיִאָ
אַזוי ווי פיִן אַ שווײַן?"

מינדעל קאָזלאָווסקי, 18 יאָר.

№ 130.

זעקסטער וואַריאַנט[1].

I.

עֶס איִז אײַן מאָל גיִוועֶן צווײַ
בּריִדעֶר
אונטעֶר אײַן דאַך,
אונטעֶר אײַן דאַך:
אײַנעֶר איִז גיִוועֶן אָריִם
דעֶר צווײַטעֶר איִז גיִוועֶן רײַך.

II.

דעֶר רײַכעֶר בּעֶט דעֶם אָריִמאַן
אַף אײַן גלעֶזאַלעֶ ווײַן,
אַף אײַן גלעֶזאַלעֶ ווײַן.
—עֶס טראָגט פון דיר אײַן אָויר,[2]
ווי פון אײַן שווײַן.

III.

עֶס גײַט ניִט אוים קײַן וואָך,
צווײַ אָדעֶר דרײַ,
צווײַ אָדעֶר דרײַ:
קומעֶן צווײַ בּרעֶנעֶנדעֶ מלאכים
צום רײַכיִן אין שטוב אַרײַן:

IV.

—בּרודעֶר דו ליִב,
בּרודעֶר דו מײַן,
דו מוזט שוין מיִט אונז
איִן וועֶג אַרײַן גײַן!"

V.

—וויִאַזוי קעֶן איִך מיִט אײַך
איִן וועֶג אַרײַן גײַן,
איִן וועֶג אַרײַן גײַן?
ווי וועֶל איִך לאָזיִן
מײַן גאָלד און זיִלבּעֶר שטײַן?"

VI.

—דײַן גאָלד און זיִלבּעֶר

---

1) מיִט דעֶר ליִטעֶראַריִשעֶר אָרטאָגראַפיעֶ. — 2) שלעֶכטעֶר געֶרוך. — איִן וואָלין זיִנגעֶן די חדר-קיִנדעֶר: „חבר, חבר, שטיִנק אַנ׳אויר."

וועסטו לאָזין שטיין , —
און מיט אונז , צוויי ברענענדע
מלאכים ,
אין וועג אריין מוזטו גיין !"

VII.

מען נעמט אים , מען פירט אים
פאר די גן־עדן־טיר .
דאָס גן־עדן איז פארשלאָסין ,
מיט שוועבעל־פעיעך פאָרגי־
שאָסין .

VIII.

— עפענט־אָף עפענט־אָף ,
איר הייליקע מלאכים !
עפענט אָף : איין רייכען רשע
האָט מען אייך גיבראַכט !"

IX.

— איין רייכער רשע , איין
אָרימער רשע
קערט ניט דאָ אריין ,
נאָר ער גיהערט
אין גיהנום אריין ."

X.

עס גייט נישט אוים קיין וואָך ,
צוויי אָדער דריי , —
קומען צוויי הייליקע מלאָכים
צום אָרימאַן אין שטוב אריין :

XI.

— ברודער דו ליב ,
ברודער דו מיין ,
דו מוזט שוין מיט אונז
אין וועג אריין גיין !"

XII.

— ווי קען איך מיט אייך
אין וועג אריין גיין :
ווי וועל איך לאָזין
מיין ווייב און קינדער שטיין ?"

XIII.

— דיין ווייב און קינדער
וועסט דו לאָזין שטיין !
מיט אונז , צוויי הייליקע מלאכים ,
אין וועג וועסט דו גיין !"

XIV.

מען נעמט אים , מען פירט אים ,
צו די גיהנום־טיר .
דאָס גיהנום איז פארשלאָסין
מיט שוועבעל־פעיעך פאָרגי־
שאָסין .

XV.

— עפענט־אָף , עפענט אָף ,
איר ברענענדע מלאכים !
עפענט אָף , איין אָרימען צדיק
האָט מען אייך גיבראַכט !"

XVI.

— איין אָרימער צדיק , איין
רייכער צדיק
גיהערט ניש דאָ אריין ,
נאָר ער גיהערט
אין גן־עדן אריין !"

ר א ד א ם .

יוסף ראָזענפעלד .

№ 131.

חוה׳לי, חוה׳לי אי[1]) טבילה גיגאַנגע, — [2])
גוים אין יידין זענע[3]) דאַבאַ גישטאַנע, [4])
אין ז׳אָבין זאָך[5]) שוין נישט אַזוי פאַווינדאָט[6]) אָף איאָ שיינקייט,
ווי ז׳אָבין זאָך פאַווינדאָט אָף איאָ פרימקייט.
חוה׳לי, חוה׳לי איז אַהיים גיגאַנגע, —
גוים אין יידין זענע נאָכגיגאַנגע.
חוה׳לי חוה׳לי איז אין שטיב גיקימע[7]),
אָט זי איאָ[8]) מאַן לייביש ניש שיין ציגינימע. [9])
אין שענסטין עסין, אין בעסטין טרינקין,
זאָגט אָ[10]): „חוה׳לי, מאַן וואַב, כ׳בין שוין ניש מעיאָ דאַן מאָען." [11])
— לייביש-לייבין, מאַנעם האַרצין, לייביש-לייבין, מאַנעם קרוינע,
וואָס אי מי[12]) דיאָ[13]) גישייען, וואָס[14]) ווילם ניש מיט מיאָ וואוינע?"
— מיט קין[15]) אשת-איש טאָע[16]) מין דאָך ניש וואוינע!"

ווי די חוה׳לי אָט דאָס[17]) דאַהעיאָט[18]),
אָט[19]) זי גיכאַפּט דאָס ספר אינטאָן אָרעם
אין אי גילאָפין אָף אַלי קברים.

אין ווי חוה׳לי אי גילאָפין,

---

[1]) איז. — [2]) געגאַנגען. — [3]) זענען. — [4]) געשטאַנען. — [5]) soch (זיך). — [6]) fawyndot (פערוואונדערט). — [7]) געקומען. — [8]) ijo (איר). — [9]) צוגענומען. — [10]) o (ער). — [11]) אין די קליינע גאַליצישע שטעטלעך, אויך אין איניקע רוסיש-פוילישע שטעטלעך לעבען דער עסטרייכישער גרענעץ, זאָגט מען נאָך היינט אויך „מאָען" אַנשטאָט „מאַן". — [12]) מיט. — [13]) dio (דיר). — [14]) וואָס. — [15]) קיין. — [16]) tue (טאָר). — [17]) dues (דאָס). — [18]) da-heiot (דערהערט). — [19]) ot (האָט).

אָט זי איאָ מיטאָ'ס[1] קײַוואָ[2] אָנגיטראָפין.
— אוי, העיאָ[3] נאָ[4], מאַמי, מאַמי, זאָל אָך[5]
דיאָ ניש זאָגין,
אַ דאַן אײַדעם לײַביש וויל מאָך[6] ניש אָבין?
כ'אָב'ן ניש גיטיעָן, אין כ'אָב'ן ניש גירעָט[7], —
אין עָיאָ[8] וויל מאָ[9] וואַרפין פאַ[10] די פים אַ גט".
— חוה'לי, חוה'לי, ניש אַזוי גיקלאָגט: —
ס'עָט פאָאָט[11] ניש אַזוי זאַן, ווי מאַן אײַדעם לײַביש זאָגט!"
חוה'לי, חוה'לי אי וואַטאָ[12] גילאָפין,
אָט זי איאָ פאָטאָס[13] קײַוואָ אָנגיטראָפין.
— טאַטישי, טאַטישי, זאָל אָך דיאָ דעָ[14] ניש זאָגין,
אַ דאַן אײַדעם לײַביש וויל מאָך ניש אָבין?
כ'אָב'ן ניש גיטיעָן, כ'אָב'ן ניש גירעָט,
אין עָיאָ וויל מאָ וואַרפין פאַ די פים אַ גט!"
— חוה'לי, חוה'לי, ניש אַזוי גיוויינט, ניש אַזוי גיקלאָגט:
ס'עָט פאָאָט נישט אַזוי זאַן, ווי מאַן אײַדעם לײַביש זאָגט!"

חוה'לי, חוה'לי, אי וואַטאָ גילאָפין,
אָט זי איאָ טאָכטאָ עָסטאָ-כאַנים[15] קײַוואָ אָנגיטראָפין:
— עָסטאָ-כאַני, עָסטאָ-כאַני, זאָל אָך דיאָ דעָ ניש זאָגין,
אַ דאַן טאַטי לײַביש וויל מאָך נישט אָבין?
כ'אָב'ן ניש גיטיעָן, כ'אָב'ן ניש גירעָט, —
אין עָיאָ וויל מאָ וואַרפין פאַ די פים אַ גט!"
— מאַמישי, מאַמישי, נישט אַזוי גיוויינט, נישט אַזוי
גיקלאָגט:
ס'עָט פאָאָט נישט אַזוי זאַן, ווי מאַן טאַטישי זאָגט!"

---

[1] mytos (מוטערס). — [2] kajwo (קבר). — [3] hejo (הער). — [4] no (נאָר). — [5] och (איך). — [6] moch (מיך). — [7] גערעדט. — [8] ער. — [9] mo (מיר). — [10] (פאַר). — [11] פאָרט. — [12] wato (ווײַטער). — [13] futos (פאָטערס). — [14] דעָן. — [15] אסתר-חנה'ס. —

חוה'ליִ, חוה'ליִ איִ וואַטאָ גיִלאָפיִן,
אָט זיִ איִאָ זיִן עזריאל-יונה'ס קײַוואָ אָנגיִטראָפיִן.
— עזריאל-יונה, עזריאל-יונה, זאָל אָך דיִאָ דעָ ניִש זאָגיִן,
אַ דאַן טאַטיִ לײַביִש וויִל מאָך ניִשט אָביִן?
כ'אָב'ן ניִש גיִטיִעָן, כ'אָב'ן ניִש גיִרעָט, —
איִן עיִאָ וויִל מאָ וואַרפיִן פאַ דיִ פיִס אַ גט!"
— מאַמיִשיִ, מאַמיִשיִ, ניִשט אַזוי גיִוויינט, ניִשט אַזוי גיִקלאָגט:
ס'עָט פאָאָט ניִש זאַן אַזוי, וויִ כאַן טאַטיִשיִ זאָגט".

וויִ חוה'ליִ, חוה'ליִ איִז אַהײַם גיִגאַנעָ,
אָט לײַביִש גיִכאַפּט ספרים איִנטאָרן אָריִם
איִן איִז אָך גיִלאָפיִן אָף דיִ קבריִם.

וויִ לײַביִש, לײַביִש איִ גיִלאָפיִן,
איִז אָ איִבאָ דעָיִאָ שוויִגאָ'ס[1] קײַוואָ אַריִבאָגיִלאָפיִן.
— לײַביִש, לײַביִש, אַ פריִשיִן נדן עָל אָך גײַביִן, —
מיִט מאַן טאָכטאָ חוה זאָסטיִ בשלום לײַביִן!"
— שוויִגאָ-לײַביִן-ליִב, שוויִגאָ-לײַביִן-מאַן,
מיִט קיִן אשת-איש טאָעָ מיִ[2] ניִש זאַן!"
וויִ דיִ שוויִגאָ אָט דאָס דאַהעָיאָט,
כאַפּט זיִ דיִם שלײַאָ[3] איִן וואַרפט איִן דר'עָיאָט.[4]

וויִ לײַביִש איִ וואַטאָ גיִלאָפיִן,
איִז אָ איִבאָר'ן שוועָיאָס[5] קײַוואָ אַריִבאָגיִלאָפיִן.
— לײַביִש, לײַביִש, אַ פריִשיִן נדן עָל אָך גײַביִן, —
מיִט מאַן טאָכטאָ חוה זאָסטיִ[6] בשלום לײַביִן!"
— שוועָיאָ-לײַביִן-ליִב, שוועָיאָ-לײַביִן-מאַן,
מיִט קיִן אשת-איש טאָעָ מיִ ניִש זאַן!"
וויִ דעָיאָ שוועָיאָ אָט דאָעס דאַהעָיאָט,
כאַפּט אָ דיִם ספאָדיִק איִן וואַרפט איִן דר'עָיאָט.

---

1) schwigo (שוויגערס). — 2) מען. — 3) schlajo (שלייער). — 4) drejot (דר'ערד). — 5) schwejos (שווערס). — 6) zosty (זאָלסטו). —

ווִי לײַבִּישׁ אִיז וואַטאָ גִילאָפִּין,
אָט אָ זאַן טאָלטאָ עֶסטאָ=כאַנִיס קײַוואָ אָנגִיטראָפִין .
— עֶסטאָ=כאַנִי, עֶסטאָ=כאַנִי, גִיבראָטִינִי טאַבּאָלאָך [1])
עֶל אָך דאָ גײַבִּין צ׳ עֶסִין,
אִין אִין דאַן טרפה׳נִי מִיטאָ זאָסטִי טִיעֶן פאַגעֶסִין !"
— טאַטִישִׁי, טאַטִישִׁי, אַ שטִיקוּ [2]) אַש אִין ברויט עֶל אָך עֶסִין,
אִין אִין מאַן פרִימִי מִיטאָ עֶל אָך נִישׁ טִיעֶן פאַגעֶסִין ."

ווִי לײַבִּישׁ אִיז וואַטאָ גִילאָפִּין, אָט אָ זאַן זִין עזריאל=
יונה׳ס קײַוואָ אָנגִיטראָפִין .
— עזריאל=יונה, עזריאל=יונה, גִיבראָטִינִי טאַבּאָלאָך
עֶל אָך דאָ גײַבִּין צ׳עֶסעֶן, —
אִין אִין דאַן טרפה׳נִי מִיטאָ זאָסטִי טִיעֶן פאַגעֶסִין !"
— טאַטִישִׁי, טאַטִישִׁי, פאָ וואָעֶם ווִילסטִי מִי דעֶיאָ
מאַמִישִׁי נִישׁ שלום לײַבִּין ?
אָ פרִישִׁין נדן עֶט דעֶיאָ זײַדִי [3]) גײַבִּין,
אִין מִי דִי מאַמִישִׁי זאָסטִי בשלום לײַבִּין !
ווען דִי, טאַטִישִׁי, בִּיסט נאָך מִיט תּורה אַזוי ראַך, —
מִי דעֶיאָ מאַמִישִׁים פרִימקײַט בִּיסטִי נאָך נִישׁ גלאַך !"

ווִי לײַבִּישׁ אִיז אַהײַם גִיגאַנעֶ, זאָגט אָ :
— חוה׳לִי=מאַנעֶם=האַרצִין, חוה=לײַבִּין=מאַנעֶם=קרוינעֶ,
מאַנִי קִינדאָ׳ם [4]) רחמנות אָבִּין מאָך אִיבּאָגִינִימעֶ, מִיז
אָך מִי דִיאָ בּלאַבִּין [5]) וואוינעֶ !"

— לײַבִּישׁ, לײַבִּישׁ, קִים אַבִּיסוּ [6]) אִין לִיסטגאָאָטִין [7]) אַראַ [8]),
דאָאָטִין [9]) קעֶרִין דאָך אַזעֶלכִי שײַנִי פירות צִי זאַן ." [10])
אדם טִיט דִים לִיסטגאָאָטִין אָפּשלִיסִין,

---

[1]) taboloch (טײַבּעֶלעֶך). — [2]) schtyku (שטִיקעֶל). — [3]) זײדעֶ. —
[4]) kyndo's (קִינדעֶרם). — [5]) בּלײַבּעֶן . — [6]) abysu (אַבִּיסעֶל). — [7]) lyst-
guut'n (לוסטגאָרטעֶן) . — [8]) אַרײַן . — [9]) dootyn (דאָרטעֶן) . —
[10]) דאָ הײבּט זיך, קעֶנטִיק, אָן אַ פראַגמעֶנט פון עֶפּעֶס אַנ׳אַלטעֶר

טיט חוה'ן אקעגין שפּריצין
דים [1]) שענסטין אַפּעל, דים רויטסטין אַפּעל.
חוה נעמט דים אַפּעל אין טיט דים עיאָשטין [2]) בים, —
קיקט זאָך אדם אים, זייט אָ, חוה נאַקיט איז.
אדם נעמט-אַראָפּ אַ בלאַט פין דעיאָ הײַליגאָ [3]) צווײַג [4])
אין דעקט צי חוה'ן איאָ זינדיק לאַב.
— העיאָ נאָ, חוה, וואָעם אָסטי גיטיען!"
— שלאַנג אין שלאַנג אָט מאָך אָנגירעט ניוויירים [5]) צי־טיען!"

ניוויירים, ניוויירים, שײַן קעניג, גיטאָען!
אויבין אין גיהנום שטיל אין נאָען!

אָט אָ [6]) זאָך אינטאָרן שלאַקבוים באַהאַלטין.
אי דעיאָ ליבאָ האַרגאָט אַראָפּגיגאַנגע.
— ליבאָ האַרגאָט, ליבאָ האַרגאָט,
מיאָ זענע גאָניש שילדיק דערינע:
די אָסט באַשאַפין אײַן שלאַנג, וואָעם רעט מיך אָען".
— אָפּ'ן באָך זאָסטי, שלאַנג, שווימע! —
אין ענק זאָלין שוועיאָ ענקערע קינדאָ אָנקימע!
אַש אין עיאָט זאָל זאַן דאַן דאַנײַרעכץ!

באַלאַדע וועגען דער מעשה מיט'ן עץ-הדעת.

אַ אינטערעסאַנטע זאַך באַמערקען מיר אָפּט באַ אַלטע ווײַבער, וואָס קענען אַ סך פאָלקסלידער: פון צוויי פאַרשידענע זאַכען ווערט באַ זיי איינס, דערהויפּט געשייט דאָס, ווען די צוויי פּאָעטישע ווערק ווערען געזונגען מיט איין ניגון, — זאַן איז געװאָג דאָס מינדסטע אָנגעשעפּעניש, זיי זאָלען זיך צו־בויפגיסען.

אין אונזער ליד פיגורירט אַ חוה'לע. דער נאָמען קלינגט אויך אין דעם געדיכט וועגען דער געשיכטע מיט'ן עץ-חדעת. און די אויבערפלעכליכע אַסאָציאַציע האָט געבראַכט, דער אָנגעוויזענער פראַגמענט זאָל צוװאַקסען צו אונזער ליד.

[1]) דאַרף זײַן: ד ע ר. — [2]) ejoscht'n (ערשטען). — [3]) hajlyko (הייליקער). — [4]) צווײַג. — [5]) עבירות. — [6]) ot o (האָט ער). —

אין אינטא די עיאט זאל זאן ענקא באוואוינעלץ !"

וואַרשא . חיה שעפּס .

№ 132.

דער בורמיש [1]) האט גיהייסין אלי יידין טויטשלאגין ,
אלי יידין טויטשלאגין .
די בורמישי האט אים גישטעלט דריי פראגין ,
דריי פראגין :
— ווער האט די צייען גיבאט גיטין גייבין ?
די צייען גיבאט גיטין גייבין ?
„פין ווענענס טראכט אי דער פאנדריק אראסגיקימע ,
דער פאנדריק אראסגיקימע ?
„וואס פאר'א מפּלה האט גיהאט דער צורר המן ,
דער צורר המן ?"
דער בורמיש האט גינימע דעם שטעקין אין האנט ,
דעם שטעקין אין האנט .
די בורמישי האט גימאכט א צייכין אף די וואנט ,
א צייכין אף די וואנט .
דער בורמיש האט גינימע די פעדער מיט'ן טינט ,
די פעדער מיט'ן טינט .
די בורמישי האט גיקישט איר קינד ,
גיקישט איר קינד .

וואַרשא . חיה שעפּס .

דאס ליד איז נישט געענדיגט . עס פעלען פערזען אין מיטען און צום סוף . פרוי חיה שעפּס , 75 יאר אלט , האט עס געהערט נאך פון איר באבע'ן , אלס קינד .

די באלאדע , ווי ס'איז צו דערקענען אין דער שפּראך און אין אינהאלט , מוז זער אלט זיין און שילדערט , אפנים , דעם גורל פון עפּעס א בארמהארציקער

---

[1]) burmisch .

פרוי, אַ שלעכטען שרה'ס אַ ווייב, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר די יידען, וועלכע דער צורר היהודים האָט געהייסען אויסהרג'ענען, און האָט פאַר איר גוטסקייט באַצאָלט מיט'ן לעבען.

№ 133.

I. אַמאָל האָט אין אַ שטאָדט אַ גישיכטע גיטראָפין:
אַ מלך האָט אַ מלכה אַוועגיוואָרפין,
האָט ער איר גילאָזין אַ פייגעלע דעריין,
כדי דער מלכה זאָל פריילאַך זיין.

II. — פייגעלע דו מיין, פייגעלע דו פיין,
זאָג מיר: וואו איז מיין מאַן?"
— וואו איז דיין מאַן, ווייס איך ניט: —
קיין גרייסע פייגעלע בין איך ניט,
אין גידיכטע וועלדער פלי איך ניט,
אין פוסטע פעלדער גיי איך ניט".

III. די פייגעלע איז גילאָפין אַ טאָג מיט אַ מעת־לעת,
גיקומען צו דעם מלך, טויט ווי אַ מת:
— מלך דו מלך! פאַלשער דו מאַן!
וואָס האָט דיר די מלכה פאַר אַ שלעכץ גיטאַן?"
— ניט קיין גוטץ און ניט קיין שלעכץ:
קיינמאָל ניט גיקאָכט קיין רעכטע גיקעכץ".
— מלך דו מלך! שרייב אַ בריוועלע
און קלעפ מיר צו צום פליגעלע".

IV. די פייגעלע איז גילאָפין אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
גיקומען צו דער מלכה, — די לאָדין פאַרמאַכט.
— מלכה דו מלכה, דו אויסגילויכטע צורה!
איך האָב דאָך דיר גיבראַכט אַ פינסטערע בשורה".
ווי די מלכה האָט דאָס דערהערט
האָט זי גינומען גט אין האַנט,
שלאָגין קאָפ אין וואַנט,

פּים אין מיר :

— פאַלשע פייגעלע אַוועק פון מיר !"

דאָרף זשירעווע (סלאָנים. א., גראָדנ. ג.). חיה שעליובסקי , 50 יאָר.

№ 134 .

פראַגמענט .

דאָס פייגאַלי איז גיפלויגין אַ טאָג און אַ נאַכט ,
בי ס'אָט צים מלכות אַ תשובה גיבראַכט .
דאָס פייגאַלי איז גיפלויגין אָף די מלכה'ס שויס ,
און די מלכה אָט גילאָסט דראַ טרערעלאָך בלויס .
— מינאָ [1] אָ'מאָ [2] איינס איידאָ צוויי [3] , —
און דאַן ליב-לייבין איז דאָך גאָע ווייַ .
מינאָ אָ'מאָ צוויי איידאָ דראַ , —
דאַן ליב-לייבין איז שוין פאַבאַ . [4]
מינאָ אָ'מאָ דראַ איידאָ פיאָ [5] , —
דאַן ליב-לייבין עסטי שוין ניש זייען פאַ דאַן טיאָ [6]
מינאָ אָ'מאָ פיאָ איידאָ פינעף , —
דאַן ליב-לייבין איז דאָך שוין גיוואָרין אין גריב פאַמינאָט . [7]
מינאָ אָ'מאָ פינעף איידאָ זעקס , —
דאַן ליב-לייבין עט דאָך שוין נישט עסין באַ דיאָ קיימאַל קין ציקאָגיבעקס ,
מינאָ אָ'מאָ זעקס איידאָ זיבין , —
דאַן ליב-לייבין איז דאָך גיוואָרין ייִנגאָהייט [8] און גריב אַראַ פאַטריבין .
מינאָ אָ'מאָ זיבין איידאָ אַכט , —

---

[1]) מינער (ווענִיקער) . — [2]) om o (האָבען מיר) . — [3]) דאָס זאָגט דאָס פייגעלע . — [4]) פאַרבײַ . — [5]) פיר . — [6]) טיר . — [7]) פאַרמינערט . — [8]) יונגערהייט .

דאַן ליב־לײַבין אי גיוואָרין יינגאָהײַט אין גריב

אַראַ־פּאַטראַכט.

מינאָ אָ׳מאָ אַכט אײַדאָ נאַן, —

דאַן ליב־לײַבין עָט שוין באַ דיאָ ניש זאַן.

מינאָ אָ׳מאָ נאַן אײַדאָ ציִען, —

דאַן ליב־לײַבין עָסטי שוין מעָיאָ ניש זײַען״...

וואַרשא. חיה שעפּס.

№ 135.

אַ פּאָטאָ[1]) אָט[2]) גיאַט[3]) צוואַ[4]) טאַכטאָ[5]).

די עלטאָרי[6]) אי גיוועין אַ שטילי, אַ גיטי, שטענדיק גי־זעסין אין שטיב, אין וואָס דעיאָ טאַטי אָט איאָ גיזאָקט, אָט זי גיפאָלקט, — אָט זי דעיאָ טאַטי שטאַרק ליב גיאַט דאַפאַ[7]).

די יינגאָרי[8]) אי גיוועין גאָע[9]) אַנ׳אַנדאָרי[10]): שטענדיק ליסטיק, פראַילאָך, ליב גיאַט זאָך שעין אָנטין, אַרימגאַין שפּאַצירין, זאָך גיקענט מיט פיל יינגילאַט, — אָט דעיאָ פּאָטאָ גיאַט צי׳נ׳איאָ אַ פּרעטענציע:

— פּאַ וואָעס ביזטי נישט אַזוי, ווי דאַן עלטאָרי שוועסטאָ?״ זאָקט זי:

— וואַל יאַך וויל ניש, וואַל מאַן עלטאָרי שוועסטאָ איז אַרגאָ[11]) פי מיאָ״.

אָט אָ זאָך אָנגיכאַפּט פּאַר׳ן קאָפּ, דעיאָ פּאָטאָ:

— די זאָסט אַזוי זאָגין אָף איאָ? אי נאָך דאַצי די?״

שפּעיטאָ, דעיאָ כּעס איז עם אַריבאָ, נאָע דאָעס, וואָעס די יינגאָרי טאָכטאָ אָט גיזאָקט, אָט אָ ניש גיקענט פאַגעסין. ס׳אָט עם ניש גילאָסט רייען. ר׳אי נאָע אַרימגיגאַנע אין

---

1) futo (פאָטער). — 2) ot (האָט). — 3) gyat (געהאַט). — 4) צוויי. — 5) tachto (טעכטער). — 6) eltory (עלטערע). — 7) דערפאַר. — 8) jingory (יונגערע). — 9) gue (גאָר). — 10) andory (אַנדערע). — 11) argo (ערגער).

גיקלעיאָט[1] אין גיקלעיאָט , בִּיז ר׳אי גיפּאַלין אָף אַ פּלאַן : עיאָ ט׳אָספּרובִּירין די טאָכטאָ .

נעמט אָ אין שיקט זי אַוועק אין אַ וואַלד , עפּיס אין אַזאַ וויסטין וואַלד ,— אין אַלאַין גאָעלט אָ זאָך אָפּ די באָעד[2] פּאַ-דראַיט זאָך אַ פּאָע[3] וואָנסיס , טיט זאָך אָען[4] גראָסאַרטיק , — אַ פּאַצעט מיט׳ן קנאַק ,— אין עיאָ גאַיט אין פּאָעט[5] איאָ נאָך— אין שוין .

יעצט , מאַני ליבּי לעיזאָ (?) , לאָמאָ זאָך אינטאָגאַנוועגע אינטאָ אַ גידאַכטין בּוים , צילאַיגין ס׳אויאָ[6] , עלין מאָ העי-רין , וואָעס ס׳קימט פּאָע[7] צישין[8] די ייִנגי דאַמי מיט׳ן האַר .

I. — גוט[9] מאָיען , מאַדאַמע שיינע !״ —
זאָ שפּרעכט ער :
„גוט מאָיען , מאַדאַמע שיינע !
וואַס טיסטי אין וואַלד אַליינע ,
אין דיזין וואַלד אַליין ,
ווי קיינער טיט נישט גיין ?״[10]

II. — איך קלאַוב[11] דאָ שיינע ראָזען״ , —
זאָ זאַגט זי :
„איך קלאַוב דאָ שיינע ראָזען .
לאָמיר בּיידע שטראָזע (?)״ . . .

III. — איך קאַן איבּער מיינע הינטיע[12] נישט״ , —
זאָ זאַגט ער :
„איך קאַן איבּער מיינע הינטיע נישט , —
זאָג שוין , מעדכען , ווער די בּיזט״ . . .

---

1) gyklejot (געקלערט) . — 2) buëd (באָרד) . — 3) פּאָר . — 4) uë (אָן) . — 5) fuët (פּאָרט) . — 6) ojo (אויער) . — 7) fuë (פּאָר) . — 8) צווישען . — 9) gut . — 10) מיט דעמדאָזיקען צווייפערז לאָזט זיך אויס איטליכע פון די 15 סטראָפען . — 11) klaub . — 12) hyntje . —

IV. — לאָם די הינטיע בילען", —
זאָ זאָגט זי:
„לאָם די הינטיע בילען,
אין מי שוין מײַן געווילען"...

V. — איך קאָן איבער מײַנע פערדיע נישט", —
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קאָן איבער מײַנע פערדיע נישט"...[1]

VI. — נעם די פערדיע בײַ דעם צאָום", —[2]
זאָ זאָגט זי:
„נעם די פערדיע בײַ דעם צאָום,
אין בינד זי אָן אַן עפּעלבאָום"...

VII. — איך קאָן איבער מײַנע שווערדיע נישט, —...
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קאָן איבער מײַנע שווערדיע נישט"...[1]

VIII. — שטעק די שווערדיע אין דער ערד", —
זאָ זאָגט זי:
„שטעק די שווערדיע אין דער ערד:
אַ יונגעם[3] מעדלען איז אַלעם ווערט"...

IX. — איך קאָן איבער מײַנע שטיוועל נישט", —
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קאָן איבער מײַנע שטיוועל נישט"...[4]

X. — ציִ אָן די שטיוועל אוּף[5] די פיס",
זאָ זאָגט זי:
„ציִ אָן די שטיוועל אוּף די פיס:
אַ יונגעם מעדלען איז ציקערזיס"...

XI. — איך קאָן איבער מײַנע זאַטעל נישט" —
זאָ שפּרעכט ער:

[1]) די ענדע פון דער סטראָפע—ווי אין III. — [2]) caum. — [3]) junges.
[4]) דער סוף — ווי אין III. — [5]) auf. —

איךְ קאָן איבּער מײַנע זאַטעל נישט"...[1]

XII. — לאָס דאָס זאַטעל צוקאָפּענס שטײן", —
זאָ זאָגט זי:
„לאָס דאָס זאַטעל צוקאָפּענס שטײן,
און לאָמיר בײדע שלאָפען גײן"...

XIII. — צי ביזטו טאוב[2]? צי ביזטו בלינד?"
זאָ זאָגט ער:
„צי ביזטו טאוב? צי ביזטו בלינד?
איךְ בין פאָטער, און די ביזט קינד!"...

XIV. — אָך פאָטער, פאָטער, וואָס האָסטו מיר פריער
נישט געזאָגט?"
זאָ זאָגט זי:
„אָך פאָטער, פאָטער, וואָס האָסטו מיר פריער
נישט געזאָגט?
האָסט דאָךְ מיר צו שאַנד געבראַכט"...

XV. — אָך נעם די שווערדיע פון די שײד", —
זאָ זאָגט זי:
„נעם די שווערדיע פון די שײד —
און מיר אין הערצען געב
און דיזען וואַלד אַלײן,
ווי קײנער טוט נישט גײן".

וואַרשא. מרים חמעלניצקי.

№ 136.

צווייטער וואַריאַנט.

ס'אי גיוועין אַ קאַיסאָ[3]. אָט'אָ[4] גישמועסט מיט זאַן

[1] ענדע — ווי אין III. — [2] taub. — [3] קיסר. — [4] האָט ער. —

מיניסטאָ וועיגין אָרנטליכי מאַידלאָך. אין עיאָ אָט גיזאָקט, אַ זאַן טאָכטאָ איז אַנ׳אָרנטלאָך מאַידו[1], אין זי רעט אפילו ניש צי קין פרעמדין מאַנצפאַרשוין. אין די טאָכטאָ אָט זאָך גיליבט אין דים מיניסטאָ. דעיאָ מיניסטאָ אָט גירעט שלאַכט אָף די טאָכטי. אָט דעיאָ קאַיסאָ דאַפאַ[2] אים גיהאַיסין אַנזעצין[3]. זאָקט דעיאָ מיניס־טאָ צים קאַיסאָ: „צי וואָס דאַף[4] מין מאָך אַנזעצין? ווי באַלד מ׳עט זעיען, אַ יאַך זאָג ליגין, זאָל מין מאָך דאַמאָלס אַנזע־צין.” זאָקט דעיאָ קאַיסאָ, אַז עיאָ זאָל עם איבאָצאַיגין[5], צי עס איז אמת. — זאָגט דעיאָ מיניסטאָ: „יאָ”. — אין דעיאָ מיניסטאָ זאָקט: „נאַ דאָ[6] מאַן אָנטיעכץ אי מאַן פעיאָט[7], אין פאָע[8] אין דעם אין דעם וואַלד”. — דעיאָ קאַיסאָ אָט זאָך אָנגיטין, אין עיאָ אי גיפאָרין. ווי עיאָ אי גיקימע אין וואלד אַראַ, אָט׳אָ זי דאָאָט[9] גיטראָפין אין פריזיגט זי:

I.

— ווי[10]) זשי גייסטי[11]) מעיטיען,
אי מעיטיען?
ווי זשי גייסטי, מעיטיען,
אין גרינעם וואַלד, מעיטיען,
אין גרינעם וואַלד אַליין
ווי קיינאָ טיט ניש זיין?”[12])

II.

— איך גיי רויטי רויזי קלייבין”, —
אַזוי שפראַכט זי: —
„איך גיי רויטי רויזי קלייבין, —
ווען עס וויל — מעג מאָך ליבין”...

III.

— דאָרך[13]) מאַן לייבו[14]) קען
אָך נישט”, —
אַזוי שפראַכט עיאָ: —
„דאָרך מאַן לייבו קען
אָך נישט, —
זאָג זשי, מעיטיען, ווען
די בישט”...

IV.

— נעם די לייבו פין דאַן לאַב[15]) ”,
אַזוי שפראַכט זי: —
„נעם די לייבו פין דאַן לאַב:

---

1) מיידו — מיידעל. — 2) דערפאַר. — 3) אייַנזעצען. — 4) דאַרף. — 5) איבערצייגען. — 6) דיר. — 7) פערד. — 8) פאַר. — 9) דאָרט. — 10) וואו. — 11) גייסטו. — 12) מיט די צוויי פערזען לאָזט זיך אויס איטליכע פון די 14 סטראָפען. — 13) דורך. — 14) lajbu (לייבעל). — 15) דיין לייב. —

אַ שיינע מעטיען—אַ גוט וואַב"...

V.

—דאַרף מאַן שטיוו[1] קען
אָך נישט", —
אַזוי שפּראַכט עיאָ: —
„דאַרף מאַן שטיוו קען
אָך נישט... —
זאָג מאָ, מעטיען, וועיאָ די
בּיסט"...

VI.

— נעם די שטיוו פון דאַני פּים", —
אַזוי שפּראַכט זי: —
„נעם די שטיוו פון דאַני פּים,
און נעם די מעטיען און גיב
אַ קים"...

VII.

— דאַרף מאַן פּערדיע קען
אָך נישט", —
אַזוי שפּראַכט עיאָ: —
„דאַרף מאַן פּערדיע קען
אָך נישט"... —[2]

VIII.

— בּין[3] אָן די פּערדיע בּאַ
דעם בּאָם"[4]. —
אַזוי שפּראַכט זי: —
„בּין אָן די פּערדיע בּאַ דעם בּאָם,
און לאָמאָ[5] בּיידע שלאָפן גיין"...

IX.

— דאַרף מאַן הינטיע קען
אָך נישט", —
אַזוי שפּראַכט עיאָ: —
„דאַרף מאַן הינטיע קען
אָך נישט"...[2]

X.

— לאָז די הינטיע בּילין", —
אַזוי שפּראַכט זי: —
„לאָז די הינטיע בּילין, —
טי דעם מעטיעם ווילין"...

XI.

—אוי, די בּיסט דאָך מאַני זינד!" —
אַזוי שפּראַכט עיאָ: —
„אוי, די בּיסט דאָך מאַני זינד!
יאָך בּין דעיאָ טאַטי, און די
בּיסט דאָם קינד!"

XII.

— מאַטי, טאַטי, די האָסט
גוט גימאַכט!" —
אַזוי שפּראַכט זי: —
„טאַטי, טאַטי, די האָסט
גוט גימאַכט:
די האָסט דאָך מאָך צי שאַנדע
גיבּראַכט"...

---

[1] schtiwu (שטיוועל). — [2] דער סוף ווי אין V. — [3] בּינד. —
[4] בּוים. — [5] לאָמיר. —

XIII.

— טאָלטאָ, טאָלטאָ, עס
איז פּאַפּאַלין!" —
אַזוי שפּראַכט עיאָ: —
„טאָלטאָ, טאָלטאָ, עס איז
פּאַפּאַלין:
די האָסט פּאַשפּילט אַ גאַנצין
זאַל (?)"...[1]

שעבראָשין (לובל. ג.)

XIV.

— נעם די שווערדיע פּין
די שייד", —
אַזוי שפּראַכט זי: —
„נעם די שווערדיע פּין די שייד-
אין שטעק אַראַן אין מאַנער זייט
אין גרינעם וואַלד אַליין,
ווי קיינאָ טיט ניט זיין!"...

משה שאַפּירא, 18.

№ 137.

דריטער וואַריאַנט.

I.

—גוט[2] מאָרגען, פּופּע[3] שיינע!"—
זאָ שפּרעכט ער:
„גוט מאָרגען, פּופּע שיינע!
וואַס טוסטע[4] דאָ[5] אַליינע,
אין דיזען וואַלד אַליין,
וואו[6] קיינער טוט[7] נישט גיין?"[8]

II.

— איך בין געקומען[9] בלומען[10]
קלויבען", —
זאָ שפּרעכט זי:
„איך בין געקומען בלומען
קלויבען, —
„ווערסטע מיט מיר היער פער-
קלויבען"?

III.

— איך קען איבער מיינע פערדע
ניכט!" —
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קען איבער מיינע פערדע
ניכט!

---

[1] פאַרגלייך מיט'ן לעצטען פערז אין נומער 140. —
[2] gut. — [3] pupe (ליאַלקע). — [4] tuste. — [5] du. — [6] wu.
— [7] tut. — [8] מיט די לעצטע צוויי פערזען ענדיגט זיך איטליכע פון די 14
סטראָפען. — [9] gekumen. — [10] blumen. —

וואָג, שײַן מעדלעך; ווער דו[1]
בִּיסט...?"

IV.

— נעם דאַס פֿערדע בײַ
דעם צאָם", —
זאָ שפּרעכט זי:
„נעם דאַס פֿערדע בײַ דעם צאָם
און[2] בִּינד דאַס צו[3] צום
אַפּעלבאָם..."

V.

— איך קען איבער מײַנע
הינטיע ניכט!"
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קען איבער מײַנע
הינטיע ניכט..."[4]

VI.

— זאָל די הינטיע בילען!"
זאָ שפּרעכט זי:
„זאָל די הינטיע בילען
און טו מיר מײַן ווילען"...

VII.

— איך קען איבער מײַנע
שווערדע ניכט!" —
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קען איבער מײַנע
שווערדע ניכט"...[5]

VIII.

— נעם די שווערדע און
האַק אין דער ערדע!"
זאָ שפּרעכט זי:
„נעם די שווערדע און האַק
אין דער ערדע:
אַ יונגעס[6] מעדלען איז אַלעם
ווערדע"...

IX.

— איך קען איבער מײַנע
מאַנטיע ניכט!" —
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קען איבער מײַנע
מאַנטיע ניכט"...[5]

X.

— נעם די מאַנטיע און טו זיך אָן!"
זאָ שפּרעכט זי:
„נעם די מאַנטיע און טו זיך אָן,
און לאָמיר בײדע גײן אַראָפּ"...

XI.

— איך קען איבער מײַנע היטיע ניכט!"
זאָ שפּרעכט ער:
„איך קען איבער מײַנע היטיע
ניכט"...[5]

---

[1] du. — [2] un. — [3] cu. — [4] די לעצטע דרײַ פֿערזען אין דער דאָזיקער סטראָפֿע — ווי אין III. — [5] שלום — ווי אין III. — [6] junges.

XII.

—נעם די היטיע און לעג אפ'ן
טיש!"
זא שפרעכט זי:
„נעם די היטיע און לעג אפ'ן
טיש:
א יונגעם מערלען וועט דיר
געבען א קיש"...

XIII.

— אך, מערלען, אך, מערלען, צו ביסטע בלינד?"
זא שפרעכט ער:
„אך, מערלען, אך, מערלען צו ביסטע בלינד?
איך בין דיין פאטער, און דו — מיין קינד!"...

XIV.

— אך, פאטער, אך, פאטער! ווארום האסטע ניכט
פריהער געזאגט?"
זא שפרעכט זי:
„אך, פאטער, אך, פאטער! ווארום האסטע ניכט
פריהער געזאגט?
דו האסט דיין קינד צו שאנד געבראכט,
אין דיזען װאלד אליין,
וואו קיינער טוט נישט גיין!"

א. ח. שעפס.
װארשא.

№ 138.

פערדער װאריאנט.

I.

— גיט מארגען, יינגע,
שיינע!" —
אזא זאגט ער: — .
„גיט מארגען, יינגע, שיינע!
וואס טיסט די דא אליינע,
אין וויסטען װאלד אליין,
אין וויסטען װאלד אליין?"...[1])

---

[1]) מיט דעם ביסירטען פערז שליסט זיך יעדע סטראפע פון דעם ליד.

II.

— איִך בִּין גִיקִימֶען ראָזֶען קלאָבּען!" —

אַזוֹ זאָגט זִי: —

„איִך בִּין גִיקִימֶען ראָזֶען קלאָבּען!
לאָמֶע בּיידֶע שפּרייזֶען מאַכֶען"...

III.

— איִך קֶען צִילִיבּ מײַן פּערדִיל נִישט!" —

אַזאָ זאָגט עֶר:

„איִך קֶען צִילִיבּ מײַן פּערדִיל נִישט, —
זאָג שוֹין, מײדעל, ווּעֶ דִי בִּיסט,...?"

IV.

— נעֶם דאָס פּערדִיל בּאַ דִי צוֹים", —

אַזאָ זאָגט זִי: —

„נעֶם דאָס פּערדִיל בּאַ דִי צוֹים —
אִין בִּין[1] עֶס אָן אִין דִיזֶען בּוֹים"...

V.

— איִך קֶען צִילִיבּ מײַן הִינטִיל נִישט", —

אַזאָ זאָגט עֶר: —

„איִך קֶען צִילִיבּ מײַן הִינטִיל נִישט!"[2]...

VI.

— לאָז דאָס הִינטִיל בִּיל", —[3]

אַזאָ זאָגט זִי:

„לאָז דאָס הִינטִיל בִּיל', —
טִי שוֹין מײַנע וִויל"...

VII.

— איִך קֶען צִילִיבּ מײַן בִּיקסִיל נִישט", —

אַזאָ זאָגט עֶר: —

„איִך קֶען צוּלִיבּ מײַן בִּיקסִיל נִישט!"...[2]

VIII.

— לאָז דאָס בִּיקסִיל שִיסֶען", —

אַזאָ זאָגט זִי: —

„לאָז דאָס בִּיקסִיל שִיסֶען!
לאָמֶע בּיידֶע גִינִיסֶען"...

IX.

— איִך קֶען צִילִיבּ מײַן שווּערדִיל נִישט", —

אַזאָ זאָגט עֶר: —

„איִך קֶען צִילִיבּ מײַן שווּערדִיל נִישט!"...[2]

X.

— לאָז דאָס שווּערדִיל צִיקאָפּעֶנס שטײן", —

[1] בִּינד. — [2] שלום — ווִי אִין III. — [3] בִּילֶען.

— :אַזאָ זאָגט זי

„לאָז דאָס שווערדיל ציקאָפּעֶנס
שטיין!
„לאָזען מיר ביידע שלאָפען גיין“...

XI.

— ווי קענסט די מיך ברענגען
צי אַזעלכע זינד?“ —
— : אַזאָ זאָגט ער
„ווי קענסט די מיך ברענגען
צי אַזעלכע זינד,
„אַז איך בין פּאָטע, אין די
בּיסט קינד?“...

XII.

—פּאָטע, פּאָטע, וואָס האָסטי
גימאַכט?“ —
— :אַזאָ זאָגט זי
„פּאָטע, פּאָטע, וואָס האָסטי
גימאַכט?
„די האָסט אַ קינד צי שאַנדע
גיבראַכט!“

XIII.

— נעם דאָס מעסע פין דיין
שייט!“ —
: אַזאָ זאָגט זי
„נעם דאָס מעסע פין די שייט —
„אין שטעק אַריין אין מיינעם
לייב,
„אין וויסטען וואַלד אַליין...
„זאָלן וויסטען וואַלד אַליין...“

ראַדאָם. יוסף ראָזענפעלד [1]

№ 139.

פיפטער וואַריאַנט.

ס'אי גיוועין אַ קאַיסאָ, אָט'אָ גיאַט צוואַ טאַכטאָ. אַיני אי גיוועין אַנ' אימלויף, אין די צוואַיטי אי שטענדיק גיזיצין אין שטיב. איז אַינאָ גיקימע צים קאַיסאָ אין אָט גיאַט אַ גישפּראַך וועיגין די טאַכטאָ, אין אָט גיזאָגט, אַ די טאָכטאָ, וועליכי זי זיצט שטענדיק אין שטיב, איז אַנ' אָסגילאַסיני. דעיאָ קאַיסאָ אָט זאָך ניש גיוואָלט ציגלאַיבין, אָט'אָ אים [2] גיהאַיסין איבאָ-

---

[1] דערהאַלטען אָנגעשריבענערהייט פון אַנ'אַרבעט'ער. — די אָרטאָגראַפיע פון כתב-יד.

[2] ד. ה. דער רכילות'ניק האָט געהייסען איבערמון דעם קיסר. —

טיען אין פאָרין אַמאָעל אין דעם אין דעם וואַלד אַראָ.

I.

—גוט[1]) מאָרגען, יונגעס[2]) מעטיען!
וואָס טוסטע[3]) אין וואַלד אַליין,
אין דיזען וואַלד אַליין,
וואי קיינער טוט ניט גיין?"[4])

II.

—איך בין געקומען[5]) בלומען[6])
רייסען!"
אַזוי זאַגט זי:
„זאָל דער הער מיט מיר
פערבלייבען"...

III.

—איך קען איבער מיינע
שטיוועל ניט!"
אַזוי זאַגט ער:
„זאָג מיר, מעטיען, ווער
דו[7]) ביזט"...?

IV.

—נעם די שטיוועל אָף די פיס:"
אַזוי זאַגט זי:
„שלאָפען-גיין איז ציקער-זיס"...

V.

— איך קען איבער מיינע
הינדטיע ניט!"...[8])

VI.

— לאָז די הינדטיע בילען!"
אַזוי זאַגט זי:
„און טו שוין מיין ווילען"...

VII.

—איך קען איבער מיינע שווערדיע
ניט!"...[8])

VIII.

—נעם די שווערדיע און[9]) שטעק
אין דר'ערד!"
אַזוי זאַגט זי:
„אַ יונגעם מעטיען איז אַלעם
ווערט!"...

IX.

— איך קען איבער מיינע
פערדיע ניט!"...[8])

X.

— נעם די פערדיע ביי די
צוים,"
אַזוי זאַגט זי:

---

1) gut. — 2) junges, — 3) tuste. — 4) מיט די לעצטע צוויי פערזען שליסט זיך איטליכע פון די 12 סטראָפען. — 5) gekumen. — 6) blumen. — 7) du. — 8) ווייטער דיאייגענע 4 פערזען, ווי אין III. — 9) און (un).

„אין בינד אָן ביי אַנ'עפּעל־
בוים״...

XI.

—צו ביזטע דום[1]) און בלינד?״
אַזוי זאַגט ער:
„איך בין פאַטער, און דו ביזט
קינד״...

XII.

—פאַר וואָס האָסטע, פאַטער,
פריהער ניט געזאַגט?״
אַזוי זאַגט זי:
„דו האָסט דאָך מיך צו[2])
שאַנדע געבראַכט
אין דיזען וואַלד אַליין
וואו קיינער טוט ניט גיין״.

וואַרשא. אסתר ווייסבראָד, 18 יאָר.

№ 140.

זעקסטער וואַריאַנט.

I. —וואָס טוט דער הער אין דיזין וואַלד?״—
אַזוי זאָגט זי.
—איך בין גיקומען[3]) בלומען[4]) רייסין!״
אַזוי זאָגט ער.
—אַ דער הער אי גיקומען בלומען רייסין,—
זאָל מין אַלי ביידי שפּאַצירין רייזין—[5])
אין דיזין[6]) וואַלד אַליין!
אין דיזין וואַלד אַליין!״[7])

---

[1]) dum. — [2]) cu. — [3]) gykumen. — [4]) blumen. —

[5]) אָנשטאָט די צוויי פערזען זינגט מען אויך:

איך צופּ די רויטע ראָזען, —
לאָמעביידע שפּאָזען (?).

[6]) וואַריאַנט, אין אַלע סטראָפען: „אין ווילדען וואַלד אַליין״. —

[7]) מיט דעם בּיסירטען פערז שליסען זיך די סטראָפען I—VII. — נאָר אין דער סטראָפע V קומט אין דעמזעלביקען פערז, אַנשטאָט דעם וואָרט „דיזין״, — דאָס וואָרט „ווינטין״.

II. — איך קאָן איבער מײַנע פערדליע ניכט!"
אזוי זאָגט ער.
— נעם די פערדליע באַ די צוים —
בינד עס אָן באַ דעם עפּעלבוים!..."

III. — איך קאָן איבער מײַן זאָטעל ניכט!" —
אזוי זאָגט ער.
— נעם דאָס זאָטעל אָף דעם פערד:
אַ יונגעם מײַדעל איז אַלעס ווערט".

IV. — איך קאָן איבער מײַנע הינטיע ניכט!"
אזוי זאָגט ער.
— אוי, נעם — דאָס הינטעל וועט בילין,
און אינץ בײַדע עלין זיך שפּילין,"
אזוי זאָגט זי...

V. — איך קאָן איבער מײַנע גלאָקיע ניכט!" —
אזוי זאָגט ער.
— דאָס גלעקיע עט קלינגען —
אינץ בײַדע עלין זינגען!"
זאָ זאָגט זי...

VI. — איך קאָן איבער דײַנע העמדיע ניכט!"
אזוי זאָגט ער.
— נעם דאָס העמדיע — שאַרץ אַוועק!
קים אַהער — און מאַך איין עק!"...

VII. — אַך, טאַטער, טאַטער, זי זענען בלינד!
איך בין דײַן פאַטער — די ביזט מײַן קינד!
נאָך וואָס האָסטו מיך גיהאַט צו ברענגען צו אזא זינד?
און דיזין וואַלד אַליין,
און דיזין וואַלד אַליין?"

VIII. — אַך, טאַטער, טאַטער, עס איז שוין פאַפאַלין!

איך האָ שוין פאַשפּילט דאָס גאַנצי לאַנד!״ [1]

נאָוואָגראָד־וואָליִנסק... — נאָווידוואָר און סאָבאַטשעוו (וואַרש. ג.) פּ. גראַובאַרד.

№ 141.

זיבעטער וואַריאַנט.

פאָרט [2] דער רייַטער יאָגין [3]
אַלי פרי־פּערטאָגין. [4]
— וואָס טוט [5] די שענע מערלען,
וואָס טוט די שענע רייזען [6] ?״
— האַר, קום [7] מיט מיר הויזין!״
— איך קען איבער מיין פערדיל ניט!
איך קען איבער מיין פערדיל ניט!״
— לאָז דעם פערד אין שטאַניע שטיין,
לאָמיר מיר ביידע שפּאַצירין גיין,
ווילד אין וואַלד אַליין,
ווילד אין וואַלד אַליין!״
— איך קען איבער מיין שטיוועל ניט!
איך קען איבער מיין שטיוועל ניט!״
— לאָז דעם שטיוועל אָפּ׳ן פוס: [8]
אַ שיינע מערלען איז ווערט אַ קוס, [9]

---

[1] דער לעצטער פערז דערלויבט זיך משער צו זיין, אַז דער זעקסטער וואַריאַנט מוז פאַרבינדען זיין מיט אַ מעשה׳לע a la די דריי אויבענגעבראַכטע (אין די נומערן 135, 136, 139), נאָר אין אַנ׳אַנדער נוסח. אין דעם אומבאַקאַנטען מעשה׳לע האָט דער פאָטער פון מיידעל, אויך אַ קעניג, אַ פנים, זיך פאַרוועט מיט עמיצען וועגען דער טאָכטער—און פון זיין זייט איינגעשטעלט די גאַנצע מלוכה.

[2] fort. — [3] jogn. — [4] togn. — [5] tut. — [6] רוויזען. — [7] kum. — [8] fus. — [9] kus. —

ווִילד אִין וואַלד אַלײן,[1]
ווִילד אִין וואַלד אַלײן!"

פֶעטרִיקאָוו (מִינסק. ג.) **מ. טיקטין.**

דִי באַלאַדעֶ געֶהעֶרט צוּ דִי פאַרשפּרײטעֶ אִין פּױלעֶן.

מ'קעֶן דרײסט זאָגעֶן, אַז ס'אִיז נִיטאָ אַ סך אַזעֶלכֶעֶ יִדִישעֶ פאָלקס-לִידעֶר, וואָס זאָלעֶן זִיך קעֶנעֶן גלײַכעֶן צוּ אִיר אִין עִנין פוּן פּאָפּוּלעֶרִישקײט.

אִין אײנִיקעֶ פּױלִישעֶ שטעֶטלעֶך זִינגט זִי, ווִי זאָגט מעֶן דאָס, — „קִינד אוּן קײט".

אִין נ' 140 אִיז דִי האַרמאָנִישעֶ, לײַכטעֶ, גראַציעֶזִישעֶ, שטרעֶנג אױס-געֶהאַלטעֶנעֶ סטרוּקטוּר פוּן דעֶם שײנעֶם, ווִי שאַמפּאַנִיעֶר לוּפטִיגעֶן אוּן שױמִיגעֶן פאָלקסלִיד, שױן צוּשטעֶרט.

נ' 141 אִיז נִיט מעֶר ווִי אַ שאַרבעֶל פוּן אַ צוּבראָכעֶנעֶר פאַרפאָר-וואַזעֶ.

№ 142.

I. עֶס ראַטִין[2], עֶס ראַטִין דראַ יעֶיגאָ'ס,
עֶס ראַטִין דראַ יעֶיגאָ'ס[3] אִין וואַלד.
דאָט גײַט זאָך אַ שײנעֶס מעֶדכעֶן, —
ווִי שײן אִיז אִיאָ גִישטאַלט!

II. — אַך, מעֶדכעֶ, אַך, מעֶדכעֶ, אַך, מעֶדכעֶ,
וואָהִין[4] אִי דאַן באַגײאָ[5]?"
— מאַן באַגײאָ אִי צִי פאָטאָ אִי מִיטאָ,
צִי ווײמעֶן יאַך גִיעֶיאָ".[6]

III. — אַך, מעֶדכעֶ, אַך, מעֶדכעֶ, אַך, מעֶדכעֶ,
וואָס עֶנפעֶרס דִי מִיאָ אַזוי שטאָלץ?
דאַן עֶירעֶ[7] קעֶנס' דִי פאַלִירִין,
זִישִין[8] דראַ יעֶיגאָ'ס אִין וואַלד!"

---

[1] קעֶנטִיק, פאַרדאָרבעֶן פוּן: „אִין ווִילדעֶן וואַלד אַלײן".
[2] רײַטעֶן. — [3] jejgos (יעֶגעֶרס). — [4] wuhin. — [5] bagejo (בעֶגעֶר). — [6] gyejo (געֶהעֶר). — [7] ehre. — [8] צווִישעֶן. —

IV. — מאַן עירע זאָל אך פאַלירין —
טאָ שלאָגט מאָך שוין ליבערשט צים טויט!
דעיאָ ליבאָ גאָט זאָל מאָ עלפין[1]:
יאַך בין אין אַ גרויסי נויט!"

V. — אַך, מערלע, אַך, מערלע, אַך, מערלע,
אַך, צי בים' די בלינד?
יאַך בין דאַן גישעצטאָ פאָטאָ,
אין די — מאַן גיליבטים קינד!"

סאָבאַטשעוו. פ. וואָלראַט.

№ 143.

צווייטער וואַריאַנט.

I. דאָאָט רײַזין, דאָאָט רײַזין דראַ יעגאָ
אין דעם גרינעם וואַלד.
דאָאָט גײַט זאָך אַ היפּשים מערלען,
מיט איאָ אײַדילעם גישטאַלט.

II. — מערלען, אַך, מערלען, אַך, מערלען!
וויאַהין אי דאַן באַנעיאָ?"
— מאַן באַנעיאָ אי צי מאַן פאַטאָ אי מיטאָ, —
צי ווײַמען יאַך גיעיאָ".

III. — אַך, מערלען, אַך, מערלען, אַך, מערלען!
וואָס אַנטפערסטי אַזוי שנעל?
באַקאָמסטי[2] אַ גאָלדיני רינג —
דאַמיט יאַך זאָל דאָ גיפעלין".

IV. — יאַך ליב קין גאָלד אין קין זילבאָ
אין קין פרעמדין מאַן:

[1] העלפען. — [2] bakomsti.

יאַך ליב נאָ [1]) דעם אייַנציקין הערגאָט, —
זאַן נאַמען אי מאָ באַקאַנט".

V. — אַך, מערלען, אַך, מערלען, אַך, מערלען!
וואָס אַנטוואָרסטי אַזוי שנעל?
דאַ מיזטי דאַן ערע פאַלירין
צישין דראַ יעגאָ אין וואַלד".

VI. — ווען יאַך זאָל מאַן ערע פאַלירין —
טאָ שלאַג זשי מיאָ צים טויט!
יאַך בין אין אַזאַ גרויסי סכּנה
צישין דראַ יעגאָ אין וואַלד".

VII. — אַך, מערלען, אַך, מערלען!
די ביזט אַזוי ווי בלינד!
יאַך בין דאַן פאַטאָ —
אין די ביזט מאַן אייַנציקים קינד!" —

וואַרשא. מרים חמעלניצקי.

144.

דריטער וואַריאַנט.

I.

דאָאָט גייַען, דאָאָט גייַען דראַ יעגאָ.
אין דעם גרינעם וואַלד אַלייַן.
דאָאָט גייַט זאָך אַ הופשים מערלען
מיט איאָ גישטאַלט אַלייַן.

II.

—מערלען, אַך, מערלען, אַך, מערלען!
ווי גייסטי דאָ אַלייַן?"
— יאַך גיי אָפזוכן מאַן פאָטאָ,
יאַך גיי אָפזוכן מאַן הײם".

III.

— אַך, מערלען, אַך, מערלען, אַך,
מערלען!
וואָס אַנטפערסטי אַזוי שנעל?

[1]) נאָר. —

יאַך עֶל דאָ גֵייבּין אַ גאָלדינִי רינג:
דאָס מעֶרדכֶען טִיט מאָ גיפעֶל״ [1]).

IV.

—יאַך דאַף [1]) נִיט קִין גאָלדינִי רִינגִין,
יאַך דאַף נאָך נִיט קִין מאַן.
דאַנק אָך דִים היַלִיקִין פאַטאָ,
וואָס ר׳אָט מאָך יעֶצט דאַמאַנט״.

V.

— אַך, מעֶרדכֶען, אַך, מעֶרדכֶען, אַך,
מעֶרדכֶען!
וואָס אַנטוואָרסטי אַזוי שוועֶר?
דאַ בִּיזטי צִישִׁין דראַ יעֶיגאָ —

וואַרשא.

עֶסט מִיזִין פאַלִירִין דאַן האָנעֶר״.

VI.

— מאַן האָנעֶר, מאַן האָנעֶר עֶל
אָך נִיש פאַלִירִין, —
שלאָגִין זאָל מִי מאָך אָף טויט.
כ׳עֶל בּייטִין דִים היַלִיקִין פאַטאָ —
עֶט אָ מאָך אַרויסראַטִיווין פִין דיזִי נויט״.

VII.

—אַך, מעֶרדכֶען, אַך, מעֶרדכֶען, אַך, מעֶרדכֶען!
צִי בִּיזטי טויב, צִי בלִינד!?
יאַך בִּין דאַן פאַטאָ, —
אִין די בִּיזט מאַן אייַנציקִים קִינד!״

מרים חמעלניצקי.

145.

פערדער וואַריאַנט.

I.

דאָ גֵיי׳ צאָך, דאָ גֵיי׳ צאָך דראַ
יעֶיגאָ
אִין אייַנעֶם גרִינעֶם וואַלד.
דאָ גֵיי׳ צאָך אַ שייַנעֶם מייַדו
מִיט אִיאָ אייַדעֶלִין גישטאַלט.

II.

— אַך, מעֶרדכֶען, אַך, מעֶרדכֶען,
וויאַהִין אִי׳ דאַן באַגעֶיאָ?״
— צִי מאַן פאָטאָ אִי מִיטאָ,
אִין צִי דעֶם, וואָס יאַך גיהעֶיאָ״.

III.

— אַך, מעֶרדכֶען, אַך, מעֶרדכֶען,
די עֶנפאָסט מאָ צִי שנעֶל.
נאַ דאָ מאַני גאָלדינִי רינגעֶן —
מִי׳ דעֶם, יאַך זאָל דאָ גיפעֶלִין״.

IV.

— יאַך לִיב נִיט קִין גאָלד
אִין קִין זִילבּאָ,

[1]) געֶפעֶלעֶן. — [2]) דאַרף. —

יאַך ליב ניט קין מאַן.
יאַך ליב נאָ דעם אייַנציקין
הערגאָט,
וואָס עיאָ העלפין קאַן".

V.

— אַך, מערכען, אַך, מערכען,
די ענפאָסט מאָ צי באַלד.
דאָ מיזטי דאַן ערע פּאַלירין
צווישין דראַ יעיגאָ אין וואַלד".

VI.

—מאַן ערע זאָל יאַך פאַלירין—
שלאָג זשי מאָך צים טויט! [1])"

VII.

— אַך, מערכען, אַך, מערכען,
צי ביסטי בלינד?
איך בין דאַן אייַגינאָ פאָטאָ,
אין די ביסט מאַן אייַגין
קינד!"

סאָכאַטשעוו. פּ. גראַובאַרד.

די נומערן 142 — 145 זענען אויך, ווי די נומערן 135 — 141, פאַרקניפּט מיט אַ באַזונדערן ציקל פאָלקסמעשה'לעך, פון וועלכע איך ברענג דאָ איינס:

אַמאָעל אי גיוועין אַ מאַידו, אַזאַ שאַיני, אַזוי ווי אַ קאַיסאָריני.

אין דאָעס מאַידו אי גיוועין זאַיאָ אַ פראַיליכי, אַלי מאָעל באָע גיטאַנצט אין גיזינגעו, גישפּרינגעו, גילאָפּין אָף חתונות, אָף אַלי בעלאָ. ז'אָט אוזשיעט [2]) אַ וועלט!

מיטאַמאָעל אָט זאָך אין איאָ אַינאָ פאַליבט. אָך אַ ראַכאָ אין אַ שאַינאָ. מאַכט אָ ניש קין לאַנגי טענות אין זאָקט צי'נ'איאָ פראָסט, פשוט: — זאָסט וויסין, יאַך וויל מי' דיאָ חתונה אָבין!"

זאָקט זי: — נו, מאַכטאַיסי? וואָעס זאָקסטי מיאָ? יאַך וואַיס עפּיס? שמועס דאָך אַדאָרך מיט מאַן טאַטישי. אַ' מאַן טאַטישי עט באַשטאַין, על יאַך אָך באַשטאַין".

עיאָ אָט, אָבאָ, גיוויסט, אַז איאָ טאַטישי עט עם ניש וועלין פאַ קין אַידעם. מילא, מסתמא אָט אָ דאָך גיוויסט.

גאַיט אָ אַהין צינ'אים אין זאָקט:

— זאָסט וויסין, אַ' דאַן טאָכטאָ אי ניש קין אָריינטליכי".

עיאָ אָט גיוואָלט אַזויאַרים איאָ טאַטין דים קאָפּ פאַדראַי'ין.

[1]) די צווייטע העלפט פון דער סטראָפע פעלט. — [2]) פּויליש: użyć (געניסען).

איאָ פּאָטאָ איז, אָבאָ, ניש קין נאַאַ[1]) גיוועין, — אָט אָ זאָך גאָע ניש וויסענדיק גימאַכ־ט פאַ קאַינעם אין אָט גינימע די טאָכטאָ אין אַוועגישיקט אין אַ וואַטין וואַלד אַראַ.

אין דעיאָ וואַלד אי גיוועין אַזוי גידאַכט, אַ׳ מ׳אָט ניש אַדאָרכגיזעין די שאַן, אין אַפּיליק באַטאָג אי דאָרט אָך גיוועין פינצטאָ. אין דאָאָט אי גיוועין אַזעלכי ריזידיקי חיות מיט רעות[2]) אין מאַלפּיס, אין וואָעס די וויסט נאָע.

עיאָ אָט אַוועגישיקט די טאָכטאָ, — מילא, וואָעס זאָל זי, נעבאָך, טין: אַ׳ דעיאָ טאַטי האַיסט, מי מע פּאָלגין.

איז עיאָ גיגאַנע אין זאָך אָגיגאָעלט די באָעד, זאָך פאַשטעלט פאַר אַ ייִנגין מענטש, מיטגינימע נאָך צוואַ ייִנגי מענטשין, אין אַלי אָבין זאָך אָנגיטין פאַ יעיגאָ, — דאָעס זענע אַזעלכי מענטשין, וואָס כאַפּין פיש אין נאָך דאָאָטין חיות, — אין אַלי דראַ זענע אַוועק אין דים אַיגינעם וואַלד אַראַ.

ווי זאַי קימע אין וואַלד אַראַ, טרעפין זאַי איאָ זאָך אַרימדראַי׳ין. זאָגין זאַי צינ׳איאָ: — קי׳ מיט אינדז שפּאַצירין״.

אין זי אַ׳ דאָך ניש גיוויסט, ווּעיאָ זאַי זענע. זאָקט זי:

— יאַך וויל ניש מיט ענק גאַין״.

האַיבין זאַי איאָ אָען אַנצירעדין: — מ׳עט דאָ געיבין גאָלד מיט באַרליאַנטין, אין וואָעס די וויסט נאָע אַלאַין״.

זאָקט זי: — יאַך בין ענק דאָעס אַלץ מוחל. יאַך וויל מיט ענק ניש גאַין.״

ווי זאַי אָבין גיזעין, אַ׳ ס׳עלפט ניש מיט גיטין, אָבין זאַי אָנגיהויבין מיט באַיזין.

זאָקט זי וואַטאָ: — עטץ מעיגט מאָך אַפּיליק דאַ׳הרג׳ינע, על יאַך אָך ניש גאַין מיט ענק״.

ווי דעיאָ פּאָטאָ אָ[3]) דאָעס דאַעיאָט, אָט אָ זאָך אַצינד גיגעיבין צי דאַקענע אין אָט אַהאַימגינימע די טאָכטאָ, — אין שוין.

יוסף לאַנדע, 10 יאָר.

וואַרשא

[1]) נאַר. — [2]) חיות רעות. — דער „מיט״ איז איבעריק. — [3]) האָט.

№ 146 .

ווין איז אַיין שטאַדט ,
איין וואונדערבאַרע [1]) שטאַדט .
דאָרט איזט געפאַנגען
איין יונגער [2]) סאָלדאַט .
דאָרט איז געפאַנגען
אַ יונגער סאָלדאַט ,
וועלכען איין מעדכען
ליב האַט געהאַט .
דאַס מעדכען איזט געגאַנגען
צום [3]) האַופּטמאַן [4]) אַליין :
— גענעדיגער האַופּטמאַן ,
האַופּטמאַן דו [5]) מיין ,
לאַסען זי מיר דיזען סאָלדאַט ,
דיזען סאָלדאַט פריי לאַסען גיין".
— איך ווערדע דיזען סאָלדאַט
פריי לאַסען גיין ,
אַבער ווען זי מיר
דריי ראַטהע געבן [6]) :
ראַטען זי מיר אַמאַל
מילנער אָהנע [7]) מיל [8]) ,
ראַטען זי מיר אַמאַל
לעפעל אָהנע שטיל [8]) ,
ראַטען זי מיר אַמאַל
פייער אָהנע היץ ,
ראַטען זי מיר אַמאַל
וואַסער אָהנע פיש" .
— דער אַבגעברענטער מילנער
האַט דאָך [9]) קיינע מיל ,
דער אַבגעבראָכענער לעפעל
האַט דאָך קיינע שטיל ,
דאַס פייער פון די קאַרטען
האַט דאָך קיינע היץ ,
דאַס וואַסער פון דער קיכע
האַט דאָך קיינע פיש" .
— ראַטען זי מיר אַמאַל
אַ קייזער אָהנע אַ לאַנד ,
ראַטען זי מיר אַמאַל
וואַסער אָהנע זאַמד" [8])
— דער אַבגעמאַלעוועטער קעניג
האַט דאָך קיין לאַנד ,
וואַסער פון די אויגען
האַבען קיין זאַמד" .

אַמשינאָוו [10]) (וואַרש. ג.)

וו. ראָזענבערג .

די טעמע און דער שניט פון דעם ליד איז אַ ל ט , ווי די מענשליכע קולטור , און א ו נ י ו ו ע ר ס אַ ל י ש , ווייל קומט פאָר אין דער פּאָעזיע פון אַלע פעלקער .

---

1) wunderbare . — 2) junger . — 3) zum . — 4) hauptman . — 5) du . — 6) געבען . — 7) ohne . — 8) זיי בא ג.-מ. ג' 357 . — 9) doch .
10) Mszczonów .

פרעגען רעטענישען אַף אויסצופריוען עמיצענס שאַרפזין — איז אַ באַליבטער מאָטיוו שוין אין דער ליטעראַטור פון טיפסטען אַלמערטום.

פ. ד. טשאַילד[1]) דערמאַנט די ביבלישע דערציילונג פון שמשון הגבור[2]), דעם גריכישען מיט וועגען קעניג עדיפּ.

יאַן קאַרלאָוויטש[3]) מאַכט אָפמערקזאַם אַף דער מלכּה שבא׳ס וויזיט צו שלמה המלך[4]).

---

1) The English and Scottish popular ballads, I, 1—6, „Riddles wisely expounded“. —

2) שופטים י״ד. —

אין טײַטש-חומש:

... אונ זײַן פאָטער האָט גינידערט פון וועגין דער אשה, צוא פרעגין זיא, אויב זיא איז גרייט צו דער חתונה. אונ שמשון האָט דאָרטין גימאַכט אײַן סעודה, וואָרום אַזוא פלעגין מאַכין דיא בחורים, אַז זייא פלעגין חתונה האָבין. אונ עש איז גיוועזן, אַז דיא פרײַנד פון דער אשה האָבין אים דער זעהן, האָבין זייא גינומען דרײַסיג גיזעלין, אונ זייא זײַנען גיוועזין מיט אים. האָט שמשון גיזאָגט צוא זייא: „איך וועל הײַנט ראָטין צוא אײַך אײַן רעטינעש אויב איר וועט זיא גיוויס קענען זאָגין צוא מיר אין דיא שבעת ימי המשתה אונ איר וועט דאָש גיפינען, כלומר איר וועט טרעפין דעם אמת, וועל איך געבין צוא אײַך דרײַסיג לײַליכער אונ דרײַסיג פאָר קליידער. אונ אויב איר וועט ניט קענען זאָגין צוא מיר דאָש רעטינעש, זאָלט איר געבין צוא מיר דרײַסיג לײַליכער אונ דרײַסיג פאָר קליידער“. — האָבין זייא גיזאָגט צוא אים: „ראָט דײַן רעטענעש, אונ מיר וועלין זיא הערין“. — האָט ער גיזאָגט צוא זייא: „פון דעם עסער איז אַרויש גיגאַנגען אײַן עסין וואַרג אונ פון דעם שטאַרקין איז אַרויש גיגאַנגען זיסקײַט“...

3) „סיסטעמאַטיקאַ פיעסני לודו פּאָלסקיעגאָ“ („וויסלאַ“, 1889 ז׳ 253). —

4) מלכים א׳, י׳, א׳—ג׳. —

זעה: „די יודישע אגדות“ פון י. ח. ראַבניצקי און ח. נ. ביאַליק I, 131:

די אייראָפּעאישע פאָלקסלידער פון דעם טיפּ קענען איינגעטיילט ווערען אין דריי גרופּעס:

1) איין פערזאָן פרעגט [1]) רעטעניִשען, און די אַנדערע מוז זיי טרעפען [2]), אָדער ביידע פאַרהערען זיך אין פרעגען און טרעפען. — דער, וואָס פאַרשפּילט, איז איינגעשטעלט מיט'ן לעבען, אָדער איז עלול צו באַקומען אַן אַנדער שווערע שטראָף.

2) אַ בחור טרעפט רעטעניִשען און קויפט זיך דאַדורך דאָס האַרץ און די האַנט פון אַ שיין מיידעל. — אין איינציקע וואַריאַנטען שטעלט מען אים אַ תנאי, אַז ער מוז פאַר'ן דורכפאַל באַצאָלען מיט'ן לעבען.

3) אַ קלוג מיידעל קריגט אַ מאַן, אַמאָל אויך אַ קרוין, טרעפענדיק אָדער פרעגענדיק רעטעניִשען, אויספירענדיק שווערע אָפּגאָבען, אָדער פלינק זיך אויסדרייענדיק פון שוועריגקייטען, וואָס זיינען אין פלוק אוים אונבאַזיגבאַריש.

דער גרעסטער טייל ע נ ג ל י ש ע נוסחאות באַלאַנגט צו דער דריטער קאַטעגאָריע.

אָט איז איין וואַריאַנט אין פּראָזאַישער איבערזעצונג:

אַ מאַמע האָט דריי טעכטער. אַ ריטער זוכט אַ ווייב, קומט צו זיי. די עלצטע טאָכטער לאָזט אים אַריין, די מיטעלסטע בעט אים ס'געלעגער, די יונגסטע קומט צו אים באַנאַכט. דער ריטער זאָגט צו'נ'איר: „אַז דו וועסט מיר ענטפערן אַף דריי קשיות, וועסטו זיין מיין ווייב: וואָס איז לענגער פון וועג? וואָס איז טיפער פון ים? וואָס איז הילכיקער פון טרומייט? וואָס איז שאַרפער פון דאָרן? וואָס איז גרינער פון גראָז? וואָס איז ביטערער פון אַ אשה

... „דערנאָך פרעגט זי דעם מלך שלמה אַ רעטעניש:

„פון דער ערד קריכט ער אַרויס
ווי וואַסער גיסט ער זיך אויס,
און פילט-אָן דאָס גאַנצע הויז".

ענטפערט ער: „נאַפט"...

און אַזוי ווייטער.

[1]) „ראָט", לויט'ן פראַכטפאָלען אויסדרוק פון טייטש-חומש, —

[2]) errathen, aufloesen, rozwiązać, разгадать, — אין טייטש-חומש: „זאָגען דאָס באַשיידענעש*. —

רעה ?" דאָס מײדעל ענטפערט: ליבע, גיהנום, דונער, הונגער, סם, טײװעל. דער בה״ג׳ האָט מיט איר חתונה.

פאַראַן אַ קעלטישער טעקסט. נאָך אין אַ כתב-יד פון 13-טען יאָרהונדערט.

32 רעטענישען [1] „ראָט" מען אַ בת-מלכה, װעלכע „זאָגט דאָס באַשײדענעש" פון זײ אַלע — און האָט חתונה.

אין געװיסע קעלטישע װאַריאַנטען איז דער טײװעל — דער, װאָס פרעגט די קשיות, און װען מ׳דערקענט אים און מ׳רופט אים אָן באַם נאָמען,— װערט ער פאַרשװאונדען. [2]

אין אַ סערביש [3] ליד — „זיצט אַ מײדעל איבערן ים, קוקט און אַזױ זאָגט צו זיך":

באָט מײנער, גרױסער, ליבער!
איז פאַראַן װאָס ברײטערס פאַר דעם ים?
איז פאַראַן װאָס לענגערס פאַר דעם פעלד?
איז פאַראַן װאָס שנעלערס פאַר דאָס פערד?
איז פאַראַן װאָס זיסערס פאַר דעם האָניג?
און װאָס איז טײערער פאַר דעם ברודער?

רופט זיך אָן אַ פיש פון װאַסער: „פלאַפּעלסט, מײדעל, נאַרישקײטען!

ברײטער איז דער הימעל פאַר דעם ים!
לענגער איז דער ים פאַר דאָס פעלד!
דאָס אױג איז שנעלער פאַר דאָס פערד!
זיסער איז צוקער פאַר דעם האָניג!

---

[1] צװישען זײ אױך די פאָלגענדיקע: „װאָס איז שװאַרצער פון דער קראָה?" (דער טױט); „װאָס איז װײסער פאַר דעם שנײ?" (דער אמת).

[2] פאַרגלײך: נח פריליצקי, — „יידישע פאָלקסלידער". — I באַנד, ז׳ 150, — דאָס אַבערגלױבען פון די פױלישע פױערן אין גאַליציש דאָרף מאָגילאַני.

[3] Narodowe pieśni serbskie, — wyd. II, 224: „Dziewczyna ryba“. —

טײַערער איז דער געליבטער פאַר דעם ברודער!"

אַ פּױליש ליד נעמט טשאַילד אַרױס פון װאָיציצ־קי׳ס [1]) זאַמלונג:

Ku Dunajowi ku głębokiemu, leluja, [2])
Ku gaikowi ku zielonemu, [3]) leluja,
A zapalili sobótkę, [4]) leluja,
I piją piwo i piją wódkę, [5]) leluja.
Chodzi, brodzi nadobna Kasieńka [6]),
Chodzi za nią grzeczny parobeczek [7]).
— Oj poczekaj, poczekaj Kasieńko,
Oj mam gadeczkę, zgadnę ci ja, [8]) l.
— Cóżbym ja byłaza kraśna panna,
Żebym gadeczkí zgadnąć nie miała [9])?
— A cóż rośnie bez korzenia, [10]) l.?
— Kamień rośnie bez korzenia [11]).
— A cóż kwitnie bez kwiateczka, [12]) l.?
— Oj paproć kwitnie bez kwiateczka [13]).
— Cóż gore bez płomienia? [14])
— Cnota gore bez płomienia [15]).

---

[1]) Píeśnì ludu, I, 203. —
[2]) צום דאָנאַי, צום טיפען, הללויה. — [3]) צום װאַלד צום גרינעם. —
[4]) האָט מען אָנגעצונדען אַ „סאָבוטקע" (אַף דײַטשיש „יאָהאַניס־פױער", אַף רוסיש: „איװאַנאָװסקיע אָגני".— [5]) און מ׳טרינקט ביר און מ׳טרינקט בראָנפען. — [6]) גײט פאַרקלערט, די שײנע קאַסיענקע.
[7]) גײט נאָך איר אַ סטאַטעטשנע בחור׳ל. — [8]) „אָי, װאַרט, װאַרט, קאַסיענקע, אָי, כ׳האָב אַ רעטעניש׳על, װעל איך עם דיך פרעגען". —
[9]) „װאָס זשע װאָלט איך געװען פאַר אַ שײן מײדעל, אַז איך זאָל קײן רעטעניש׳על נישט קענען טרעפען?" — [10]) „װאָס זשע װאַקסט אָהן אַ װאָרצעל?" — [11]) „אַ שטײן װאַקסט אָהן אַ װאָרצעל". — [12]) „װאָס זשע בליט אָהן אַ בלימעלע?" — [13]) „אָי, פאַרנקרױט (אַף לאַטײניש filíx) בליט אָהן בלימעלע". — [14]) „װאָס פלאַקערט אָהן אַ פלאַם?" — [15]) „טוגענד (מדות טובות) פלאַקערט אָהן אַ פלאַם". —

אין אַרנים-בּרענטאַנאָ׳ס, אויבען איינמאָל שוין דער-מאָנטער זאַמלונג געפונען מיר אַזאַ דייטשיש ליד פון דעם טיפּ: [1])

— עי יונגפער [2]) יך וויּלל יהר
וואַס אוּף [3]) צוּ ראַטהען געבען,
זנד וועגן זיע עס ערראַטהעט,
זאָ הייראַטה יך זיע.
וואַס פיּר ייַנע יונגפייַר
יסט אָהנע [4]) צאָפּף?
וואַס פיּר ייַן טהורם
יסט אָהנע קנאָפּף?
— דיע יונגפער ין דער וויעג
יסט אָהנע צאָפּף,
דער באַביּלאָניש טהורם
האַט קייַנען קנאָפּף".
— וואַס פיּר ייַנע שטראַססע [5])
יסט אָהנע שטאַוּב?
וועלכער גריּנע באַום
יסט אָהנע לאַוּב?" [6])
— דיע שטראַססע אוּף דער דאָנאַו
יסט אָהנע שטאַוּב,
דער גריּנע טאַננענבאַום
יסט אָהנע לאַוּב".
— וואַס פיּר איין קעניּג
סט אָהנע טהראָן? [7])

וואַס פיּר ייַן קנעכט
האַט קייַנען לאָהן?" [8])
— דער קעניּג ין דער קאַרטע
האַט קייַנען טהראָן,
דער קנעכט [9]) אַן דעם שטיּעפעל
האַט קייַנען לאָהן".
— וואַס פיּר ייַן קעניּג
יסט אָהנע לאַנד? [10])
וואַס פיּר ייַן וואַסער
יסט אָהנע זאַנד?" [10])
— דער קעניּג אוּף דעם שילדע
יסט אָהנע לאַנד,
דאַס וואַססער ין דען אוּגען
יסט אָתנע זאַנד".
— וואַס פיּר ייַן שעערע [11])
האַט קייַנע שנייַד? [12])
וואַס פיּר ייַנע יונגפער
געהט אָהנע קלייַד?"
— די שוואַרצע ליּכטפּוּטצשער [13])
האַט קייַנע שנייַד,
דיע יונגפער ין דעם מוטער,
דיע האַט קייַן קלייַד".

---

[1]) Des Knaben Wunderhorn, 583—5. — [2]) יונגפרוי, פרייַלייַן. — [3]) auf. — [4]) ohne. — [5]) וועג. — [6]) געבלעטער. — [7]) tron. — [8]) lohn (לוין). —[9]) קאַלאַמבור (וואָרטשפּיל): דער „שטיוועלקנעכט" איז דאָסאייגענע, וואָס דער „שטיוועלציער" (אַ בענקעלע, אַף וועלכעס מ׳שטעלט אַראָף רעם פוס אַראָפּצוציען דעם שטיוועל). — [10]) זיי אויבען ג׳ 146. — [11]) שער. — [12]) שארף. — [13]) א שער אראָפּצונעמען די אָפּגעברענטע שטיקער קנויט פון ליכט. —

— וועלכעס שענע האַוז
האט ווערער האָלין נאָך שטיין?
וועלכער גרינע שטראַוּסס
האַט קיינע בלימעלײַן?"
— דאָס קלײנע שנעקענהאַוז
האַט ווערער האָלין נאָך שטיין,
דער שטראַוּסס אַן דעם ווירטהאַוז
האַט קיינע בלימעלײַן".
— וואָס פיר יין הערין
טהוט קיינען שלאַג?
ונד וואס פיר איין טאַג
האַט קיינע נאַכט?"

— דאָס הערין אַן איינע שנאַללע
טהוט [1]) קיינען שלאַג,
דער אַללערייגסטער טאַג
האַט קיינע נאַכט".
— עי, יונגפער יך קאַנן יהר
ניכטס אופצוראַטהען געבען,
ונד יסט עס יהר וויע מיר
זאָ הײראַטהען וויר".
— יך בין יא קיינע שנאַללע,
מיין הערין טהוט מאַנכען שלאַג,
ונד [2]) יינע שענע נאַכט
האַט אויך דער האָכצײַטסטאַג". —

נאָך דייטשישע וואַריאַנטען קען מען זיין אין „ע ר ק ס דויטשער ליעדערהאָרט", [3]) אין ו אָ ס ס י ד ל אָ'ס „מעקלענבורג. פאָלקסאיבערליעפערונגען" [4]) אין מ י נ ד ע ל ס „עלזעסס. פאָלקס־ליעדער", [5]) און אַז. וו.

באַ ט ש אַ י ל ד'ן ווערען געבראַכט אויך סקאַנדינאַווישע, איטאַליענישע, עסטאָנישע, לוזשיצער, גרויסרוסישע [6]) און אַנדערע פאַראַלעלען.

דער אַמעריקאַנער פאָלקלאָריסט האָט זיך גענומען די טרחה, און פון עטליכע צענדלינג דייטשישע און אַנדערע וואַריאַנטען אויסגערעכענט, וואָסערע רעטענישען ווערען עפטער געברויכט.

---

[1]) tut. — [2]) und. — [3]) III, 8. — [4]) I, נומער 406. — [5]) № 24 — [6]) אין איין גרויס־רוסישען (באַ בוסלאַיעוו'ן) אַ סוחר'ס אַ זוהן לויפט דורכ'ן גאָרטען, און וועלפען אַ מיידעל פליקט בלומען. ער פרעגט זי 6 רעטענישען: וואָס איז העכער פאַר דעם וואַלד? (די לבנה); וואָס איז העלער פאַר דעם ליכט? (די זון); וואָס איז געדעכטער פאַר דעם וואַלד? (די שטערען); וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען? (דער שטיין); וואָס שווייגט קיינמאָל ניט? (דער ים); וואָס איז אוממעגליך צו טרעפען? (דעם אייבערשטענס רצון); — זי טרעפט, און ער האָט מיט איר חתונה. — („וויסלא", l. c.).

צו די פּאָפּולערישסטע פראַגען געהערען, אַלזאָ, די פּאָל-גענדיקע:

1) וואָסער קעניג האָט קיין לאַנד?
2) וואָסער פייער האָט קיין היץ?
3) וואָסער שווערד האָט קיין שפּיץ?
4) וואָסער הויז האָט קיין מייז?

די ערשטע קשיא איז דאָ אין נוסח פון „דעס קנאַבען וואונדערהאָרן".

די ערשטע מיט דער צווייטער פאַרמאָגט אונזער יידישער טעקסט (אויבען, נומער 146).

אין יידישען וואַריאַנט, וועלכער איז געדרוקט בּאַ ג.-מ. (נ׳ 357) וואַרפט זיך דורך בלויז די ערשטע פראַגע.

נאָך אַ יידישער וואַריאַנט איז פאַרעפענטליכט אין דייטשישען זשורנאַל „אם אורקוועל", VI, 69.

אַ פּאָדאָלער וואַריאַנט — אין ניו-יאָרקער זאַמעלבוך „ליטעראַטור", II, 132. —

ד"ר א. לאַנדוי („מיטטיילונגען", XI, 77) ווייזט-אָן, אַז איינזיקע פראַגען פון נ׳ 357 בּאַ ג.-מ. זענען זער פּרימיטיוו, — למשל: „וואָסער מילנער איז אָהן אַ מיל? און וואָסער לעפעל איז אָהן אַ שטיל?"[1] — ער באַמערקט דערבּיי, אַז אויך אין די דייטשישע לידער פעלט ניט קיין פלאַכיקע „רעטעניש̇ען", — ווי, למשל, אין נ׳ 24 בּאַ מינדעל: „יין געמאַלטעס פויער יסט אָהנע גלוט[1]), יין געשטאָרבענער בויער יסט אָהנע גוט". —

№ 147.

I,

— ווען דו[2]) וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,

אַז איך זאָל דיין פרוי פאַרבלייבּן, —

זאָלסטע מיר פון גרינע בלעטער

אַ ווייסעם קלייד אויסשניידין.

II.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,,

[1]) זיי אויך, אויבען, נ׳ 146. — [2]) du.

אַז איך זאָל דיר פון גרינע בלעטער
אַ ווייסעס קלייד אויסשניידין, —
זאָלסטע מיר זיבין קינדער
האָבין —
אין אַ יונגעס [1]) פריילין בלייבין."

III.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר זיבין קינדער האָבין
אין אַ יונגעס פריילין בלייבין, —
זאָלסטע מיר זיבין וויגאָלאָך שניצין
אָהן אַ מעסער אין אָהן גיצייגין".

IV.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
איך זאָל דיר זיבין וויגאָלאָך שניצין
אָהן אַ מעסער אין אָהן גיצייגין, —
זאָלסטע מיר זיבין העמדאָ-
לאָך מאַכין
אָהן אַ נאָדיל אין אָהן גאַרין".

V.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר זיבין העמדאָ-
לאָך מאַכין
אָהן אַ נאָדיל אין אָהן גאַרין, —
זאָלסטע מיר די שטערין ציילין,
וואָס אין הימיל זענען."

VI.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר די שטערין ציילין,
וואָס אין הימיל זענען, —
זאָלסטע מיר אַ לייטער מאַכין, —
וועל איך ציילין קענען."

VII.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר אַ לייטער מאַכין,
וועסטע די שטערין ציילין קענען, —
זאָלסטע מיר די שטיינער ציילין,
וואָס אין דר׳ערד זענען".

VIII

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר די שטיינער ציילין,
וואָס אין דר׳ערד זענען, —
זאָלסטע מיר אַ שעפּ מאַכין,
אין זאָלסט דאָס וואַסער
פאַרנעמען".

IX.

— ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו
וואָלסט יאַ,

1) junges.

אז איך זאָל דיר אַ שעפּ מאַכין
אין דאָס וואַסער פּאַר־
נעמען, —
זאָלסטע מיר די ליכט
צינדן,
וואָס אין שבת קודש
ברענען".

ווארשא.

X.

— ווען דו וואָלסט יאָ, ווען דו
וואָלסט יאָ,
אַז איך זאָל דיר די ליכט צינדן,
וואָס אין שבת קודש ברענען, —
זאָל זשע דיך דער טייוויל הוילין,
אין איך זאָל דיך נישט קענען!"

וואָלף לעהמאַן, 18 יאָר.

№ 148.

צווייטער וואַריאַנט.

I.

—ווען די וואָלסט, ווען די וואָלסט,
אַז איך זאָל זיין דיינעס ווייב, —
זאָלסט די מיר פון גרינע בלעטער
שניידין אַ ווייסעס קלייד, —
שניידין אַ ווייסעס קלייד". [1])

II.

—אַז איך זאָל דיר פון גרינע
בלעטער
שניידין אַ ווייסעס קלייד, —
זאָלסט די מיר קינדער האָבין —
אין בלייבין אַ יונגעס [2]) מייד,
אין בלייבין אַ יונגעס מייד". [3])

III.

— אַז איך זאָל דיר קינדער האָבין
אין בלייבין אַ יונגעס מייד, —
זאָלסט די מיר אַ וויגיל שניידין
אָהן מעסער־גיציינ,
אָהן מעסער־גיציינ." [4])

IV.

— אַז איך זאָל דיר אַ ווי־
גיל שניידין
אָהן מעסער־גיציינ, —
זאָלסט די מיר ווינדלין וואַשין
אָהן וואַסער אין זייף,
אָהן וואַסער אין זייף."

---

[1]) פאַרגלייך I אין נ' 147. — [2]) junges. [3]) זיי: II אין נ' 147. —
[4]) זיי: III אין נ' 147. —

V.

— אַז איך זאָל דיר ווינדלין וואַשין
אָהן וואַסער אין זייף, —
זאָלסט די מיר די שטערין צײלין,
וואָס אין הימיל זענען,
וואָס אין הימיל זענען". [1])

VI.

— אַז איך זאָל דיר די שטערין צײלין,
וואָס אין הימיל זענען, —
זאָלסט די מיר די ליכט צײלין
וואָס אים שבת ברענען,
וואָס אים שבת ברענען". [2])

VII.

— אַז איך זאָל דיר די ליכט צײלין,
וואָס אים שבת ברענען, —
זאָלסט די מיר די פיש צײלין,
וואָס אין וואַסער זענען,
וואָס אין וואַסער זענען".

VIII.

— אַז איך זאָל דיר די פיש צײלין,
וואָס אין וואַסער זענען, —
זאָלסט די מיר דאָס וואַסער זויפין, —
צײלין וועל איך קענען,
צײלין וועל איך קענען". [3])

IX.

— אַז איך זאָל דיר דאָס וואַסער זויפין,
אין צײלין וועסט די קענען, —
לאָז שוין דיך דער טײפיל הוילין,
איך וויל דיך שוין נישט קענען,
איך וויל דיך שוין נישט קענען". [4])

סאָבאַטשעוו.

פ. וואָלראַט.

№ 149.

דריטער וואַריאַנט.

I.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
אַז איך זאָל דיר די שטײנער אין גאַסין צײלין,
וויפיל זײ דאָ זענען, —

[1]) זײ: l. c., V. — [2]) דאָרטען, IX. — [3]) פאַרגלײך, l. c., VIII. —
[4]) l. c., X. —

זאָ מוסטי[1] מיר אַ וואַגע (?)[2] וואַזין[3],
איך זאָל צײַלין קענען״.[4]

II

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
אַז איך זאָל דיר אַ וואַגע וואַזין,
אַז די זאָלסט צײַלין קענען, —
זאָ מוסטי מיר די פיש אין וואַסער צײַלין,
וויפיל זײַ דאָ זענען״.[5]

III.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
אַז איך זאָל דיר די פיש אין וואַסער
צײַלין, —
וויפיל זײַ דאָ זענען, —
זאָ מוסטי מיר אַ קאַשקע (?) וואַזין,
אַז איך זאָל צײַלין קענען״.

IV.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
איך זאָל דיר אַ קאַשקע[6] וואַזין,
אַז די זאָלסט צײַלין קענען, —
זאָ מוסטי מיר די שטערין אין
הימעל צײַלין,
וויפיל זײַ דאָ זענען״.[7]

V.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
איך זאָל דיר די שטערין אין
הימעל צײַלין,
וויפיל זײַ דאָ זענען, —
זאָ מוסטי מיר אַ לײַטער ברענגין,
איך זאָל קריכין קענען״.[8]

VI.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען די וואָלסט,
איך זאָל דיר אַ לײַטער ברענגין
די זאָלסט קריכין קענען, —
זאָ מוסטי מיר די ליכטין צײַלין,
שבת קודש ברענען״.[9]

VII.

— יאַ ווען די וואָלסט, יאַ ווען
די וואָלסט, —
איך זאָל דיר דיר די ליכטער צײַלין,
שבת קודש ברענען, —
גײַ זשי די אין אַלדי טײַפיל,
איך וויל דיך שוין ניש קענען״.[10]

וואַרשאַ-פּראַגאַ. חנה ראָזענפעלד.

---

[1]) musty — [2]) אַ וואָג—?— [3]) ווײַזען. —[4]) זיי ב׳ 147, VIII. —
[5]) זיי ב׳ 148, VII. — [6]) אפשר — אַ „קישקע״ אָדער אַ „קאַטשקע״ (פּאָמ-
פּע, שעפּמאַשין) — אויסצושעפּען דאָס וואַסער?— [7]) ב׳ 147, V; ב׳ 148, V.—
[8]) ב׳ 147, VI. — [9]) ב׳ 147, IX; ב׳ 148, VI— [10]) ב׳ 147, X; ב׳ 148, IX.—

№ 150.

פערדער וואַריאַנט.

I.

— כ׳וועל אַרויסנעמען אַ בער
פון וואַלד
און וועל אים אויסלערנען
שרייבן, —
האָב זשע דו מיר זיבן קינדער
און אַ מיידעל זאָלסטו בלייבן." [1])

II.

— זיבן קינדער וועל איך האָבן
און אַ מיידיל וועל איך בלייבן, —
מאַך זשע דו מיר זיבן ווינגלעך
אָהן מעסער און אָהן געצייגן [2]).

III.

— זיבן ווינגלעך וועל איך דיר מאַכן
אָהן מעסער און אָהן געצייגן,
נייע זשע מיר אָף זיבן העמדער
אָהן נאָדלין און אָהן זיידין". [3]).

IV.

— זיבן העמדער וועל איך
דיר אָפנייע׳ן
אָהן נאָדעל און אָהן זיידין, —
מאַך זשע דו מיר אַ לייטער,
זאָל קאָנען אין הימיל שטייגין." [4])

V.

— אַ לייטער וועל איך דיר מאַכין,
וואָס וועט קענען אין
הימיל שטייגין,
צייל זשע מיר איבער די שטערין,
זאָלסט קיין איינעם נישט מיידין." [5])

VI.

— שטערין פון הימיל וועל
איך דיר איבערציילין,
כ׳וועל קיין איינעם נישט מיידין, —
נעם זשע מיר אַרויס די פיש פון ים,
ס׳זאָל קיין איינער נישט בלייבן".

VII.

— די פיש פון ים וועל איך
דיר אַרויסנעמען,
ס׳וועט קיין איינער נישט
בלייבן, —
איך בין קלוג, און דו קיין נאַר,
לאָמיר ביידע שווייגין".

וואַרשא. רבקה צעכשטיין.

---

1) זיי נ׳ 147, II; נ׳ 148, II. — 2) אויבען, נ׳ 147, II; נ׳ 148 III. — 3) נ׳ 147, IV. — 4) אויבען, נ׳ 147, VI; נ׳ 149, V. — 5) נ׳ 147, V; נ׳ 148, V; נ׳ 149. IV. —

№ 151.

פיפטער וואַריאַנט.

— קענסטע מיר צען קינדער האָבּין
זון אַ מעדכין בלייבּין, [1]
ווען איך דיר אַ לייטער מאַכין —
זאָל אין הימיל שטייגין." [2]
—קענסטע מיר אַ לייטער מאַכין —
זאָל אין הימיל שטייגין,
ווען איך דיר די שטערין ציילין, [3]
וואָס אין הימיל שיינען".
— קענסטע מיר די שטערין ציילין,
וואָס אין הימיל שיינען, —
קען איך דיר די טרערין ציילין,
וואָס די יתומים [4] וויינען."
— קענסטע מיר די טרערין ציילין,
וואָס יתומים וויינען, —
קען איך דעם ים אויסשעפּין
מיט אַ קריגיל איינעם."

חיה שעליובסקי.

152.

זעקסטער וואַריאַנט.

אַ דער בחור נעמט די מיידל,
מיינט ער — די וועלט אי זיין:

---

[1]) זיי: נ' 147, II; נ' 148, II; נ' 150, I. — [2]) נ' 147, VI; נ' 149, V; נ' 150, IV. — [3]) נ' 147, V; נ' 148, V; נ' 149, IV; נ' 150, V. — [4]) jsejmim —

— אין די זאָלסט מיר וואַסער שעפּן
דער ים זאָל טריקן זיין,[1]
אין די זאָלסט מיר פיש כאַפּן,
וויפל אין ים איז פראַן."[2]
— אַז איך על דיר פיש כאַפּן, —
וויפל אין ים איז פראַן, —
זאָלסטו מיר די פיש שאָבן —
די שאָלעכץ זאָל אינגאַנצן זיין."
— אַז איך על דיר די פיש שאָבן,
די שאָלעכץ זאָל אינגאַנצן זיין, —
זאָלסטו מיר די פיש קאָכן —
ס'זאָל קיין פייער ניט זיין."
— אַז איך על דיר די פיש קאָכן,
ס'זאָל קיין פייער ניט זיין, —
זאָלסטו מיר די פיש עסן, —
זי זאָל אינגאַנצן זיין."
— אַז איך על דיר די פיש עסן —
זי זאָל אינגאַנצן זיין, —
זאָלסטו מיר זיבן קינדער האָבן
אין אַ מיידל זיין."[3]

סאָכאַטשעוו. צבי כהן.

№ 153.

זיבעטער וואַריאַנט.

(פראַגמענט).

—אוי, די שיין מיידעלע,
שטעל זיך בא מיר דינען,
די זאָלסט מיר די פיש אָפּקאָכין
אָהן אַ ראַן אין שפּינען;

---

1) זיי ג' 151. — 2) ג' 149, II; ג' 150, VI. — 3) ג' 147, II; ג' 148, II; ג' 150, I; ג' 151. — 4) ג' 152. —

די זאָלסט מיר פיר העמדער אָפּנייען | זאָלסט מיר גריני קליידער אָפּנייען
אָהן אַ נאָדיל־בּייוויל;[1] | אָהן אַ שער אין אייזין."

בילופילי (קיעוו, ג.) י. זאַיטשיק.

אויך די נומערן 147—153 באַלאַנגען צו אַ ליטעראַרישען טיפּ, וואָס האָט זיין לאַנגע און אינטערעסאַנטע גענעאַלאָגיע אין דער פאָלקסשאַפונג פון די אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע אומות און שטאַמען.

מיט'ן סיוזשעט, מאָטיוו און סטרוקטור איז ער זער נאָהענט צו דער קאַטעגאָריע, פון וועלכער ס'איז די רעד געווען אויבען אין די אָנמערקונגען צו נ' 145, — און זיינע וואָרצלען דאַרף מען אויך זוכען אין די געהיימניספולע פינסטערנישען פון טיפסטען אַלטערטום.

בענפיי[2] געפינט לעגענדעס און זאַגען פון דעם מין נאָך עטליכע יאָרהונדערטער פאַר דער קריסטליכער ערע — און ברענגט סאַנסקריטישע, טיבעטישע און אַראַבּישע מוסטערן.

פאַראַן אין דער אונענדליכער קייט די פאַרשידענסטע נוסחאות און וואַריאַנטען, אָבער די אידעע איז אים אַלגעמיין אין אַלע איינע.

כדי עפּעס צו דערגרייכען, אָדער עפּעס אויסצומיידען, מוז דער העלד אָדער די העלדין פון מעשה'לע צי פון ליד אויספירען עפּעס זער אַ שווערע, זער אַנ'אויסטערלישע, פאַרדרייטע און פאַרפּלאָנטערטע, אָפטמאָל העכסט פאַנטאַסטישע און לחלוטין אונמעגליכע אָפגאַבע.

אַ קעלטישע באַלאַדע:

אַ פרויענצימער רעדט־צו אַ שיינעם בחור, ער זאָל מיט איר אַנטלויפען. דער איז מסכים, אָבער בתנאי, אז ער וועט זי ניט אַרויסגנב'ענען ניט מיט

---

[1]) נ' 147, VI; נ' 150, III. — [2]) „Ausland", 1855, נ"נ 20—25, „דיע קלוגע דירנע", — „וויסלא", 1889, ז' 262, —

גוטען, ניט מיט געוואַלט, ניט פון שטוב, ניט פון דרויסען, ניט רייטענדיק און ניט צופוס. די פאַרליבטע פרוי שטעלט זי אַוועק אַף דער שוועל, רייטענ־דיק אַף אַ צאַפּ און רופענדיק דעם בחור, ער זאָל איר נאָכגיין.

דאָ פאַרווירקליכט די קלוגע פרוי איהר ליידענשאַפטליכען טרוים דורך אַ פיינער המצאה, וואָס באַווייזט דעם שאַרפזין פון איר נישט געוויינליכען פאַרשטאַנד און די קראַפט פון איר זעל־טענער ליבע.

אַסיבירער מעשה׳לע:[1]

אַ פירשט זוכט אַ כלה פאַר זיין זון. אַ געוויס מיידעל טוט אים געפע־לען. שיקט ער איר אַנ׳אָקס מיט׳ן באַפעל, אַז אין משך פון דריי טעג זאָל ער זיך קעלבען און געבען מילך; אויב נישט — וועט מען דערהרג׳ענען איר פאָ־טער. דאָס מיידעל גייט־אַרויס אַף דעם וועג, וואו דער פירשט דאַרף אַדורכפאָ־רען, און שטעלט זיך פליקען גראָז... — אַף דעם פירשטס פראַגע: „פאַר וועמען?“ — ענטפערט זי: „פאַר׳ן טאַטען: ער גייט באַלד צו קינד“. — „ווי איז דאָס מעגליך?“ — „פונקט אַזוי, ווי ס׳איז מעגליך, אַז דער אָקס זאָל זיך קעל־בען.“ — דערנאָך פאָדערט דער פירשט פון איר, זי זאָל אים אָפנייען שטי־וועל פון שטיינער, — זי שאַרט צונויף זאַמד — נעמט זיך דרייען פון אים פאָ־דעם. דעם פירשט געפעלט דער וויץ, און ער נעמט זי פאַר אַ שנור...

אַ לוזשיצער[2] פאָלקסליד:

— מיידעל, אַז דו ווילסט מיט אונז פאַרבלייבען — מוזסטו האָבען אַ יונגעל און אַ בתולה בלייבען“.[3]

— אויב אַזוי, מאַכט זשע מיר אַ וויגעל אָהן אַ האַק“.[4]

— וואַש זשע אויס די ווינדלעך אָהן זייף און אָהן וואַסער“.[5]

— כ׳וועל אויסוואַשען, נאָר זאָג, וואו איז מיין יונגסטער ברודער?“

— כ׳וועל זאָגען, נאָר וועב מיר אויס זיידענס פון פערדישע האָר“.

---

[1]) „פראָבען דער פאָלקסליטעראַטור דער טירקישע שטעממע זיד־סיבי־ריענס“; פעטערבורג, 1897, I, ז׳ 197. — „וויסלאַ“, 1889, ז׳ 262. — [2]) „וויס־לאַ“, 1889, ז׳ 260. — [3]) זיי אויבען מיינע: ב׳ 147, II; ב׳ 148, II; ב׳ 150, I, ב׳ 151; ב׳ 152. — [4]) זיי אויבען: ב׳ 147, III; ב׳ 148, III; ב׳ 150, II. — [5]) זיי, אויבען, ב׳ 148, IV. —

— כ'וועל אויסוועבען, נאָר וועסט מיר פריער מאַכען אַ שפּינדעל פון קוויטשער". [1]

— כ'וועל מאַכען, נאָר דו וועסט מיר פריער איבערציילען די שטערען אין הימעל". [2]

— כ'וועל איבערציילען, נאָר מאַך אַ לייטער ביז אין הימעל". [3]

— כ'וועל מאַכען, נאָר צייל מיר פריער איבער די טראָפּענס, וואָס פאַלען פון די כמאַרעס".

— כ'וועל איבערציילען, נאָר מאַך מיר אַ גריבעל פאַר איטליכען טראָפּען".

— כ'וועל מאַכען, נאָר פריער צייל מיר איבער אַלע חיות אין וואַלד".

— כ'וועל איבערציילען, נאָר מאַך אַרום וואַלד אַ פּלויט".

דאָס ליד ענדיגט זיך מיט אַ מוסר-השכל: „דאָס מאָל, אָבער קיינמאָל מער ניט פּרוּווען זיך מיט דער קלוגער בתולה".

דאָס הייסט זיין „פלינק אַף דער תשובה".

אַ פאַרהער אַף שאַרפזיניגקייט.

ווער וועמען וועט איבערשפּיצען מיט די חכמה'דיקע המצאות?

ווער וועט דער ערשטער מבולבל ווערען, נישט קענענדיק מער מיט אַ בליצשנעלען קאָנטרפאָרשלאָג ווייזען דעם געגנער, אַז דער געדאַנק איז קלאָר און פריש, בהרף-עין תופס די אונאויספירבאַרקייט פון דער פאָרגעלעגטער אָפגאַבע?

אַ פּרימיטיוו-גראַציעזיש געפעכט אַף די בלאַנקע שווערדען פון איינפאַל און קאַלטבלוטיגקייט.

דאָס עלצטע געשטאַלט פון דעם ספּור-המעשה איז:

אַ קעניג פרעגט עמיצען רעטעניש'ען מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כונה. דער געפּרוּווטער ווערט אַרויסגעהאָלפען פון זיין דורכגעטריבענער טאָכטער אָדער פון קלוגען מיניסטער.

על פּי רוב איז חוה'ס טאָכטער דער העלד פון טורניר.

אין דער זאַמלונג פון מיטעלאַלטערישע לעגענדעס

---

[1]) אַ פּויליש-יידיש וואָרט. — אין וואָלין: טשערעד; אין ליטאַ: אַיר. — [2]) זיי, אויבען, נ' 147, V; נ' 148, V; נ' 149, IV; נ' 150, V; נ' 151. — [3]) זיי אויבען, נ' 147, VI; נ' 149, V; נ' 150, IV; נ' 151. —

„Gesta Romanorum“ איז פאַראַן אַ ניט געענדיגטע געשיכ-טע פון אַ מלך, וואָס האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען, ביז וואַנען מ׳וועט אים נישט געפינען „אַ שיינע און געשייטע בתולה.“ ווען מ׳האָט אַזעלכע אָפּגעזוכט, האָט דער קעניג איר געשיקט דריי שטיקער לייווענט מיט דער פאָדערונג, זי זאָל אים אָפּנייען פון זיי אַ העמד... דער סוף פון דער זאַגע איז אונפאַרשטענד-ליך צוליב די גרייזען, מיט וועלכע די איבערשרייבערס האָבען איבערפולט דעם טעקסט.[1])

אַ ענליך מעשה׳לע ברענגט טשאַילד[2]) פון האַלטריכס זיבענגעבירגיקע זאַמלונגען.

דער קעניג הייסט דעם מיידעל אָפּנייען אַ העמד פון צוויי פעדעם. זי שיקט אים צוויי בעזעמשטעקענס, פאַרלאַנגענדיק, ער זאָל פריער מאַכען פון זיי אַ שפינדעל און אַ שער-ראַם.

די לעגענדע ענדיגט זיך דערמיט, אַז דער קעניג באַפעלט, דאָס מיידעל זאָל קומען צו אים, ניט געפאָרען און ניט צופוס, ניט נאַקעט און ניט אָנגעטון, ניט מיט׳ן וועג און נישט אָהן דעם וועג, מיט אַ מתנה, וואָס זאָל נישט זיין קיין מתנה. — זי קומט מיט אַ בין צווישען צוויי טעלער, אויסגעטון, אַבער איינגעהילט אין אַ נעץ, מיט איין פוס אָנגעשפאַרט אַף אַ צאַפ, וואָס גייט אַפ׳ן וועג, און מיט׳ן אַנדערן טרעטענדיק לעבען דעם וועג. ווען זי האָט צוגומען די טעלערס, איז די בין אַוועקגעפלויגען, — איז דאָס, הייסט עס, געווען אַ מתנה, און ניט קיין מתנה.[3])

אין אַן׳אַלטער ענגלישער באַלאַדע זאָגט-צו אַ רויטער עלף אַ מיידעל חתונה צו האָבען מיט איר, אַז זי וועט אים אָפּנייען אַ העמד אָהן נאָדעל-בייוועל[4]). דאָס מיידעל איז מסכים, נאָר מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל איר צואַקערן דאָס פעלד מיט זיין הירטענפייפעל, מאַכען אַ וואָגען פון שטיינער און וואַפנע, איינ-שפאַנען אין אים אַ שמעטערלינג, איבערפירען די תבואה אין אַ מייזיש לעבעל און זי אויסדרעשען אין אַ שיך, — און אַזוי ווייטער.

---

[1]) „וויסלא״, l. c. ז׳ 261. — [2]) The English and Scottish popular ballads. — „The Elfin Knigth“.

[3]) זיי אויבען די קעלטישע באלאדע. — [4]) זיי, אויבען, ג׳ 147, IV; ג׳ 150, III; ג׳ 153, II.

אַ סערבּיש מעשה׳לע דערציילט פון אַ בעטלער, וואָס האָט אַ קלוגע טאָכטער. זי הייסט אים גיין צום מלך נאָך אַ נדבה. דער מלך גיט אים דריי-סיק אָפּגעקאָכטע אייער און הייסט, די טאָכטער זאָל זיי אויסזיצען, אַ ניט — וועט מען אים אָנטון גרויסע יסורים. די טאָכטער זאָגט צום פאָטער, ער זאָל אָפּקאָ-כען באָב און אַרויסגיין אַקערן דאָס פעלד, און אַז דער קעניג וועט דורכפאָרען דאָרטאַרום׳מער, זאָל ער נעמען פאַרזעצען דעם געקאָכטען באָב אין דר׳ערד. ווען דער מלך האָט דאָס דערזעהן און האָט זיך געחידושט, האָט אים דער בעטלער געזאָגט, אַז פון געקאָכטען באָב קענען אָפּגיין געוויקסען פונקט אַזוי ווי הינדלעך פון געקאָכטע אייער. דאַן גיט אים דער מלך אַ בינטעל פלאַקס, ער זאָל פון דעם פאַרפאַרטיקען שטריק און אַלץ, וואָס מ׳באַדאַרף פון פלאַקס צו אַ גאַנצער זעגעלשיף, — אַניט — וועט מען בא אים צונעמען דאָס לעבען; דעמאָלט גיט די טאָכטער דעם בעטלער אַ קלעצעל און הייסט גיין צום מלך זאָגען, אַז ער וועט מאַכען די שטריק, אויב יענער וועט פון דעם האָלץ אויס-אַרבעטען אַ שער-ראַם, און אַ שפּינדעל. דער מלך שיקט דעם מיידעל אַ גלאָז, זי זאָל מיט איר אויסשעפּען דעם ים[1]. זי שיקט אים אַ פונט פאַקלע צו פאַר-שטאָפּען די אויספלוסען פון די טײַכען, — וועט זי אויסשעפּען דעם ים. דער קעניג איז איבעראַשט פון איר חכמה און וויל זי זיין. ער פרעגט זי: „וואָס הערט מען אַם וויַיטסטע?“ — זי ענטפערט: „דונער און ליגען“...

אין אַרנים-ברענטאַנאָ׳ס זאַמלונג לייענען מיר אַזאַ דייטשיש ליד:

—ליעבער שאַטץ, וואָהל ניממערדאַר[2]
וויל איך פאָן די רשײַדען,
קאָננסט דו[3]) מיר אום[4])דײַנעם האַאַר
שפּיננען קלאַרע זײַדען“.
—זאָלל יך דיר אום מײַנעם האַאַר
שפּיננען קלאַרע זײַדען,
זאָללסט דו מיר פאָן לינדענלאַוב[5])
יַין נוי העמדלײַן שנײַדען“.[6])

— זאָל יר דיר אום לינדענלאַוב
יַין נוי העמדלײַן שנײַדען,
מוססט[7]) דו מיר פאָם קרעבסעלײַן
יַין פאַאַר שערען לײַהען“.
—זאָלל יך דיר פאָם קרעבסעלײַן
יַין פאַאַר שערען לײַהען,
מוססט דו טאַוזענד קרעבסעלײַן
דורך דען נעקאַר טרײַבען“.

---

[1]) זיי, אויבען, ב״ג 151, 152. — [2]) קיינמאָל. — [3]) du. [4]) aus.
[5]) laub (געבלעטער). — [6]) זיי, אויבען, ב׳ 147, I; ב׳ 148, I. —
[7]) musst

— זאָל יך טאַוזענד קרעבסעליין
דורך דען נעקער טרייבען,
מוססט דו מיר דיע שריטטליין צייהלען,
דיע דיע קרעבסליין שרייטען."
— זאָלל יך דיר דיע שריטטליין צייהלען
דיע דיע קרעבסליין שרייטען,
מוססט דו מיר דיע בריקע שלאַגען
פאָן יינעם קליינעם רייפע".
— זאָלל יך דיר דיע בריקע שלאַגען
פאָן יינעם קליינען רייפע,
מוססט דו מיר דען זיעבענשטערן
אַם העללען מיטטאַג וויזען,"
— זאָלל יך דיר דען זיעבענשטערן
אַם העללען מיטטאַג וויזען,
מוססט דו אויף דען מינסטערטהורם
מיט מיר צו פפערד אויך רייטען".
—זאָלל יך אויף דען מינסטערטהורם
מיט דיר צו פפערד אויך רייטען,
מוססט דו מיר דיע שפאָרנען מאַכען
וואָהל פאָן דעם גלאַטטען ייזע."
— זאָל יך דיר דיע שפאָרנען מאַכען,
וואָהל פאָן דעם גלאַטטען ייזע,
מוססט דו זיע אַן דיע פיססע שלאַגען
אַם הייססען זאָנענשיינע."

— זאָלל איך זיע אַן דיע פיססע לעגע
אַם הייססען זאָננענשיינע,
מוססט דו מיר יינע פייטשע דרעהען
פאָן וואַססער ונד פאָן וויינע."
—זאָלל יך דיר יינע פייטשע דרעהען
פאָן וואַססער ונד פאָן וויינע,
מוססט דו מיר דען ריעזענשטיין
צו קלאַרעם שטאַובע רייבען."
—זאָלל יך דיר דען ריעזענשטיין
צו קלאַרעם שטאַובע רייבען,
מוססט דו מיר דען אַפפעל ראָטה
וואָהל ום דיע וועלט רום טרייבען."
—זאָלל יך דען אַפפעל ראָטה
וואָהל ום דיע וועלט רום טרייבען,
מוססט דו ציעהען יבערם מעער,
ונד דאָך אויך ביי מיר בלייבען."
—זאָלל יך ציעהען יבערם מעער
ונד דאָך אויך ביי דיר בלייבען,
מוססט דו דיינע מוטטער געבען
אַלס יונגפראַו [1]) מיר צום וויבע."
—זאָלל יך מיינע מוטטער געבען
אַלס יונגפראַו דיר צום וויבע,
ליעבער וויל יך דיר יין קינדליין געבען
ונד קיינע יונגפראַו בלייבען." [2])

און אָט איז אַ פוילישער [3]) מוטער:

— Szewczyku, krawczyku, [4])
Sławny rzemieślniku, [5])
Zróbże mi buciki [6])
Z wołowego ryku. " [7])

---

[1]) בתולה. — [2]) "דעם קנאַבען וואונדערהאָרן", רעקלאַם-אויסגאַב, ז' 585. — [3]) אָסקאַר קאָלבערג, "קראַקאָווסקיע", II, 149. — [4]) "שוסטער'ל, שניידער'ל". — [5]) "וואויל בעל-מלאכה'לע". — [6]) "מאַך זשע מיר שיכעלעך". — [7]) "פון אָקסישען געשריי". —

— Ja buciki zrobię [1])
Z ryku wołowego;
Ty mi dratew uprządź [2])
Z deszczyku drobnego. " [3])
— Dratwę ci uprzędę [4])
Z deszczyku drobnego;
Ty mi suknię uszyj [5])
Z kwiatu makowego. " [6])

— Ja suknię uszyję [7])
Z kwiatu makowego;
Ty mi łóżko uściel [8])
Śród morza bystrego. " [9])
— Ja łóżko uścielę [10])
Śród morza bystrego;
Ty się połóż na niem, [11])
A nie dotknij się go. " [12])

אין אַ מיִריִש פאָלקסליד [13]) זינגט איינער: „ווען דער האַרגאָט זאָל מיר גיבען אַזאַ מיִידעלע, וואָס זאָל געבוירען אַ זינדעלע און אַ בתולה בלײַבען!" [14])—דאָס מײַדעל ענטפערט: „ווען איך זאָל דיר דאַרפען אַ זינדעלע געבוירען און אַ בתולה בלײַבען, — וואָלסט דו מיר געמוזט אַ וויגעלע מאַכען און קיין איין מאָל עס מיט קיין האַנט ניט אָנריִרען." [15]) —

ווײַטער זאָגט ער, אַז זי וואָלט אים געמוזט „אָפּנייִען אַ העמדעלע אָהן נאָדעל-בײַוועל." [16]) — זי — אַז ער וואָלט איר געמוזט „אָנשפּיִנען זײַדענס פון האָבערשטרוי"; ער — אַז זי וואָלט אים געמוזט „אויפציילען אַלע שטערען, וואָס שײַנען אַפ'ן הימעל" [17]); זי — אַז ער וואָלט איר געמוזט „אַזאַ לייטער אָפּשטעלען, זי זאָל אַהין קענען זיך אַראָפּדראַפּען" [18]); ער — אַז זי וואָלט גע-

---

[1]) „איך וועל שיכעלעך מאַכען". — [2]) „דריי מיר צונויף אַ דראַטווע." — [3]) „פון דראָבנע רעגענדעל." — [4]) „כ'וועל דיר צונויפדרייען אַ דראַטווע." — [5]) „נייִ מיר אָף אַ קליידעל". — [6]) „פון מאָנבלימעל". — [7]) „איך וועל דיר אָפּנייִען אַ קליידעל". — [8]) „בעט מיר אָף אַ בעט". — [9]) „אין מיטען גיכען ים". —[10]) „איך וועל דאָס בעט אָפּבעטען". — [11]) „דו לעג זיך אָף אים". — [12]) „און ריר זיך ניִשט צו צו אים". — [13]) Morawské nàrodni pìsnê [14]) זיי, אויבען, ב' 147, II; ב' 148, II; ב' 150, I; ב' 152, ווי אויך דאָס לוזשיצער פאָלקסליד. — [15]) זיי, אויבען, ב' 147, III; ב' 148, III; ב' 150, II, — ווי אויך דאָס לוזשיצער ליד. — [16]) זיי, אויבען, מײַנע, ב' 147,IV; ב' 150, III; ב' 153, II, — ווי אויך די ענגלישע באַלאַדע. — [17]) אויבען, ב' 147, V; ב' 148, V; ב' 149, IV, ב' 150, V; ב' 151, — ווי אויך אין לוזשיצער ליד. — [18]) אויבען, ב' 147 IV; ב' 149, V; ב' 150, IV; ב' 151, — אויך אין לוזשיצער ליד. —

מוזט פון ים־סוף די גאַנצע וואַסער אויסגיסען[1]"; זי — אַז ער וואָלט איר גע־מוזט „אַזאַ שעפּ מאַכען, אַז זי זאָל קענען אין אים אַרײַנטרעטען".

אַ ווײַסרוסיש פאָלקסליד פון דעם טיפּ — אין מ. זאַפּאָלסקי׳ס „ביעלאָרוסקאַיאַ סוואַדבאַ י סוואַדעבניאַ פּעסני".[2]

№ 154.

I — מײַדלען, דו[3], מײַדלען, דו מײַן,
איך וועל בײַ דיר פרעגין אַ רעטעניש אײַן:
וואָס[4] איז העכער פאַר אַ הויז?[5]
וואָס איז גישווינטער פאַר אַ מויז?"[6]

II — בחור, דו, בחור, דו נאַרישער טראַכט,
דו האָסט דאָך קײַן שכל ניט אין דײַן קאָפּ:
אַ קוימין[7] איז העכער פאַר אַ הויז,
אַ קאַץ איז גישווינטער פאַר אַ מויז".[8]

III — מײַדלען...[9]
וואָסער וואַסער איז אָהן אַ פיש?
וואָסער הויז איז אָהן אַ טיש?[10]

IV — בחור...[11]
ברונענוואַסער[12] איז אָהן אַ פיש,
און אַ מרחץ[13] איז אָהן אַ טיש".

---

[1]) מײַנע נ״נ 151, 152, — אויך אין סערבישען מעשה׳לע. — [2]) קיעוו, 1888, — ז. 35. — [3]) ז! — איבעראַל מיט דער ליטווישער אויס־שפּראַך: u. — [4]) אָ — o. — [5]) פאַרגלײַך בײַ ג.־מ. נומער 357 (דריטער פערז). — [6]) l. c., 4 פערז. — [7]) kejmen (לויט דער ליטווישער אויס־שפּראַך). — [8]) l. c., דריטער און פערדער צווײַפערז. — [9]) דאָ און ווײַטער חזר׳ן זיך איבער די ערשטע 2 פערזען פון I. — [10]) ג.־מ., l. c., 9־טער און 10־טער צווײַפערז. — [11]) דאָ און ווײַטער חזר׳ן זיך איבער די ערשטע צווײ פערזען פון II. — [12]) בײַ ג.־מ., l. c., „מקוה־וואַסער". — [13]) בײַ ג.־מ., l. c., — „די

V — מיידלעך...
וואַסער וואַסער איז אָהן אַ זאַמד?
וואַסער מלך איז אָהן אַ לאַנד?"[1]

VI — בחור...
מקוה־וואַסער[2]) איז אָהן אַ זאַמד,
אַ מלך פון אַ קאָרט איז אָהן אַ לאַנד".[3])

VII — מיידלעך...
וואָס איז גרינער פאַר איין גראָז?
וואָס איז גישווינטער פאַר אַ האָז?"

VIII — בחור...
גאַל איז גרינער פאַר איין גראָז,
אַ הונט איז גישווינטער פאַר אַ האָז".

IX — מיידלעך, דו מיידלעך, דו מיין,
אַז דו ביסט יאָ אַזוי קלוג,
טאָ זאָג מיר: וויפיל ביימעלאַך אין וואַלד?"

X — בחור...
איך וועל דיר זאָגין, וויפיל ביימעלאַך אין וואַלד,
נאָר זאָג מיר: וויפיל אויף די ביימעלאַך צווייגין?"[4])

XI — מיידלעך, דו מיידלעך, דו מיין,
איך בין קלוג, און דו ביסט קלוג, —
טאָ לאָמיר ביידע שווייגין,[5])
לאָמיר גיין צום טאַטין און מאַמין —
לאָזין זיי תנאים שרייבין".

פּעטריקאָוו (מינסק. ג.) מ. טיקטין.

נומער 154 איז, אַזוי צו זאָגען, אַ ליד־„מיקסט". עס האָבען זיך

באָדשטוב". — [1]) l. c. — [2]) l. c., „די וואַסער פון אויג". — [3]) l. c. —
[4]) אָנמערקונג פון זינגער: „דאָ זינגט זיך נאָך וועגן אַ בער, נאָר איך געדענק שוין ניט". — זיי אויבען, ב' 150, I. — [5]) l. c., VII. —

אין אים אויסגעמישט בייד ע טיפּען, פון וועלכע ס׳איז די רעד אין די דער-קלערונגען צו נ׳ 146 און צו די נ״נ 147—153. . די ערשטע 8 סטראָפען גע-הערען צום ערשטען טיפּ: דער בחור פרעגט רעטענישען, דאָס מיידעל טרעפט זיי. די דריי שלוס-סטראָפען בילדען אַ פראַגמענט פון צווייטען טיפּ: דער בחור פארגיט אַ פראַגע, אַף וועלכע ס׳איז אוממעגליך צו געבען אַ גענויע תשובה, — ענטפערט אים דאָס מיידעל אָפּ צום טאָן מיט אַזאַ-אייגענעד שאלה.

№ 155.

I. מיר קערט אום [1]) אַ וואַנדערמאַן צוריק
נאָך זיין היימאַט, נאָך זיין הויז אונד גליק.
ביי יעדען שריט, אַך, וואָס ער דאַן איר מאַכט,
ברינגט ער פיר זיין ליובּיען איי בלומענשטרויס. [2])
II. איינע גערטנערפרוי זאָ שען, זאָ בלאַס,
טריט מיט אים ביי די האַנד צוגלייך.
ביי יעדען בלומיען, וואָס איז דאַן באַזעצט,
ראָלען טרערען איר פאָן אַנגעזיכט.
III. — וואָרום ווייַנסטו, האָלדע גערטנערפרוי?
ווייַנסטו אַן די פייַלכען דאָרט זאָ דונקעלבלוי?
ווייַנסטו אַן די רונדע רויזען, וואַס דיין פינגער בריט?
— ניין, אַן די אַלען בלומען וויין איך ניט.
IV. „איך בעוויין נאָר דעם געליבטען מאַן. [3])
„איזט ער געגאַנגען אין די וועלט אַריין.
„אים זאָ טרייַע ליבע וואַר איך אים פערשפּריך, —
„דורך דעם גערטנער איך די ליבע בריך“.

---

[1]) ו ווערט דאָ איבעראַל געלייענט, ווי u; אַו — au. — [2]) די צוויי פערזען זענען, קענטיק, זער פאַרדאָרבען (זיי ווייטער, אין די אָנמערקונגען). — [3]) אין די ערשטע דריי דייטשישע וואַריאַנטען פון „אורקוועל“ (זיי ווייטער) איז די רעדע וועגען געליבטען; אין פערדען — וועגען שאַף; אין יידישען טעקסט — וועגען געליבטען מאַן (זער כאַראַקטעריסטיש!).

V. — ווארום האסטו דײַנע ווארטען ניכט געטרויט?
„האסטו דען די ליבע אף דעם זאנד געבויט?
„דארום גיבע מיר, שענע גערטנערפרוי,
„איין בלומענשטרויס פאן דעם גרינעם טויט.
VI. „מיט׳ן בלומענשטרויס אין די האנד,
„ווערדע איך ציען דורך דאס גאנצע לאנד,
„ביז דער טויט אין מײַנע אויגען שלים.
„לעבע וואל! לעבע וואל! לעב וואל! פערגים מאן ניט!"

לענטשיץ (קאליש. ג.) איטע וואידיסלאוואסקי.

די באלאדע איז פאראן אויך אף דייטשיש. — אין די קלאסישע זאמלונגען פון די דייטשישע פאלקסלידער געפינט מען זי, אבער, ניט: — זי איז אנטדעקט געווארען ערשט אין די לעצטע צוואנציק יאר.

איין ווארִיאנט איז פארעפענטליכט אין ה׳ פרישביר׳ס „100 אסט-פרײַסישע פאלקסלידער". [1]) — ער שטאמט פון דענהאפשטעדט, און איז, — ווי דער ארויסגעבער י. זעמבזשיצקי באמערקט, — „באקאנט און באליבט אין דער גאנצער פראווינץ". —

אנדערע 4 ווארִיאנטען האט פובליקירט אנטאן ענגלערט אין „אם-אורקוועל" [2]); צוויי זענען אפגענומען אין דער אומגעגענד פון לינדאו; איי-נער — אין ווינדסהיים (מיטעלפר.), און דער פערדער — אין מינכען.

איך דרוק דא איבער מיט יידישע אותיות דעם ערשטען לינדאוער ווארִיאנט.

I. מידע קעהרט דער וואנדערסמאנן צוריק
נאך דער היימאט, זײַנער ליעבע גליק,
דאך בעפאר ער געהט ינס ליעבלענהאוס, [3])
קאופט ער פיר זיע דען שענסטען בלומענשטראוסס.

---

[1]) לײַפציג, 1893, — ז׳ 7. — [2]) 1894 — V, 138—139. —
[3]) או — au ; u — .

II. דיע גערטנערספראַו זאָ האָלד[1], זאָ בלייך,[2]
געהט צו יהרעם בלומענבעעט זאָ גלייך,
דאָך ביי יעדער בלומע, דיע זיע בריכט,
ראָללען טרענען יהר פאָם אַנגעזיכט.

III. — וואַרום וויינסט דו, האָלדע גערטנערספראַו?
וויינסט דו אום דיע פיילכען דונקעלבלאַו,
אָדער אום דיע ראָזע, דיע דו בריכסט?" —
— ניין, אַך ניין, אום דיעזע וויינ' יך ניכט.

IV. „אום דען געליעבטען וויינ' יך נור אַלליין,
דער געצאָגען ין דיע וועלט הינניין.
דעם יך עוויג טרוי' געשוואָרען האַב',
דיע יך אַלס גערטנערספראַו געבראָכען האַב'."

V. — טרויע ליעבע האַסט דו ניע געהעגט,
אַבער בלומען האַסט דו מיר געפּפלעגט.
דאַרום גיעב, אָ שענע גערטנערפראַו,
מיר יינען שטראַוסס פאָן דיינען פיילכען בלאַו.

VI. „מיט דעם בלומענשטראַוססע ין דער האַנד
וויל יך ציעהען הין פאָן לאַנד צו לאַנד,
ביז דער טאָד דיע מידען אויגען בריכט.
לעבע וואָהל, פערגיסס דען וואַנדרער ניכט!"

מיט פעטיט זענען אויסגעזעצט יענע פערזען און אויס-דריקען, וואָס געפינען זיך אויך אין דעם יידישען נוסח, — און, ווי מיר זייען, זענען ביידע טעקסטען, דער לענטשי-צער און דער לינדאַוער, כמעט איינס.

ניט נאָר דער ספור-המעשה, דער גאַנג פון דער דערציי-לונג און די סטרוקטור זענען אין זיי די אייגענע, נאָר אויך דער לשון, גאַנצע שורות און פראַזען.

און דאָרט, וואו דער יידישער נוסח ווייכט פון ערשטען

[1]) אין יידישען טעקסט אַ סינאָנימישער עפיטעט: שיין. — [2]) אין יידישען טעקסט סינאָנימישער עפיטעט: בלאַס.

לינדאַוער, טרעפט ער זיך מערסטענטייל מיט אַ געהעריקער שטעלע אין איינעם פון די איבעריקע דריי וואַריאַנטען[1] **פון פרידריך קראַוס׳ס מאַנאַטשריפט.**

אַזוי האָבען די ערשטע צוויי פערזען פון דער פיפטער סטראָפע אין דער יידישער באַלאַדע — אַ אַנאַלאָגיע אין דעם אָנפאַנג פון דער זעקסטער סטראָפע אין צווייטען לינדאַוער וואַריאַנט!

— וואַרום האַסט דו מיין וואָרט ניכט נעגלאַובט,

טרויע ליעבע אַוף דען זאַנד געבאַוט?"...

די זיבעטע סטראָפע פון דעמזעלביקען לינדאַוער וואַריאַנט שליסט זיך כמעט בוכשטעבליך ווי דער יודישער נוסח: „לעבע וואָהל, לעב׳ וואָהל, פערגיססמיין ניכט!"

אין ווינדסהיימער וואַריאַנט, III סטראָפע, 3-טער פערז, לייענען מיר: „... אָדער זם דיע ראָזען, דיע דיין פינגער בריכט?" — דאָס וואָרט „פינגער" איז ניטאָ אין די לינדאַוער, אָבער געפינט זיך אין יידישען ליד.

די III סטראָפע אין דעמאייגענעם ווינדסהיימער וואַריאַנט לאָזט זיך אויס אַזוי: „ניין, זם דיע בלומען אַללע וויינ׳ יך ניכט". — דאָס וואָרט „אַללע" באַגעגענען מיר אויך ניט אין די לינדאַוער נוסחאות, און אין יידישען איז עס יאָ דאָ.

„איינזאַם וואַנדר׳ יך דורך דאַס גאַנצע לאַנד", — דאָס איז דער דריטער פערז אין דער פיפטער סטראָפע פון ווינדסהיימער וואַריאַנט. — אויך אין דער יידישער באַלאַדע האָבען מיר: „דורך דאָס גאַנצע לאַנד". — אין די צוויי לינדאַוער, דאַגעגען: „פאָן לאַנד צו לאַנד". —

מינכענער וואַריאַנט, VII סטראָפע, דריטער פערז: „„בין דער טאָד זיין נאַססעס אויגע שליעססט", — ווי אין יידישען: „„ביז דער טויט אין מיינע אויגען שליס", — אין די לינדאַוער און אין ווינדסהיימער, אַפ׳ן אַנטשפּרעכענדיקען אָרט: אַנשטאָט „שליסט" — „בריכט".

---

[1]) דער צווייטער לינדאַוער (7 סטראָפען) און דער ווינדסהיימער (6 סטראָפען) וואַריאַנטען אונטערשיידען זיך זער ווייניק פון דעם אויבענאיבערגעדרוקטען, — דער מינכענער (7 סטראָפען), אָבער, קלינגט אין אַ סך שטעלען גאָר אַנדערש.

דער פאַקט, וואָס די יידישע באַלאַדע איז מער אָדער וועניקער נאָהענט צו אַלע 4 דייטשישע וואַריאַנטען, איבערצייגט אונז, אַז ס׳איז שווער צו רעכענען, דאָס די יידישע פאָלקס-מאַסע האָט דאָס אינטערעסאַנטע ליד איבערגענומען באַ דער דייטשישער.

אויב מיר וועלען אָננעמען אַנטאָן ענגלערטס מיינונג, אַז דאָס געדיכט, פון וועלכען מיר רעדען, איז שווער צו באַ-טראַכטען „אַלס פאָלקסליד אין ענגערען זין", דאַן איז דערלויבט זיך משער צו זיין, זי די דייטשישע נוסחאות פון איין זייט און דער יידישערטעקסטאַ פון דער צווייטער, זענען פאָלקאָם זעלבסט-שטענדיקע באַאַרבעטונגען פון אַ פאָעטיש ווערקעל, וואָס איז פון דער געשריבענער ליטעראַטור אַראָפגעגאַנגען אין רעפערטואַר פון דער דייטשישער און יידישער פאָלקסמאַסע, און ביסלעכווייז פאַרענ-דערט און וואַרי׳ירט געוואָרען.

צווישען די זעלבסטשטענדיקע שטעלען פון יידישען ליד וואַרפען זיך באַזונדערס אין די אויגען די פאָלגענדיקע צוויי:

1) דער ערשטער צווייפערז אין דער V סטראָפע;

2) דער שלוספערז אין דערזעלביקער סטראָפע. — אין ערשטען לינדאַוער וואַריאַנט. בעט דער וואנדערער באַ דער גערטנערפראַו „יינגען שטראַוסס פאָן דיינען[1]) פיילכען בלאַו"; אין צווייטען — „יינגן שטראַוסס פאָן ריינעם דייטשען בלאַו" און „דען שטראַוסס בענעצט מיט דיינער[1]) טרענען טאַו"[2]); אין ווינדסהיימער — דאָסאייגענע, וואָס אין ערשטען לינדאַוער; אין מינכענער — „דען שענסטען בלומענשטראַוסס"; און אין יידישען — „איין בלומענשטרויז פאָן דעם גריינעם טויט".[3])

№ 156.

אַמאָעל אי גיוועין אַ מעשה׳לי אַזוי אין אַזוי, —
ווי אַ מאַן האָט פאַלאָזט אַ יונגי פרוי,

---

[1]) אירע — [2]) זער פּאָעטיש — [3]) אייגענאַרטיק —

אין האָ׳ צאָך [1] גיזאָמט אַ לאַן (?) מיט יאָרין.
אַ לאַן [2] מיט יאָרין לאָס׳ צאָך הערין אָף דאַ וועלט,
ניש קאַן בריוו אין ניש קאַן געלט.
עיאָ אי צי׳נ׳איאָ צריגיקימע
אין האָ׳ צאָך ניש גיגעיבין צי דאַקענע.
האָט׳אָ זי גיפּרעיקט:
— צי האָסטי קליידאָ, צי האָסטי בראָמע (?),
צי האָסטי ליסט [3] צי פרעמדי מאַנע?״ [4])
— כ׳אָ קליידאָ, כ׳אָ בראָמע,
אין כ׳אָ ניש קאַ ליסט צי פרעמדי מאַנע.״
האָט׳אָ אַראָסגינימע אַ פינגערו, ריין אין רויט,
האָט עס גיוואויגין דראַהינדאָט [5] לויט.
האָט׳אָ גיזאָקט:
— כ׳על׳עס דאָ [6] אַ מתּנה שענקין,
די זאָסט אין דאַן מאַן ניט טיען גידענקין.״
האָ׳צי גיזאָקט:
— ס׳פינגערו אי טאַקי ריין אין רויט —
ס׳מעיג אַפּיליק וועיגין דראַטאָזינט לויט, —
וויל׳אָך ניש, זאָסט עס מיאָ פאַר אַ מתּנה שענקין, —
כ׳וויל אין מאַן מאַן איבּיק גידענקין.
דערנאָך האָט׳אָ אַראָסגינימע אַ פאַרטיכו, איז׳ס
גיוועין וואַס [7]) ווי קראַד, [8])
ס׳אָ׳ צאָך גיוואשין אָף די פלאַס, [9])
ס׳אָ׳ צאָך נאָכגישלעפּט ביז׳ן דר׳עיאָט,
דראַהינדאָט קאַרבין איז׳ס וועיאָט.
האָט׳אָ גיזאָקט:
— כ׳על׳עס דיאָ אַ מתּנה שענקין,

---

[1]) ho’ zoch (האָט זיך). — [2]) זאָל „לאַן״ — זיין פאַרגרייזט פון „במה״ (פאַרגלייך די נ״ב 157—158)? — [3]) לוסט. — [4]) אין פּוילען זאָגט מען: „מאַנען״ (פון זייערע ווייבער) און „מענער״ (מאַנסלייט). — [5]) דריי־הונדערט. — [6]) דיר. — [7]) ווייס. — [8]) קרייד. — [9]) פליים. —

די זאָסט אין דאַן מאַן ניש טיִען גיגידעינקין."
האָ'צי גיזאָקט:
— ס'פּאַרטיִכו אי טאַקי וואַס ווי קראַד,
וואַש' צאָך טאַקי אָף די פּלאַס,
שלעפּ' צאָך נאָעך בּיז'ן דר'עיאָט,
ס'מעיג אַפּיליִק וועיאָט זאַן דראַטאָזינט קאַרבין, —
ווי'ל'אָך ניש, זאָסט'עם מיִאָ פּאַר אַ מתנה שעינקין, —
כ'וויל אין מאַן מאַן אייבּיִק גידעינקין."
האָט'אָ גיזאָקט:
— וואוויל אי דיאָ, אין וואויל אי דאַן לאַבּ!
יאַך בּין דאַן מאַן, די בּיסט מאַן וואַבּ."
האָ'יצי גיטיִען אַ לויבּ צים הימו: [1])
— מאַן מאַן אי צריגיקימע!
אַ גיטין מאָרגין דעיאָ זין מיט דעיאָ לבנה!
גאָט האָט מיאָ ציגישיִקט מאַן גילדיני מתנה.
האָ'מאָ אַ טאָלטאָ, האָ'מאָ אַ זין,
על'מאָ מי'ציי בּיידי אַ שידוך טין.
עלין מאָ נעמע אַ שניאָ אַ בּת־יחידה,
עלין מאָ נעמען אַנ'איידים אַ תלמיד־חכם,
אין מ'עט אַוועגעיבּין ס'געלט אָף רוחים."

טאַרשאָ. טעמע פייגענבּוים, 55 יאָר.

157.

צווייטער וואַריאַנט.

אַמאָל אָט זעך פּערלאָפין אַ מעשה'לי אַזוי:
אַ מאַן איז אַוועק פין אַ ייִנגי פרוי,
אָט גידאָוועֶרט [2]) כּמה יאָרין,

[1]) הימעל. — [2]) gydouert. —

איז ע[1]) גיקימע צריקציפאָרין.
אָט ע גיזאָקט:
— שכנ׳טי די ליב, שכנ׳טי די מאַן,
צי אָס׳[2]) די געלט? צי אָס׳ די בלימען?
צי האָס׳ די ליסט[3]) צי אַנ׳אַנדערן מאַן?"[4])
— געלט אָב עך, בלימע אָב עך,
ליסט צי אַנדערי מענע אָב עך ניש.
— שכנ׳טי די ליב, שכנ׳טי די מאַן,
צי אָס׳ די קליידע? צי אָס׳ די צירינג?
צי אָס׳ די ליסט צי אַנדערי מענע?"
— קליידע אָב עך, צירינג אָב עך, —
ליסט צי אַנדערי מענע אָב עך ניש."
— וואויל אי די זין, וואויל אי די לבנה, —
גאָט אָט מיע צריקגיגייבין מאַן מתנה.
וואויל אי מיע, וואויל אי מאַן וואַב, —
איך בין דאַן מאַן — די ביזט מאַן וואַב."

ראַדאָם. ה. מ. קירשענבוים, 22 יאָר.

№ 158.

דריטער וואַריאַנט.[5])

(פראַגמענטען).

אַמאָל איז גיוועז אַ מעשה אַזוי:
אַ מאַן איז אַוועק פון אַ יונגע פרוי.
ער איז פון איר אַוועגיפאָרין,
גיזאָמט האָט ער זיך כמה יאָרין.
...אין די וועלט...

[1]) ער. — [2]) האָרט. — [3]) לוסט. — [4]) דאָס זאָגט דער מאן צום ווייב, אויסצופריווען איר אָרענטליכקייט. — [5]) מיט דער ליטערארישער [אָרטאָגראַפיע. —

ניש דאָ קיין בריוו, ניש דאָ קיין געלט.
זי האָט זיך גיראַכט אַף אַ שיינע מתנה, —
פליצלינג קריגט זי אַ בריוו: זי איז אַ יונגע אַלמנה![1])

— — — — — — — — — — —

ניש קיין בריוו, און ניש קיין געלט...
— געב אַהער די קופער, געב אַהער די פאַנען,[2]) —
ציִ האָס' דו לוסט צו פרעמדע מאַנען?"
— איך האָב ניש קיין קופער, איך האָב ניש קיין פאַנען,
איך האָב ניש קיין לוסט צו קיין פרעמדע מאַנען."[3])
—איך האָב דיר גיגעבין עפעס אַ פינגערל, איז דאָס
גיוועזין בלויז גאָלד,
ווייל דו האָסט מיך גיוואָלט.
גוט מאָרגין זון! גוט יאָר שטערין!
אונז ביידע ווילין זיך מיירין!"[4])

וואַרשאַ גוב. פ. גראַובאַרד.

צוויי פיינע וואַריאַנטען פון דער באַלאַדע — בא ג.-מ., נ"נ 271, 272.—
פאַראַן אויך דייטשישע פאָלקסלידער אַף דיאייגענע טעמע.
ד"ר א. לאַנדוי[5]) ווייזט-אָן אַף ג' 67 אין „ערקס ליעדערהאָרט",
ג' 116 אין אולאַנדס „אַלטע האָך- ונד ניעדערד. פאָלקסליעדער", נ"נ 54—56
אין מיטטלערס „דויטשע פאָלקסליעדער", און אַז. וו.
איין ליד פון דער קאַטעגאָריע געפינט זיך אויך אין אַרנים-ברענ-
טאַנאָ'ס זאַמלונג.[6]) — עס איז געדרוקט מיט'ן טיטעל „ליעבעספראָבע". —

---

[1]) די ידיעה איז, אָבער, געווען אַ פאַלשע; — אָדער ס'איז פאָרגעקו-
מען עפעס אַ מיספאַרשטענדעניש, אָדער דער מאַן האָט בכיון אונטערגעשיקט
דעם בריוו, כדי אויסצופריווען דאָס געטריישאַפט פון זיין ווייב. — [2]) דאָס
זאָגט דער צוריקגעקומענער מאַן, וועלכען דאָס ווייב דערקענט ניִשט. — [3]) דער
יידישער פענעלאָפע'ס תשובה. — [4]) די פראַגמענטען זענען שטאַרק צו-
שעדיגט. — [5]) „מיטט.", XI (1903). — [6]) „דעם קנאַבען וואונדערהאָרן",
רעקלאַם-אויסגאַבע, ז' 44. —

דער ספור-המעשה איז אין אַלע אײנער: ער איז אוועק פון אי ר. זאָמט זיך לאַנג. קומט צוריק פאַרשטעלטערהײט. פרוּווט זי מפתה צו זײן מיט טײערע מתנות. זי איז רײן ווי קרישטאָל. ער לאָזט זיך דערקענען, און פאַר דיזן געטרײַען פרויענצימער שײַנט אָף די זון פון גליק.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די דײַטשישע נוסחאות ווערט איבעראַל גע-רעדט פון געליבטען, וואָס פאַרלאָזט זײַן געליבטע, — און יידי-שען טעקסט, דאַגעגען, פאָרט אָפּ אַ מאַן פון אַ ווײַב. [1]

№ 159.

פערדער וואַריאַנט.

אײַן מאָל איז געווען אַזוי אין אַזוי:
אײַן יונגער מאַן אוועק פון אײַן יונגע פרוי.
ער האָט זיך אָפּגעזוימט יאָרינלאַנג אָף דער וועלט.
אין ער האָט ניש געשיקט קײַן בריוועלע
  אין קײַן גראָשין, קײַן גראָשין געלט.
אַזוי ווי ער איז אַהײמגעקימען,
האָט ער זי שוין ניש געוואָלט קענען:
— נאַ דיר דאָס העמד פון מאַן לאַב:
איך בין דאַן מאַן, אין די ביסט מאַן וואַב."
— איך בין ניש דאַן,
אין די ביסט ניש מאַן,
לאָמע ביידע צו דעם רב גײַן."
— יונגערמאַן, וואָס איז מיט אך געשײן?
וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט איר אָן אײַער וואַב געזײן.
צי האָ' צי קופּער, צי האָ' צי פאַנען: —
צי האָ' צי, חס וחלילה, קינדערלעך פון אַנדערע מאַנען?"
— זי האָט ניש קײַן קופּער, זי האָט ניש קײַן פאַנען,
זי האָט ניש קײַן קינדערלעך פון קײַן אַנדערע מאַנען.
זי האָט ניש קײַן לײַליכער, זי האָט ניש קײַן וואַסי ווען.

---

[1]) דאָסזעלביקע האָבען מיר געזײן אויבען, אין נ' 155.

ליבער רבי, אוי, שראַבּט דעם גט!"
אזוי ווי דער רבי האָט אָנגיהויבּן דעם גט צו שראַבּן,
האָ' צי אָנגיהויבּן חלשות צו בּלאַבּן.
אזוי ווי דער רבי האָט גיגעבּן איר דעם גט אין דער האַנט
האָ' צי אָנגיהויבּן זיך שלאָגן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט,

קוטנא (ווארש. גוב.) שפרה ערדבערג.

№ 160.

פיפטער וואַריאַנט.

אַמאָל איז גיוועַן אַזוי אין אַזוי:
אַ מאַן איז אַוועק פון אַ יינגי פרוי;
ער האָט זיך פאַרזוימט גאַנץ לאַנג אין דער וועלט,
אין ער האָט ניש גישיקט קיין גראָשין געלט.
הער אוים, יינגערמאַן, וואָס מיט דיר (?) איז גישיין.
— לאָמיר בּיידי צים רבּין גיין."
— הייליקער רבּי, איך וועל אַך עפּיס בּעטין:
איר זאָלט מאַן פרוי דעם גט געבּין."
— "צי האָזטי קיפּער, צי האָזטי פאַנען?
צי האָזטי גילעבּט מיט פרעמדי מאַנען?"
— איך האָבּ ניש קיין קיפּער, איך האָבּ ניש קיין פאַנען,
איך האָבּ ניש גילעבּט מיט פרעמדי מאַנען."
— צי האָזטי לייליכער, צי האָזטי גרעט?
צו האָזטי גיציילט דייני פאַגאַנגיני טעג?"
— איך האָבּ ניש קיין לייליכער, איך האָבּ ניש קיין גרעט,
איך האָבּ ניש גיציילט די פאַגאַנגיני טעג."
ווי דער רבּי האָט דעם גט גישריבּין,
אזוי איז מאַן פרוי חלשות גיבּליבּין.
ווי דער רבּי האָט דעם גט גיהאַלטין אין די האַנט,
האָ' ציך מאַן פרוי גישלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט.

ראדזין (שיעדלעצער גוב.) ב. צ. גרינבּוים.

№ 161.

I. אַמאָעֶל אי גיווײַן אַ מעשה אַזוי, אַ מעשה אַזוי,
אַז אַ מאָען איז אַוועק פין אַ ייִנגי פרוי.
עֶיאָ אי פין איאָ אַוועֶגיפאָרין,
עֶיאָ אָ׳ צאָך גיזאָמט אַ ים מיט יאָרין.
אַ ים מיט יאָרין אָף דאַ וועלט —
אי׳ ניש קין בריוו אי ניש קין געלט.
ס׳אָ׳ צאָך גילאָסט הײַרין[1] אָף די מדינה,
אַ די ייִנגי חנה אי גיבליבין אַנ׳עגונה.

II. חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש עֶיאָשט[2], —
אָ׳ צאָך אין איאָ דאָס נפלי גיוואָרפין ווי אַ געֶיאָשט.[3]
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש צוויי, —
אָ׳ צאָך אין איאָ ס׳נפלי גיוואָרפין אַזוי ווי אַנ׳איי.
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש דרַא, —
אָ׳ צי גישריגין, זי אי גאָע פאַבאַ.[4]
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש פיאָ, —
אָ׳ צי גישריגין: „העֶיאָט, אַלי מעֶנטשין, קימץ צי מיאָ!"
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש פינעף, —
איז איאָ ס׳בליט גיוואָרין גימינאָט[5].
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש זעֶקס, —
איז איאָ גיוואָרין פאַמיסט[6] צ׳עֶסין גיבעֶקס[7].
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש אַכט,
אי זי אַרימגיגאַנגע גאָע פאַטראַכט.
חנה׳לי אי גיקימע אין אַ חודש נאַן, —
אָ׳ צי זאָך גיטיען אַ וואָרעף אין בעֶטאַלי אַראַן.

חיה שעפּס.

וואַרשא.

---

[1] הערען. — [2] ejoscht (ערשט). — [3] gejoscht (גערשט). —
[4] דעם גראַם: „דרא — פּאַבאַ" געפינען מיר אויך אין נ׳ 134. —
[5] דעם גראַם „פינעף — גימינאָט" — זיי נ׳ 134 אין דיזען
באַנד. — [6] פּאַרמיאוסט. — [7] פּאַרגלייך מיט דעם גראַם אין נ׳ 134; —

נ׳ 161 אִיז אָדער אַ פּאַראָדיע, אָדער אַ צוּנויפגאָס פון צווייַ פאַרשידענע פראַגמענטען. — די ערשטע סטראָפע אִיז נאָהענט צום אָנהייב פון די נ״נ 156—158. — די צווייטע פּאַסט זיך נישט צו דער ערשטער, דען אין די פָאלקסלִידער פון דער קאַטעגאָריע בלייַבט די העלדין, געוויינטליך, טרייַ דעם מאַן און לאָזט זיך ניט איבּערערעדען פון קיינעם, און דאָ — פּונקט פאַרקערט: די „עגונע״ פירט זיך אָף גאָר ניט ווי פאַר אַ יִדישער טאָכטער פּאַסט.

אינטערעסאַנט אִיז, אַז די העלדין פון נ׳ 271 באַ ג. מ. הייסט אויך חנה׳לע.

№ 162.

דער בוים מיט׳ן מיידיל.

ווען דאַס מיידל פריִ אָפשטייט,
די גענזע אַרויסצייאַגין,
באַגעגינט זי, באַגעגינט זי אַ גרינען בוים,
ווינשט זי אים גוט מאָרגין:
— גוט מאָרגין, גוט מאָרגין, די, גרינעם בוים!
וואַרום [1] ביזטוּ אַזוי גרין?
דאַפאָן [2] וויל איך וויסין.״
— אַלי נאַכט, אַלי נאַכט פאַלט אָף מיר דער פרישער טוי,
דאַרום [3] בין איך אַזוי גרין.
אַך, די, מעדכען, די שענעם,
וואַרום ביזטוּ אַזוי שען?
דאַפאָן וויל איך וויסין״.
— אַלי טאָג, אַלי טאָג עס איך זעמיל מיט ווייַן, —
דאַפאָן בין איך אַזוי שען״.
— אַך די, מערכען, די שענעם,

---

[1] — warum. [2] — daton. [3] — darum.

איך קען דיר די ווארהייט זאגין:
אלי טאג, אלי טאג האסטי א אנדער קאוואליר, —
דאפאן ביזטי אזוי שען".
— אך, די בוים, די גרינער,
טיסט מיר זעלכע שאנדע זאגין!
האב איך צי הויזע א קליינעם ברידער,
מיז ער דיך ארינטערשלאגין."
— אלי ווינטער, אלי ווינטער
האלט מען מיך ארינטער, —
אם זימער בלי איך ווידער;
אבער ווען די, מיידל, דאן ערע פערלירסט,
דאן בעקימסט שוין נישט ווידער."

סאכאטשעוו.   דינה אייכענבוים.

№ 163

צווייטער װאריאנט.

— ניסינבוים, גריסט דיך גאט!
ווארום[1]) ביזטי זא גרינע?" [2])
— ווארום איך זא גרינע בין,
קען איך אינען אויך זאגין:
איך זיץ טיף אין דר'ערד,
אין די ניסין טין מיך בעשלאגין.
ווארום די פריילין זא שענע בינט?"
— ווארום איך בין זא שענע,
קען איך דיר אויך זאגין:
איך וואש זיך מיט מארי-זייף,
טרינקע קאפע

---

[1]). warum — [2]) זיי נ' 162.

אין שפּיל מיר יונגע [1]) גראַפּע."
— אַך, ווען די פריילײַן מיט יונגע גראַפּען שפּילט,
גרייטין זי זיך אָן איינע קינדעסבעטל, —
וועלין זי איינע קליינעם האַבען".
— אַך, די, ניסינבוים,
רייד מיר נישט דערווידער!
איך האָב צו הויזע צוויי יונגע ברידער, [2]) —
שלאַגין זיי דיך טויט אַנידער."
אַך, ווען די פריילײַן מיך אָפּ'ן ווינטער נידערשלאַגין,
אָפּ'ן זומער בלי איך ווידער! [2])
אָבער ווען די פריילײַן די ערע פערלירט, [2])
דאַן בעקומען זי זי שוין נישט ווידער." [2])

וואַרשאַ. מלכה קאַרנזייער.

№ 164.

דריטער וואַריאַנט.

גיי 'אַך, גיי 'אַך אין גאָאָטין, —
באַגייגינט מאָך אַ גרינאָ בוים, [2])
באַגייגינט מאָך אַ גרינאָ בוים,
זאָגט'אָ [3]) מאָ: „גיט מאָרגין!"
— גיט מאָרגין, גיט מאָרגין, גרינאָ בוים! [2])
פאַ'וואָעם ביסטו אַזוי גרין?" [2])
— יאַך שטיי מאָ אין וואַלד,
עם אי מאָ קאַלט, —
פאַ דעם בין יאַך אַזוי גרין!
העיאָ נאָ', די, שיין מיידו,
העיאָ נאָ', די, שיין מיידו,

[1]) junge. — [2]) זיי ב' 162. — [3]) אין ב' 162 זאָגט דאָס מיידיל דעם בוים דעם „גוט מאָרגען" —

פאַ וואָעם ביסטי אַזוי שיין ?"[1]
— יאַך עם אַלימאָעל אַ זעמאַלי מיט וויין ,[1]
פאַ דעם בין יאַך אַזוי שיין !"[1]
— פין אַ זעמאַלי מיט וויין,
פין אַ זעמאַלי מיט וויין
קען מין זאַן אַזוי שיין ?"
— יאַך שלאָף מאָ אַלי נאַכט
מיט אַ צווייטין קאַוואַליאָ ,[2] —
פאַ' דעם בין יאַך אַזוי שיין !
די האָסט מאָך איננאַנצין צי שאַנדי גימאַכט,
יאַך על דאָ אַלים באַצאָלין :
יאַך אָב אין ד'היים צוואַ ברידאָ[3] —
זיי עלין דאָך הוילין ."
— ווינטאָ טיט מין מאָך הוילין .
זימאָ בלי 'אַך ווידאָ , —[1]
אָבאָ וועלכים מיידאַלי עם פאַליאָט דעם האָנער —
גיפינט עם שוין ניש מער" .

וואַרשא. ה. ר. ווייסבראָד , 17 יאָר.

№ 165.

פערדער וואַריאַנט.[4]

הייבט זאָך דאָס מיידאַלי
פרי אָף , פרי אָף,
די געגנדז אַראָפּציאָגין ,[5]
די געגנדז אַראָפּציאָגין , —
טרעפט זי אַ גרינעם בוים,

זאָגט זי אים : "גיט מאָרגין ,
גיט מאָרגין , גיט מאָרגין !
גרינאָ בוים , גרינאָ בוים ,
פין וואַניט ביסטי אַזוי גרין ?
פין וואַניט ביסטי אַזוי גרין ?"

---

[1]) זיי נ' 162. — [2]) אין נ' 162 זאָגט דאָס דער בוים. — [3]) זיי נ' 163. —
[4]) די דריי פראַגמענטען (נ"נ 165-167) זענען זער ענליך איינער צום אַנדערן. —
[5]) זיי נ' 162 . —

— „פון וואַנעט יאַך בין אַזוי גרין,
על עך דאָ שפּײַטאָ זאָגין.[1]
ווינטאָ פאַל עך אינטאָ,
אין זימאָ וואַקס עך ווידאָ".[1]
— אַלע טײַג אין אַלע נעכט
אַ שטיקו ברויט מיט כּרײַן, —
דערפין בין עך אַזוי שײַן".[2]

(וואַרש. גוב.)

ל. ע. קאַלמאַנאָוויטש.

№ 166.

פּיפּטער וואַריאַנט.

גיי 'אַך מאָ אין גאַס,
גיי 'אַך מאָ אין גאַס
הין אין צוריק שפּאַצירין,
טרעף יאַך מאָ אַ גרינעם בוים,
זאָג אָך עם: „גוּט מאָרגין!"
זאָג אָך עם: „גוּט מאָרגין."[3]
„גרינאָ בוים, גרינאָ בוים,
פון וואַנען ביז' די אַזוי גרין?"
... „על אָך דאָ שפּײַטאָ זאָגין...
ווינטאָ פאָל[4] אָך אינטאָ,
אין זימאָ וואַקס אָך ווידאָ"...
... „אַלע טאָג אין אַלע נאַכט
אַ שטיקו ברויט מיט כרײַן, —
דערפין בין אָך אַזוי שײַן"...[3]

מאָבּאָטשעװ.

ש. זאַלצמאַן.

№ 167.

זעקסטער וואַריאַנט.

גיי'צי זאָך אין גאַס
אהיען אין צוריק שפּאַצירין,
טרעפ'צי אײַן גרינעם בוים,
זאָג' צי עם: „גוּט מאָרגין,
גוּט מאָרגין, גוּט מאָרגין, גרינאָ בוים!
פון וואַנעט ביסטו אַזוי גרין?"
— „פון וואַנעט יאַך בין אַזוי גרין,
על אָך דאָ שפּײַטאָ זאָגין.
ווינטאָ פאַל אָך אינטאָ,
אין זימאָ וואַקס אָך אינטאָ"...

[1]) די 2 פערזען — בים. — [2]) די 3 שלום־שורות — 2 מאָל. — [3]) די לעצטע דרײַ שורות — בים. — [4])פויל. —

— אלי טײג אין אלי נעכט | כרײן, —
עם אך אַ שטיקו ברויט מיט | פין דעם בין אך אַזוי שײן"..

וואַרש. ג. פ. גראַובאַרד.

פאַראַן ענליכע דייטשישע פאָלקסלידער.[1]

זער נאָהענט צום יידישען נוסח איז דער פאָלגענדיקער וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט אין צאַרנאַק׳ס „פאָלקסליעדער" (בערלין, 1820. — II ב.) און איבערגעדרוקט אין פראַנץ מ. בעהמע׳ס „אַלטדויטשעס ליעדערבוך" („פאָלקסליעדער דער דויטשען נאַך וואָרט אונד ווייזע אַוס דעם 12 ביז צום 17 יאַהרהונדערט, לייפציג, 1877, 150—151)[2]: —

דאַס מעדכען ונד דיע האַזעל.

I. עם וואָללט ײן מעגדלײן טאַנצען גאַן
זוכט[3] ראָזען אויף דער הײדע;
וואַס פאַנד זיע דאַן אַם וועגע שטאַן?
ײן האַזעל, דיע וואַר גרינע.

II. — נון גריסם דיך גאָטט,[4] פראַו האַזעלין!
פאָן וואַס ביסט דו זאָ גרינע?[5]"
— נון גריסם דיך גאָטט, פײנס מעגדעלײן,
פאָן וואַס ביסט דו זאָ שענע?"[5]

III. — פאָן וואַס דאַסס יך זאָ שענע בין,
דאַס קאַנן יך דיר וואָל זאַגען:[4]
יך יסס ווײססבראָט, טרינק קיהלען ווײן,
דאַפאָן בין יך זאָ שענע."[5]

---

[1]) אַ גענוי צעטעל פון די וואַריאַנטען קען מען זײן אין „האָפפמאַנס שלעזישע פאָלקסליעדער" און אין ערק׳ס ליעדערהאָרט". — [2]) די מעלאָדיע פון דעם ליד, וואָס איז געבראַכט ביי Boehme, שטאַמט נאָך פון דער ערשטער העלפט פון 16-טען יאָהרהונדערט. — [3]) ־ — איבעראַל אין דעם ליד: u. — [4]) זיי ב׳ 163. — [5]) פאַרגלייך מיט ב׳ 162

IV. — יִססט דו ווײַססבראָט, טרִינקסט קִיהלעֶן ווײַן
ונד בִּיסט דאַפאָן זאָ שעֶנעֶ,
אַוּף מִיך זאָ פעֶלט דע קִיהלעֶ טהאַו, [1])
דאַפאָן בִּין יִך זאָ גרִינעֶ״. [1])

V. — הִיט דִיך, הִיט דִיך, פראַו האַזעֶלִין,
ונד טהו דִיך וואָל ומשאַועֶן!
יִך האַב דאַהײַם צוועֶענברִידעֶר [2]) שטאָלץ,
דִיע וואָללעֶן דִיך אַבהאַועֶן.״ [3])

VI. — ונד האַון זִיע מִיך יִם ווִינטעֶר [1]) אַב,
יִן זאָממעֶר [1]) גרִין יִך ווִיעדעֶר;
פעֶרלִיערט יַין מעֶגדלײַן יִהרעֶן קראַנץ,
דעֶן פִינדט [3]) זִיע נִיממעֶר וויעדער.״ [1])

אַנ׳אַנדער דייטשישער וואַריאַנט („דאַס מעדכען ונד דיע האַזעלסטאַודע״) [4]) באַשטייט פון 7 סטראָפען. — די ערשטע 4 זענען כמעט וואָרט אין וואָרט ענל׳יך צו די ערשטע 4 פון דעם אויבענגעבראַכטען נוסח. — אין דער פיפטער סטראָפע זאָגט דאָס מיידיל:

— זאָ פעֶללט אַללעֶ מאָרגעֶן קִיהלער טהאַו אַוּף דִיך
ונד בִּיסט דאַפאָן זאָ שעֶנעֶ:
ווענן אַבעֶר יַין מעֶדכעֶן יִהרעֶן קראַנץ פעֶרלִיערט,
נִיממעֶר קרִיעגט זִיע יִהן ווִידעֶר״.

דערויף רופט זיך אָן דער בוים:

— ווענן אַבעֶר יַין מעֶדכעֶן יִהרעֶן קראַנץ ווִילל בעֶהאַלטעֶן
צו האַוזעֶ מוסס זִיע בלײַבעֶן,

---

[1]) זִיִי נ׳ 162. — [2]) פאַרגלײַך מִיט נ׳ 163. — [3]) פאַרגלײַך מִיט נ׳ 164. — [4]) געֶדרוקט: א) אִין „העֶרדעֶרס פאָלקסלִיעדעֶר״ (I ב. — 1778. — ז. 109); — ב) אִין אַרנִים און ברעֶנטאַנאָ׳ס „דעֶם קנאַבעֶן וואונדעֶר-האָרן״; — ג) אִין בעֶהמעֶ׳ס אויבעֶנדעֶרמאַנט ווערק (ז׳ 151). א עֶנלִיכעֶר וואַריאַנט באַ מײַנעֶרט („רויטשעֶ פאָלקסליעדעֶר יִן דעֶר מונדארט דעֶם קוה-לעֶנדכעֶנס״, 1817, ז. 29). —

דארף ניכט אויף אללע נאררענטענץ געהן;
דיע נאררענטענץ מוסס זיע מיידען".
דאס מיידיל נעמט די ווערטער אין זינען:
— האב דאנק, האב דאנק, ליעבע האזעל מיין,
דאסס דו מיר דאס געזאגעט,
העטט מיך זאנסט אויף'ן נאררענטאנץ בערייט'ט, —
צו האוזע וויל יך בלייבען". —

№ 168.[1]

I אמאל איז געוועזן א יונגער קניאז,
ער ליבט א מעדלען פון אכצין יאר.
ער ליבט זי יא, ער ליבט זי ניין, —
ער ליבט א צווייטע, און זי נאך מיין.[2].

II דער קניאז האט פארייזט אין א וויטעס לאנד, —
ער באקומט א בריוו, אז זיין באליבטע איז קראנק, —
ער לאזט שטיין זיין געלט, זיין גוט,
און פארט זיין, וואס זיין באליבטע טוט.

III — גוט מאיען, גוט מאיען, געליבטע דו מיין,
ווי קומסטו אין דיזין קראנקין בעט אריין?"
— איך דאנק דיר, איך דאנק דיר פיר דיין וויזיט,
ס'איז שוין נישט וויט פון בעט צום גריב".[3]

IV שנעלער, שנעלער ליכט געבראכט —
די ליבע[4] שטארבט אין דיזע נאכט,
שנעלער שנעלער ליכט געצינדין —
די ליבע ברענט אין גרויסע ווינדין.

---

[1]) מיט דער ליטערארישער ארטאגראפיע. — [2]) א באליבטער צוויפער אין די יידישע פאלקסלידער. — [3]) אין דער ערשטער, דריטער און פינפט"ר סטראפע ווערט ביסירט דער שלום-צוויפער. — [4]) די געליבטע.

V עֶר נעמט איר אָן בּאַ דעם אַרעם, --
זי איז שוין קאַלט און גאָר נישט וואַרעם;
די ראָזע באַקין, די ליפּין זענען בּלאַס,
די הענט זענען קאַלט, אַזוי ווי אייז.

VI ער נעמט-אַרויס דאָס מעסער פון'ם שייט,
און גיט זיך אין האַרצין, און בּלייבּט טויט.
די מוטער גייט-אַרום פאַריאָמערט און פאַרקלאָגט:
— צוויי געליבּטע אין איין טאָג!
היינט אַ יאָר האָבּ איך גיהאַט נחת און פרייד, —
און היינט גיי איך אין אַ טרויערקלייד.“[1])

VII אָף זייער קבר טוען שפּראָצין בּלומען,
אָף דיזע בּלומען שטייט אָנגישריבּין,
אָף דיזע בּלומען שטייט אָנגישריבּין,
אַז צוויי בּאַליבּטע ליגין דאָ בּאַגראָבּין.[2])

ווארשא. מרים כּמעלניצקי.

№ 169

צווייטער וואַריאַנט.

I. ס'איז פאַראַנע אַ מאַנצפּערזאָן,
ער ליבּט אַ מעטיען פון אַכּציִן יאָר, —

[1]) דער פּערז — בּיס. — [2]) בּאַ אַרנים-בּרענטאַנאָ (רעקלאַם-אויסגאַבּע, ז' 37-39), אין ליד „דער ריטטער ונד דיע מאַגד“, טרעפט אָן דער צוריקגעקומענער ריטער אָף די לויה פון זיין געליבּטער, —
ער צאָג דאַס בּלאַנקע שווערט הערויס
ונד שטאַך עס זיך ינס הערצע. —
די לעצטע סטראָפע פון דערדאָזיקער דייטשישער באַלאַדע:
עס שטונדע אַן קיין פיערטעליאַהר,

ער ליבט זי־יאַ, ער ליבט זי נישט,
ער ליבט אַ צווייטי, און זי שוין נישט.

II. אַוועגגעריײַזט אין אַ פרעמדין לאַנד,
באַקימע אַ בריוו, אַ זײַן געליבטי אי קראַנק, —
געלאָזין שטײַן אַלדים־גוטס,
געפאָרין זייען, וואַס זײַן באַליבסטי טוט.

III. — גוט מאָרגין, מעטיען, וואַס טוסטע דאָ?
וואַס טוסטע דאָ אין דעם קראַנקין בעט?"
— אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר דײַן וויזיט!
ס'אי שוין נישט ווײַט פון בעט צים גריב!"

IV. די ראָזי באַקין געל, און די ליפין — בלאַס:
די ליבי שטאַרבט שוין אין דיזי נאַכט.
— נײַן, נײַן, נײַן! ס'עט אַזוי נישט זײַן!
מיר מיזין בײַדי צוזאַמע זײַן!"

V. אַראָסגעגעמע דאָס מעסאָ פון די שײַד
און שטעקט אין הערצין — באַקימט דעם טויט.
געשווינט, געשווינט די לאַכט געצין;[1]
די ליבי[2] גײַט שוין אַראָס פון זין.
— האַנט אַ יאָר האָב איך געאַט נחת און פרײַד."
האַנט גײַ' צי אָנגעטיען אַ זשאַלאָבני[3] קלײַד.

VI. אָף דעם קײַווע[4] עט וואַקסין גראַזע,
אָף די גראַזע עט וואַקסין בלימע,
אָף די בלימע עט שטײַן אָנגעשריבין:
„צוויי באַליבסטי טיען דאָ צוזאַמע ליגין".

וואַרשאָ. מלכה קאָרנזייער.

מײַנע ליליע וועקסט צו זײַנעם גראַבע.
עס שטונד געשריבען אויף דען בלעטטערן דא,
בײַד ווערען בײַזאַמען ים הימעל. —

[1] געצינדען. — [2] געליבטע. — [3] טרויערדיק (פויליש żałobne). — [4] קבר. —

№ 170.[1]

דריטער וואַריאַנט.

I.

ס'איז געוועזען אַ בחור
פון אַכציגן יאָר,
ער ליבט איין מיידאַלי
פון זעכציגן יאָר; —
ער ליבט זי יאָ,
ער ליבט זי ניין, —
ער ליבט קיין צווייטע,
נאָר זי נישט מיין.

II.

דאָס מיידיל איז אַוועק
אין איין פרעמד לאַנד; —
עס איז געקומען איין בריוו
פון מיידילס האַנט, —
דער בחור פאַרלאָזט
אַלעם גליק,
איז געפאָרען זעהען,
וואָס דאָס מיידאַלי טוט.

III.

— גוט מאָרגען, מעדכען,
וואָס טוט איר אַזוי?
וואָס ליגט איר אַזוי
אַף דעם קראַנקען בעט?"
— איין דאַנק, איין דאַנק
פאַר אייער וויזיט;
ס'איז שוין נישט וויַט
פון בעט ביז צום
גריב".

IV.

די ליפּין זענען בלאָ,
די באַקין וויַיס;
זי איז שוין קאַלט,
אַזוי ווי איין שטיק אייז.
ער נעמט דאָס מעסער
פון די שייד
און שטעקט אַריין
אין זיינעם לייב.

V.

אַף די מצבה
שטייט געשריבין,
אַז צוויי באַליבטע
צוזאַמען ליגין.

ראַדאָם. יוסף ראָזענפעלד.

---

[1]) מיט דער ליטעראַרישער אָרטאָגראַפיע. —

№ 171. [1]

I. צוועלף־באַנאַכט, ווען אַלע מענשין שלאָפין,
די לעדענס צוגימאַכט, — אין איין קוואַטיר — אָפין.
איין פייער ברענט אין שטוב, איין קראַנקע ליגט אין בעט!
צוויי אַלטע מענשין זיצין, ברעכין זיך די הענט:

II. — וויי איז צו אונזער לעבין, און צו אונזערע יאָר,
וואָס מיט אונזער קינד איז גיוואָרין אין איינציקע פיניף יאָר.
מיט פיניף יאָר צוריק — ווען זי האָט גיבליט, —
יעצט איז פאַרשטערט גיוואָרין אונזער טייער גליק".

III. אין די רייד עפענט זיך די טיר,
און עס קומט אַריין איין יונגערמאַן אין איין סאָלדאַטסקע מונדיר.
ער האָט צו זיי קיין וואָרט נישט גירעדט,
נאָר ער איז גלייך צו צום קראַנקין בעט.

IV. — וואָס טוסט דו אַזוי לאַנג שלאָפין, מיין טייער לעבין?
מאַך דיינע אויגין אָפין, און זיי, ווער ס'שטייט אַנטקעגין!
מיט פיניף יאָר צוריק וועמענע דו האָסט גיליבט, —
יעצט האָב רחמנות און גיב אַף מיר אַ קוק!"

V. ער האָט גינומען די האַנט און האָט גילעגט אַריבער.
דאַן האָט זי זיך אָפגיכאַפּט פון דעם שטאַרקין פיבער:
— ווי גרויס איז בא מיר די יעצטיגע פרייד!
יעצט וועל איך קענען נעמען פון דער וועלט אָפשייד!"—

ראַדאָם. יוסף ראַזענפעלד.

№ 172. [1]

צווייטער וואַריאַנט.

I. צוועלף־באַנאַכט, ווען אַלע מענשין שלאָפין,
טיר און טויער צוגימאַכט, נאָר איין טויער איז אָפין.

---

[1]) מיט דער ליטעראַרישער אָרטאָגראַפיע. —

אַ העליש פייער ברענט, די קראַנקע ליגט אין בעט, —
דרייען זיך אום צוויי אַלטע לייט און ברעכין זיך די הענט.

II. אין מיטין די אַלע רייד עפענט זיך אַ טיר,
קומט אַריין אַ יונגער מענש מיט אַנ׳אָפיצערסקען מונדיר.
ער האָט צו זיי גאָר נישט גירעדט,
גיט אַ גישריי: „אוי וויי!" — און לויפט צו צום בעט.

III. — אַך, מיין טייער קינד, האָב אָף מיר רחמנות,
הייב אָף דיינע אייגאַלאַך, גיב אָף מיר אַ בליק,
ווער האָט דיך גיליבט מיט פינף יאָר צוריק, —
הייב שוין אָף דיינע אייגאַלאַך, גיב אָף מיר אַ בליק.

IV. „ווען איך זאָל וויסין, וואו מ׳קריגט גיזונט פאַר געלט,
וואָלט איך גילאָפין באַלד אין גידיכטען וואַלד.
ווען איך זאָל וויסין, וואו מ׳קריגט גיזונט פאַר געלט,
סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט באַלד אין גידיכטין וואַלד.

V. „אָך, מיין טייערע כלה, כ׳בעט באַ דיר מחילה:
דו זאָלסט מיר מוחל זיין די זינד, וואָס איך האָב
געגין דיר גיטון.
טוט מען דיר אין קבר לייגין, טוט מיר מיין האַרץ קלעמען:
כ׳קוק אָן דיין שיין פנים, כ׳קען דאָך דיר נישט נעמען.

VI. „אָך און וויי איז צו מיר און צו מיינע יונגע יאָר.
כ׳האָב נישט אויסגיבעטין באַ גאָט, מיר זאָלין זיין אַ פּאָר.
אַך, קאָלעגעס אַלע, נעמט אייך שוין אַ רגזיה:
קיין ליבע נישט צו פירין, פאַרברענען זי אין פייער.

VII. „פאַרברענען זאָלט איר זי אָף דראָבנע, דראָבנע קוילין!
פינף יאָר אַ ליבע צו פירין און איינמאָל נישט צו פועלן".

. . . .

. . . .

וואַרשאַ. מ. זאַקאַ׳יק.

[1]) מיט דעם ליטער. אויסלייגעכץ.

173.

דריטער וואַריאַנט.

I.

צוועלף-אַ-זייגאָ [1]) באַנאַכט,
ווען אַלע מענשין שלאָפין,
טיאָ [2]) אין לאָדין צוגימאַכט,
נאָע [3]) איין טיאָ איז אָפין.

II.

אָך, אַ פּייאָ ברענט,
איין קראַנקאָ ליגט אין בעט, —
דאָאָט זיצין צוואַ אַלטע לאַט
אין ברעכין מי' די הענט.

III.

זיי זיצין אין וויינע, —
עפינט זאָך די טיאָ.
גייט אַראַן אַ יינגאָטאַן
אין אַ רוסקי [4]) מונדיאָ. [5])

IV.

עיאָ אָט מי' ציי [6])
קין וואָרט ניש גירעט,
עיאָ אָט גיגייבין אַ גישריי
אין אַ לויף צו צי'ן בעט;

V.

— וואָס טיסטו אַזוי לאַנג ליגין,
מאַן קרוין, מאַן האַרץ, מאַן לייבין?
מאַך דאַני אייגאָלאָך אָף,
אין זי, ווער ס'שטייט אַנטקעגין, —

VI.

„מיט פינעף יאָע צוריק,
ווען יאַך אָ דאָך גיליבט...
עפין דאַני אייגאָלאָך
אין גיב אָף מיאָ אַ קיק" ... [7])

ווארשא. רבקה צעכשטיין.

№ 174.

פערדער וואַריאַנט.

I.

צוועליווע באַנאַכט,
ווען אַלע מענטשין שלאָפין, —
טיע [8]) אין טויע [9]) איז צוגימאַכט,

---

[1]) זייגער. — [2]) טיר. — [3]) נאָר. — [4]) ruski. — [5]) mundio — [6]) מיט זיי. — [7]) ניט געענדיגט. — [8]) tìe (טיר). — [9]) toje (טויער). —

גאָע באַ מיִע [1]) איז אָפּין,
אוי, אַ פּײַע [2]) ברענט;
אַ קראַנקי ליקט אין בעט;
צוויי אַלטי לאַט [3])
ברעכין זעך די הענט.

II.

פין די אַלי רייד
עפּינ׳ צעך [4]) אַ טיִע:
קימט אַראַן אַ ייִנגע מאַן
אין אַ סאָלדאַטסקי מונדיִע.
עיִע [5]) האָ׳ צי זײַ
קין וואָרט ניש גירעט, —
ד אַ ד אָ ם.

עיִע גיט אַ גישרײַ: „אוי ווײַ!״ —
אין פאַל׳ צי ציִ׳ן בעט:

III.

— העיִע [6]) נאָע, מאַן טײַע לײַבין,
וואָם טיִס׳ די אַזוי לאַנג שלאָפּין?
עפּין אָף דאַני אײַגאַלעך, —
געב אַ קיק אָף מיִע.
זײַ, וועיִע [7]) ס׳האָ׳ [8]) דעך
גילײַבט,
מיט פיִע [9]) יאָע צריק:
האָב אָף מיִע רחמנות,
אין געב אָף מיִע אַ קיק.״ [10])

ה. מ. קירשענבוים.

№ 175.

I. די לבנה שאַנט באַ דע נאַכט,
אין דבורה׳לי שטײַט פאַ דע טיִאָ [11]);
זי שטײַט, זי שטײַט, די הענט פאַלייקט [12]) —
אַ ווייַטיק אי ציִנ׳ איִאָ׳ [13]).

II. זי קיק׳ צאָך אַרים אין אַלי פיִאָ [14]) עקין,
עק׳ צאָך מיט איִאָ די וועלט:
איִאָ חתן, לײַבי־לײַבין
ליק׳ [15]) דאָך אָפּין פראַין [16]) פעלד!

[1]) miё (מיר). — [2]) פײַער. — [3]) לײַט. — [4]) עפֿענט זיך. — [5]) ער. — [6]) הער. — [7]) ווער. — [8]) האָט. — [9]) פיר. — [10]) אײַין וואריאַנט באַ ג.-ם., ב׳ 227; אײַין וואריאַנט באַ י. ל. כהן: „ייִדישע פאָלקסלידער״, I, 234 (מיט דער מעלאָדיע). — [11]) טיר. — [12]) פאַרלעגט. — [13]) איר. — [14]) פיר. — [15]) ליגט. — [16]) פרײַען. —

III. עֶיאָ ליקט, עֶיאָ ליקט, עֶיאָ אי שוין טויט —
עֶיאָ זאָל זאָך פאַר איאָ מיעֶן! —
ס'שיינע פנים ליקט אין דר'עֶיאָט, [1]
אין די באַנדי [2] לאָקין בליין [3]

IV. זי טרי צאָך אֶען אַ יאַקאַלי, [4]
איז עֶם העֶל-בלאָ;
מיט איאָ ווייַנעֶ, מיט איאָ קלאָגין
פאַברעֶנק' [5] צי זאָך די שעה.

V. זי טרי צאָך אֶען אַ פאַרטעֶבו, [6]
איז עֶם וואַס, ווי קראַט; [7]
מיט איאָ ווייַנעֶ [8], מיט איאָ קלאָגין
פאַברעֶנק' צי זאָך די צאַט. [9]

VI. זי טרי צאָך אֶען אַ פאָעֶ [10] שיכאָלאָך,
זעֶנעֶ זייַ צי רויט;
מיט איאָ ווייַנעֶ, מיט איאָ קלאָגין
ברעֶנק' צי זאָך מיט דעֶם טויט.

VII. פין איאָרי [11] אויגין טיעֶן איאָ רינעֶ [12]
אַזוי ווי וואַסאָ פין קוואַל:
גאָט אָט איאָ אַ פאַטש גיגיין [13],
אין דעֶיאָ פאַטש אי שוין פאַפאַל [14]!

וואַרשאָ. חיה שעפּס.

№ 176.

I. עֶם יאָגט אַ ווינט, אין ס'גיסט אַ רייגין.

---

[1] דר'עֶרד. — [2] די געֶדעֶכטעֶ לאָקעֶן. — [3] בליעֶן. — [4] קליידעֶלעֶ. — [5] פאַרברעֶנגט. — [6] פאַרטוכל. — [7] קרייד. — [8] וויינען. — [9] צייט. — [10] פאָר. — [11] אירעֶ. — [12] רינעֶן. — [13] געֶגעֶבעֶן. — [14] פאַרפאַלעֶן. —

א שאָדראָ[1] איז אין אִיאָרִי[2] אַלִי בײַנאָ[3]:
ר'אִיז יעָצט ניש לאַנג אָף אִיאָ[4] קײַװאָ[5] גִילײגִין, —
פִין אִיאָ'ם קִין[6] פרײַנט קִין אײַנאָ[7].

II. עֶיאָ[8] רִיפּ'צי[9] אָען באַ דעֶם נאָמעֶ,[10]
עֶיאָ בײַט, זִי זאָל'ן[11] עֶנפאָ[12] גײַבִין.
אַזוי טִי' צִי'[13] עֶם באַלט דאַקאָנעֶ,[14]
אִין זִי טִי'צי עֶם פִין קײַװאָ אַראָסשװײַבִין:

III. — העֶיאָ[15] אָם מאַנִי רײַד, פאַנעֶם[16] מאַן שטִימעֶ,[17]
העֶיאָ אָם, װאָס יאַך עֶל דאָ זאָגִין:
האַנט אַפִילִיק, אַז יאַך בִין שוין טויט
קעֶנ'ד מאָך פִין דעֶיאָ לִיבִי ניש אָפּיאָגִין.

IV. „דעֶיאָ טויט אָט מאָך גִיקוילִיט פאַ־דעֶ־צאַט[18]
כ'אָ גִימײַנט, כ'עֶל דִי לִיבִי קעֶנעֶ[19] לעֶשִין.
האַנט אַפִילִיק, אַז יאַך בִין שוין טויט,
קעֶנ'ד נִיש דִי לִיבִי פאַגעֶסִין.

V. „עֶם אִי שוין ניש לאַנג צי דעֶיאָ האָלצאַט גיװײַן,
אָף אײַבִיק פאַבִינדִין צִי װײַרִין.
עֶם אִי שוין נִיש לאַנג צִי דעֶיאָ חופּה גִיװײַן,
דִי שײַנִי מִיזִיק צִי הײַרִין".

VI. — פלִיצלִינק אִיז אִיאָ נִיש גִיט גִיװאָרִין.[20]
יאַך זײַ זִי פאַ'חלש'טאָהײַט.
עֶיאָ אָט פאַקאָרעֶצט[21] אִיאָרִי יִנגִי יאָרִין —
דעֶיאָ מעֶרדאָ, דעֶיאָ שרעֶקלִיכאָ טויט.

VII. „אַ שאָדראָ אִיז אִיאָ אִין אִיאָרִי אַלִי בײַנאָ.

---

[1] schodo (שוידעֶר). — [2] אִירעֶ. — [3] bajno (בײַנעֶר). — [4] אִיר. —
[5] קבר. — [6] קײַן. — [7] ajno (אײַנעֶר). — [8] ejo (עֶר). — [9] רופט זִי. —
[10] נאָמעֶן. — [11] זאָל אִים. — [12] עֶנטפעֶר. — [13] טוט זִי. — [14] דעֶרקעֶנעֶן. —
[15] העֶר. — [16] פארנעֶם. — [17] דאָס זאָגט דִי טויטעֶ. — [18] פאַר דעֶר צײַט. —
[19] קעֶנעֶן. — [20] דאָס זאָגט דער חתן. — [21] פארקורצט. —

ז'אָט גיטיען דעם טויט גינִיסין.
אַ שוואַרצי חופּה גישטעלט אָפ'ן קײַוואָ,
אין די תּנאים אָף שטיקלאָך צירִיסין.

VIII. „ברײַטלאָך מיט שאַרבאָלאָך אָט מין גיבראַכט, —
אין יאַך שטײַ דאָעם אַלעם אין זײַ.
קײַל-מאָלע-ראַכמען [1]) אָט מין גימאַכט.
דאָעם אי גיווײַן דעיאָ לעצטאָ אַדיע.

XI. „אַדיע, אַדיע, מאַן טאַיאָ [2]) קינד!
אַדיע, מאַן טאַיאָ גליק!
יאַך בין אימאָ גרײַט מי' צײַ [3]) צי פּאַבלאַבין
פין אינטאָ דרעיאָט [4]) ביז'ן הימו [5]) ציריק.

X. „די לעצטי מיניט אי שוין גיקימע,
וואָעם מיאָ מיזין זאָך [6]) בײַדי צישײַדין.
טראָריקי [7]) טײַג אָב יאַך פּאָגינימע [8])
צי פּאַברײַנגין מאַני יאָרין אין לײַדין."

וואַרשאָ. ר. ג. שעפּס.

№ 177. [9])

צווייטער וואַריאַנט.

ער רופט איר אָן באַ איר נאָמען,
ער בעט איר אײַן ענטפער צו געבין.
אַזויווי זי האָט גיטאָען זײַן קול דערקענען,
האָט זי גיטאָן פון קבר אַוועקשוועבין:

---

[1]) אל מלא רחמים. — [2]) tajo (טײַער). — [3]) מיט זײַ (ד. ה. מיט דער פּאַרשטאָרבענער). — [4]) דר'ערד. — [5]) הימעל. — [6]) zoch (זיך). — [7]) טרויריקע. — [8]) fugynyme (פאָרגענומען). — [9]) געדרוקט מיט'ן ליטעראַרישען אויסלייגעכץ. —

— הער אויס מיין שטימע, פאַרנעם מיינע רייד,[1]
„הער אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
„היינט אַפילו, אַז איך בין שוין טויט,
„קען איך אין דער ליבע ניט פלאָגין (?).[2]
„דער טויט האָט גיקוילית פאַר דער צייט
„און האָט גיטאָן אונזער ליבשאַפט לעשין, —
"היינט אַפילו, אַז איך בין שוין טויט,
„קען איך אין דער ליבע נישט פאַרגעסין"
— עס איז נישט לאַנג צו דער חופה גיוועןן,[3]
„פון אייביק פאַרבינדין צו ווערין,
„עס איז שוין גיוועןן אַלעס אָנגיגרייט,
„נאָר די טייערע מוזיק אויסצוהערין, —
„פלוצלינג איז איר נישט גוט גיוואָרין,
„איז זי פאַר'חלש'טערהייט.
„פאַרקורצט האָט איר אירע יינגע יאָרין,
„דער מערדער, דער שרעקליכער טויט.
„איין שוידער און איין ווינט איז אַף אירע אַלע ביינער.
„זי האָט גיטאָן דעם טויט גינייסין.
„אַ שוואַרצע חופה האָט מען גישטעלט,
„אַף איר קבר די תנאים אַף שטיקלאַך צוריסין.
„ברעטלאַך מיט שערבלאַך האָט מען גיבראַכט.
„איך זיי דאָס אַלעס און איך שטיי.
„איין קויל-ורחמים[4] האָט מען גימאַכט
„עס איז איר איין לעצטע אין אַטיע.[5]

אָסטראָלענקע (לאָמז. ג.) **ראובן באָרנשטיין.**

---

[1] דאָס זאָגט די טויטע. — [2] קעגטיק, פאַרגרייזט פון „אָפּיאָגין" (זיי אויבין ג' 176). — [3] דאָס זאָגט דער חתן אַפ'ן קבר. — [4] פאַרגרייזט פון „אל מלא רחמים". — [5] פאַרגרייזט: „איין לעצטער אַדיע".

№ 178.

דריטער וואריאַנט.[1]

עָם בלאָזט אַ ווינט, עָם גיסט אַ רעגין,
עָם שווידערט אין יעדערן אבר.
— ווער איז באַ מיין קבר גילעגין?
עָם איז דאָך מיין חתן, נישט קיינער!"
ער רופט זי אָן באַ איר נאָמען,
זי זאָל אים אַנ'ענטפער געבין.
זי האָט אים גיטון גלייך דערקענען,
זי האָט גיטון פון קבר ארויסשוועבין.
—הער שוין אוים מיין שטימע,
פאַרגעס שוין מיינע רייד,
וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַפילו אַז איך בין שוין טויט,
וועל איך אין אונזער ליבע נישט
פאַרגעסין.
אַ שוואַרצע חופה האָט מען מיר
גישטעלט
ד תנאים אָף שטיקער צוריסין.
אפילו אַז איך בין שוין טויט,
וועל איך אָן אונזער ליבע נישט
פאַרגעסין."

וואַרשאָ. וואָלף לעהמאַן.

№ 179.[1]

I. אַמאָל איז גיוועזין צווי שוועסטערלאַך,
איינע שענער פאַר די אַנדערע.[2]
די ערשטע האָט מיט מזל תנאים גישריבין,
מיט מזל חתונה גיהאַט.[3]

II. — הער-אוים, מיין מאַן! הער-אוים, מיין מאַן!
הער-אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
לאָזין מיר שרייבין נאָך מיין שוועסטער אַ בריוו,
ועט זי קומען צופאָרין."

III. — הער-אוים, מיין ווייב! הער-אוים, מיין ווייב!

---

[1]) מיט דער ליטעראַרישער אָרטאָגראַפיע. — [2]) דער צווייטער פערז אין יעדער סטראָפע — ב"ס. — [3]) דער לעצטער צוויי פערז אין יעדער סטראָפע — ב"ס. —

הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַ ווייַס זייַדין קלייַד וועל איך דיר מאַכין, —
דייַן שוועסטער זאָל נישט קומען צופאָרין."

IV. — הערְ־אוים, מייַן מאַן! הערְ־אוים, מייַן מאַן!
הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
קייַן ווייַס זייַדין קלייַד זאָלסטו מיר נישט מאַכין, —
מייַן שוועסטער זאָל קומען צופאָרין."

V. אַזוי ווי די שוועסטער איז גיקומען צופאָרין,
האָט זי [1]) גימאַכט אַ גרויסאַרטיקין באַל.
די שוועסטער [1]) האָט זיך אַף דעם גאָרנישט גירעכט,
זי זאָל איר אָפּרעדין דעם מאַן.

VI. — הערְ־אוים, מייַן שוואָגער! הערְ־אוים, מייַן שוואָגער!
הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
לאָז מען פאַרפירען די שוועסטער אין אַ וואַלד, —
דאָס מעסערל וועל איך דיר נאָכטראָגין",

VII. — הערְ־אוים, מייַן שוועגערין! הערְ־אוים, מייַן שוועגערין!
הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַזאַ שיין ווייַבאַלי, ווי דייַן שוועסטער איז,
קיין שענערע וועל איך שוין נישט האָבין."

VIII. — הערְ־אוים, מייַן שוואָגער! הערְ־אוים, מייַן שוואָגער!
הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
לאָז מען פאַרפירין מייַן שוועסטער אין ווילדין וואַלד, —
דאָס גריבאַלי וועל איך איר אויסגראָבען."

IX. — הערְ־אוים, מייַן שוועגערין! הערְ־אוים, מייַן שוועגערין!
הערְ־אוים, וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַזעלכע שיינע קינדערלאַך, ווי דייַן שוועסטער האָט,
קיין שענערע וועל איך שוין נישט האָבין."

X. — הערְ־אוים, מייַן שוואָגער! הערְ־אוים, מייַן שוואָגער!

---

[1]) די חתונה־געהאַט'ע שוועסטער. —

הער אוים, וואס איך וועל דיר זאגין:
אז מען טוט פארפלאנצין א נייען בוים אין גארטין,
שענערע פרות טוט דאך וואקסין."

XI. אזוי ווי ער[1]) איז אין שטוב אריינגיקומען,
האט ער אנגיהויבין צו האקין און צו בראקין:
„דו[2]) קענסט גיין מיט'ן קאפ אין דער ערד:
מיט דיין שוועסטער וועל איך חתונה האבין!"

מארשא. מרים חמעלניצקי.

№ 180.[3])

צווייטער יואריאנט.

I. עס איז אמאל געוועזין צוויי שוועסטערן,
איינע שענער, ווי די צווייטע.[4])
די שענערע האט גיהאפט אף מיאוס'ערעם טויט,[5])
זי האט זי שוין גיוואלט באלייטען.

II. — הער-אוים, מיין שוואגער! הער-אוים, מיין שוואגער!
הער-אוים, וואס איך וועל דיר זאגין:
לאמער פארפירין מיין שוועסטער אין איין וואלד, —
דאס מעסער וועל איך דיר נאכטראגין."

III. — הער-אוים, מיין ווייב! הער-אוים, מיין ווייב!
הער-אוים, וואס איך וועל דיר זאגין:
אפשר גיפעלט דיר נישט דאס קלייט מיט דעם היט, —
א שענ'רעם קענסט דו נאך האבין."

IV. — הער-אוים, מיין שוועגערין! הער-אוים, מיין שוועגערין!

---

[1]) דער מאן. — [2]) דאס ווייב. — [3]) מיט דער ליטערארישער ארטאגראפיע. —
[4]) דער ערשטער צווייפערז אין יעדער סטראפע — ב"ם. — [5]) אין דעם ווארייאנט האט די מאוס'ערע א מאן, און די שענערע איז א פריילייריקע.

הֶער־אוים, וואָס אִיךְ וועֶל דִיר זאָגִין:
אַזעֶלכֶע שעֶנֶע קִינדעֶר, ווי דײַן שוועֶסטעֶר האָט,
וועֶל אִיךְ שוין מײַן נִישט האָבִּין."

V. — הֶער־אוים, מײַן שוואָגעֶר! הֶער־אוים, מײַן שוואָגעֶר!
הֶער־אוים, וואָס אִיךְ וועֶל דִיר זאָגִין:
אַז מעֶן טוט פלאַנצִין אַ נײַעֶם בוים, —
שעֶנעֶרעֶ פירות טוט עֶר[1]) נאָךְ האָבִּין."

VI. — הֶער־אוים, מײַן ווײַב! הֶער־אוים, מײַן ווײַב!
הֶער־אוים, וואָס אִיךְ וועֶל דִיר זאָגִין:
אַז דײַן שוועֶסטעֶר האָפט אַף דײַן טויט, —
זאָלסט דו זִי פרִיעֶר בּאַגראָבִין."

№ 181. [2])

דריטער וואַריאַנט.

I. אַמאָל אִיז גִיוועֶן צווײ שוועֶסטעֶרלאַךְ,
אײנֶע פון דִי צווײטֶע גרעֶסעֶר, —
אײנֶע האָט מִיט מזל חתונה־גִיהאַט,
דִי צווײטֶע אִיז אַ מײדִיל גִיזעֶסִין.

II. אַזוי ווִי עֶר האָט זִי[3]) אִין שטאָט אַרײַן גִיבּראַכט,
אַזוי אִיז זִי גִיזעֶסִין און האָט גִיטראַכט.[4])
— אפשר האָסטו ווײנִיק דײַנעֶ נײַעֶ קלײדעֶר[5]), —
מאַכִין עֶל עֶךְ דִיר נאָךְ אַ סך".

— — — — — — — — — — —

[1]) וואַרִיאַנט: „קעֶן מעֶן". — [2]) מִיט דעֶר לִיטעֶראַרִישעֶר אָרטאָגראַפִיעֶ. —
[3]) דעֶר מאַן דאָס ווײַב. — [4]) דאָס זאָגט דעֶר מאַן צום ווײַב. — [5]) ווײַטעֶר
פעֶלעֶן עֶטלִיכֶע סטראָפעֶן, אִין וועֶלכֶע עֶס ווערט, אַ פּנים, דעֶרצײלט, ווִי דאָס

III. — הער נאָר צו, מײַן ליבער שוואָגער,
וואָס איך וועל דיר זאָגין:
איך מיט דיר וועל חתונה־האָבין,
און די שוועסטער אין דער ערד אַרײַן באַגראָבין".

IV. — הער נאָר צו, מײַן ליבע שוועגערין,
וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַזוי אַ שײַנע פרוי, ווי דײַן שוועסטער איז,
קיין שענערע דאַרף איך נישט צו האָבין."

V. — הער נאָר צו, מײַן ליבער שוואָגער,
וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַז דו וועסט פאַרפלאַנצין אַ נײַעם בוים,
וואָס שענער פרות וועט ער טראָגין."

VI. — הער נאָר צו, מײַן ליבע שוועגערין,
וואָס איך וועל דיר זאָגין:
אַזוינע שײַנע קינדער, ווי דײַן שוועסטער האָט געבוירין,
קיין שענערע דאַרף איך נישט צו האָבין". [1]

— — — — — — — — — — —

סאָכאטשעוו. פ. וואָלראַט.

№ 182.

פערדער וואַריאַנט.

I. אַמאָל איז געווען צוויי שוועסטערלאַך,
אײַנע שענער פאַר די אַנדערע.
מי' די עלטערע האָט מען אַ שידוך געטאָן,
צים מזל האָ' צי חתונה געהאַט.

יונגע ווײַביל האָט אַראָפּגעבראַכט די שוועסטער, נאָך וועלכער זי האָט אין דער שטאָדט געבענקט. — [1]) דער סוף פעלט. —

II. ווי זי איז נאָר צום מאַן אַראַנגעקומען,
האָ׳ צי אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן.
— נעם אַ בריוועלע און שראַב אַהיים, —
דאַן שוועסטער עט קומען ציפאָרן.״ [1]

III. אַזוי ווי די שוועסטער איז צו מזל געקומען,
האָבן זיי אָנגעהויבן זיך קושן און פריי׳ן.
זי האָט באַלד גענומען דעם שוואָגער פאַר די האַנט.
און זי איז מיט אים און וואַלד אַראַן געגאַנגען.

IV. — שוואָגער מאַנער, שוואָגער געטרייער!
הער-אויס, וואָס איך על דיר זאָגן:
אַזאַ שיין וואַבאַלע, ווי איך על זאַן, —
מאַן שוועסטער דאַרפסטו שוין ניש האָבן!״

V. — הער-אויס, מאַן שוועגערין, הער-אויס, מאַן שוועגערין!
הער-אויס, וואָס איך על דיר זאָגן:
אַזאַ שיין וואַבאַלע, ווי דאַן שוועסטער איז,
קיין שענערע באַדאַרף מען שוין ניש האָבן!״

VI. —הער-אויס, מאַן שוואָגער, הער-אויס, מאַן שוואָגער!
הער-אויס, וואָס איך על דיר זאָגן:
אַזעלכע שיינע קינדאַלאַך, ווי איך על האָבן,
קיין שענערע באַדאַרף מען שוין ניש האָבן״...

וואַרשאָ. יעקב שער.

№ 183

ראָטשילדס טויט.

I. נעמ׳ צאַך [2] אַ מוסר, איאַ [3] גרויסע מיליאָנערין,
פון רויטשילד, דעם גאָלדינעם פנים, —

---

[1] דאָס זאָגט דער מאַן. — [2] נעמט זיך. — [3] איר (און וואַרשאָ: איאָ). —

ווי אַזוי מי קעָ' ניש מיִט גאָלד שטאָלצירין ;
גישטאָרבין איז אַ [1]) ווי אַלי קבצנים .

II. — רויטשילד איז אין קאַסי אַראַנגיקימען ,
אין אָט גיוואָלט מי' צאַן גאָלד שפּעָגילירין , —
אַזוי איז אַ [1]) תיכף גיפאַנגין גיוואָרין ;
סעָ אָ'צאַך [2]) פאַר אים פאַמאַכט אַלי טירין .

III. — די, גאָלד, די, גאָלד, די שאַנסט [3]) אין מאַני [4]) אויגין ,
„אַזוי ווי אַ העָליש פייאַ [5]) רויט :
„איך וואָלט דעָך [6]) אינגאַנצין אַוועָגיגייבין
„פאַר אַ טריקין שטיקיל ברויט . [7])"

IV. — איך אָ דעָך גיפרייקט , מאַן ליבי מיטאַ , [8])
„וואיהין אי' דאַ [9]) טאַטי אַהינגיקימעָ , —
„אָסטי [10]) מאַ [11]) גיעָנפאַט [12]) , מאַני טייאַרי [13]) מיטאַ;
„צים קיסר מיט אַ וויזיט איז אַ גיגאַנגין .

V. „צים סוף אָ'צאַך [2]) מיאַ [14]) אַ חלום גי'חלומ'ט
„אַ' דאַ טאַטי ליקט אין קאַסי :
„זיבין מעת-לעת אָט'אַ [15]) הינגאַ [16]) גיליטין
„אין דאָם בליט פין זאַני פינגאַ [17]) גיזויגין . [18])"

VI. אוי, רויטשילד אָ'צאַך באַרימט פאַר אַלי קיסרים ,
אַז אַ קעָן פין הינגאַ ניט שטאַרבין :
צים סוף , זייט דים גרויסין אימגליק ,
ווי אַ ליגט ציבראָכין ווי אַ שאַרבין .

טשודנאָוו (וואָלין) . י. זאַיטשיק .

---

[1]) עָר (אין וואַרשא : אָ) . — [2]) האָט זיך (אין וואַרשאָ: אָ'צאָך). —
[3]) שיינסט . — [4]) מיינעָ . — [5]) פייעָר (וואַרש. אויסשפּראַך : פייאָ). — [6]) דיך. —
[7]) דאָם זאָגט ראָטשילד . — [8]) מוטעָר (מיטאָ , לויט דעָר וואַרש. אויס-
שפּראַך) . —[9]) דעָר . — [10]) האָסטו . — [11]) מיר (וואַרשאָ — מאָ). — [12]) געָעָנט-
פעָרט (וואַרשא — גיעָנפאָט) . — [13]) טייעָרעָ . — [14]) מיר . — [15]) האָט עָר . —
[16])הונגעָר . — [17]) פינגעָר . — [18]) דאָם זאָגט ראָטשילדס קינד. —

№ 184.

צווייטער וואַריאַנט.

I. ראָטשילד האָט זיך באַרימט פאַר אַלע מיליאָנערין,
אַז ער וועט פאַר הונגער ניט שטאַרבין,
גייט נאָר, קוקט אים יעצט אָן:
ער ליגט ווי אַ צובראָכענער שאַרבין.

II. — מאמעניו, ס׳האָט מיר גי׳חלומ׳ט אַ חלום,
„אַז מיין פאָטער ליגט אויסגיצויגין;
„זיבין טאָג גילימין הונגער,
„און גינאָגט דאָס בלוט פון די פינגער." [1]

III. ראָטשילד איז אַריין אין זיין צימער: —
ר׳איז גיגאַן מיט זיין געלט שפּעקולירין, —
אַזוי איז ער דאָרטין גיפאַנגין גיוואָרין:
ס׳האָט זיך אַראָפּגילאָזט די אייזערנע טירין.

IV. — גאָלד און זילבער בליאַסקעט מיר פאַר די אויגין,
„אַזוי ווי רענדער רויט:
„איך וואָלט דאָס אַלעס וועקגיגעבין
„פאַר איין טרוקין שטיקאַלי ברויט!" [2]

וואַרשאַ. רבקה צעכשטיין.

№ 185.

I. עס רייט אַמאָל אַ עדעלמאַן שפּאַצירין אויס,
אַלעס די שעפּערין ווייָדעט אירע לעמעלעך אויס.
פאַלערי, פאַלערא, פאַלעראַל־לאַ־לאַ!
די שעפּערין ווייָדעט אירע לעמעלעך אויס.

[1] דאָס זאָגט ראָטשילדס קינד. — [2] דאָס זאָגט ראָטשילד. —

II. — הערר עדעלמאַן, הערר עדעלמאַן,
ציהין זי די מיצע ניט אַן:
איך בין אַ אַרעמע שעפערין.
פאָלערי, פאָלערא, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
איך בין איינע אַרעמע שעפערין."

III. — ווען דו [1]) איינע אַרעמע שעפערין ביזט,
וואַרום גייסטו זאַנפט אין זייד גיפיצט?
פאָלערי, פאָלעראַ, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
וואַרום גייסטו זאַנפט אין זייד גיפיצט?"

IV. — וואָס קימערט דאָס איין פרעכטיקין עדעלמאַן,
ווען מיין פאַטער בעצאַלין קאַן?
פאָלערי, פאָלעראַ, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
ווען מיין פאַטער בעצאַלין קאַן!"

V. — דו, שעפערין, דו, שעפערין, ברענג מיר ניט אין צאָרן:
איך לאַס דיך שמייסין איין בלויען דאָרן.
פאָלערי, פאָלעראַ, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
איך לאַס דיר שמייסין איין בלויען דאָרן".

VI. — אַרעמע שעפערין, שפּריך קיין ליגין דאַן:
בעקימסטו גלייך מיין זאָן פאַר אַ מאַן.
פאָלערי, פאָלעראַ, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
בעקימסטו גלייך מיין זאָן פאַר אַ מאַן."

VII. — דיין זאָן פאַר אַ מאַן וויל איך נישט:
ער איזט אַ זויפער — טויג ער נישט.
פאָלערי, פאָלעראַ, פאָלעראַל-לאַ-לאַ!
ער איזט אַ זויפער — טויג ער נישט".

סאָבאַטשעוו. דינה אייבענבוים.

אַ ליד אַף דעמאייגענעם מאָטיוו געפונען מיר אין אַרבים-

---

1) ו — u. —

בּרענטאַנאָ׳ס זאַמלונג. [1]) עס טראָגט דעם טיטעל: „דער שטאָלצע שעפּערסמאַנן.‟ איך ברענג, אַלס מוסטער, דעם אָנהייבּ:

וּנד אַלס דער שעֶפֶער יִבּער דִיע בּרִיקֶע טרִיעבּ,
וואַרוּם?
יִין עֶדעלמאַנן יְהם עֶנטגעֶגעֶן רִיטט:
האָפּפּ, האָפּפּ, האָפּפּ עֶנטגעֶגעֶן רִיטט.
דער עֶדעֶלמאַנן טהעֶט זיִין הִיטלִיִין אַבּ,
וואַרוּם?
עֶר באָט דעֶם שעֶפּעֶר ׳ן גוּטעֶן טאַג:
האָפּפּ, האָפּפּ, האָפּפּ ׳ן גוּטעֶן טאַג.
— אַך, עֶדעֶלמאַנן, לאַסס דיִין הִיטלִיִין שטאַהן,
וואַרוּם?
יִך בִּין יִין אַרמעֶר שעֶפּעֶרסמאַנן:
האָפּפּ, האָפּפּ, האָפּפּ יִין שעֶפּעֶרסמאַנן‟.
— בִּיכּם דוּ יִין אַרמעֶר שעֶפּעֶרסמאַנן,
וואַרוּם?
וּנד האַסט דאָך עֶדעֶלמאַננס קלִייִדעֶר אַן:
האָפּפּ, האָפּפּ, האָפּפּ עֶדעֶלמאַנס קלִייִדעֶר אַן‟.
— וואַס געהט דִיךְ׳ס לוּמפּיִגעֶן עֶדעֶלמאַנן אַן,
וואַרוּם?
ווֶענן זִיע מיִין פאַטעֶר בּעֶצאַהלעֶן קאַנן:
האָפּפּ, האָפּפּ, האָפּפּ בּעֶצאַהלעֶן קאַנן.‟

דער עדעלמאַן ווערט אין כּעס („פּאָלל גרִימם וּנד צאָרן‟) און „שמיסס דען שעפער יִן טיעפסטען טהורן‟. [2])—

№ 186.

— בּעֶסטעֶר העֶרר, איך בּרעֶנג די ווּעֶשעֶ,
גרִייִפעֶן זי אַן אִירעֶ טעֶשעֶ.

[1]) „דעֶם קנאַבּעֶן וואוּנדעֶרהאָרן‟. — רעֶקלאַמ׳ס אוּיסגאַבּעֶ, ז׳ 155. —

[2]) דעֶר צווייִטעֶר פּעֶרז, אִין דעֶר סטראָפּעֶ V, פוּן נ׳ 185, אִיז, ווייִזט אוּיס, פאַרגרייִזט פוּן „שמייִסעֶן יִן טִיעפעֶן טהוּרן‟. —

צאָלען זי די מוטער [1] דאָך:
די וועשע ליגט די צווייטע וואָך".
— אַ יונגעס [1]) מעדעל האָט קיין איילע,
קאָנסט דאָך וואַרטען אַ קליינע ווײַלע.
אַזוי איין שענעס מעדעל, ווי די ביזט —
איך מעלטע גערן ס'געזילט גנקישט".
— ווען דער הערר וויל מיך קיסען,
שטוים איך איהן מיט הענד אין פיסען,
מיט געשריי, וואָס איך קאָן.
עס פאַסט דאָך נישט פאַר אַ עדעלמאַן!
ווען מיין מוטער זאָל דאָס וויסען,
דאָס דער הערר וויל מיך קיסען, —
שיקט זי מיך נימאַלס מער
מיט די וועש צים הערר אַהער".

באַכּאַטשעוו. דינה אייכענבוים,[2] 30 יאָר.

№ 187.

I. אַמאָל איז גיוועזין אַ פּאַסטאַלו,[3]
אַט אַ[4]) גיפּאַסעט שייפּאַלאַך.
אי' דאָס פּאַסטאַלו אַנשלאָפין גיוואָרין,
זענע די שייפּאַלאַך אַנטלאָפין גיוואָרין.
אַט אַ גינימע דאָס פידאַלי
אין אַ' צאַך גישפּילט אַ לידאַלי:
„בידאַ[5] ו-בידו[6])!
„נימאַ[7])-נישטאָ!

[1]) ן — u. — [2]) זי האָט דאָס, נאָך אַלס קינד, געהערט פון איר מוטער. — [3]) פּאַסטוכ׳ל, — [4]) ער. — [5]) סלאַוויש: bída, bièda, бѣда (קליינרוסישע פאָרם), — אומגליק. — [6]) bidu. — [7]) niema (פּויליש), nyma (קליינרוסיש), — נישטאָ. —

"יאַ דאָ דאָמקו פאָידו!"[1]

II. איז אָ גיגאַנע וואַטאָ,[2]
אָט אָ גיזיין אַ ראַטאָ.[3]
דעיאָ ראַטאָ אָט גיפיאָט[4] עפּאָלאָך, —
אָט אָ גימיינט, ס'אי די שייפּאָלאָכס קעפּאָלאָך:
„בידאַ־בידו!
„נימאַ־נישטאָ!
III. יאַ דאָ דאָמקו פאָידו!"

איז אָ גיגאַנע וואַטאָ,
אָט אָ גיזיין אַ באַריג.
אָפ'ן באַריג אי גיליגין שטיינדאָלאָך, —
אָט אָ גימיינט, ס'אי די שייפּאָלאָכס ביינדאָלאָך:
„בידאַ־בידו!
„נימאַ־נישטאָ!
„יאַ דאָ דאָמקו פאָידו!" —

וואַרשאָ. מרים חמעלניצקי.

№ 188.

צווייטער וואַריאַנט.

בין אָך מאָ גיוועזין אַ פּאַסטאַכו,
בין נאָך מאָ גיגאַנע פּאַשין שעפּסאָלאָך.
איז אָף מיאָ גיקימע אַ זיסאָ שלאָף,
זענע מאָ אַוועגיקימע מאַני שאָף.
בין אָך מאָ גיגאַנע זיכין,
אָב אָך גיטראָפין אַ בוים מיט עפּאָלאָך —
אָב אָך גימיינט, אַ' דאָעס זענע מאַני שאָפּ'ס קעפּאָלאָך.
אָב אָך גיפרייגט: „אַך, דזיאַדושקו![5]

[1] איך וועל אהיימגיין (קליינרוסיש, אָדער ווייסרוסיש). — [2] וויטער. — [3] רייטער. — [4] געפירט. — [5] Dziaduśku (פּויליש), זיידישי. —

ניע ווידזיאַלעש טי מאָיע אָווצי? [1]

כאָוואַי(?). כאָוואַי, כאָוואַי, יעסט. [2]

מיינו, מיינו, סימיד (?).

אָזאַם (?) צי פּאָידו. [3]

בידו [4]! בידו! יאַ ניעט! [5]

סימי (?) [6] דאָ דאָמו [7] פּאָידו. [8]"

סמאָלאַטשעוו. מרדכי גראַובאַרד, 5 יאָר.

№ 189.

I. פליט דאָך, פליט דאָך אַ פייגעלע איבער גראָז [9] גרינעם,
גיפינט זי טייבעלאַך קלײנע,
נעמט זי זיי צו [10] זיך אין פליגיל אַרײַן,
און טראָגט [11] צום אָדליער [12] אי' נעסט אַרײַן:

II. — אָדליער ברודער,
נאַ דיר מייני קינדער:
איך וועל צו דיר קומען אין אַ יאָר [13] אַרום,
אַ' זיי וועלין ווערין גוט און פרום".

III. ניטאָ די פייגעלע איין יאָר,
ניטאָ די פייגעלע צוויי יאָר.
אופ'ן דריטין יאָר אַדידערצייט [14]
אי גיקומען די פייגעלע פון זייער ווייט.

---

1) פּויליש: „האָסטו נישט געזיין מײַנע שאָף?" — 2) jest (פּויליש), ס'איז דאָ. — 3) רוסיש: כ'וועל גיין. — 4) פאַרגרײַזט פון bieda. — 5) איך נישט (רוסיש). — 6) פיליַכט: sain (סלאַוויש), אַליין — ? — 7) אהיים (פּויליש). — 8) נאָך אַ וואַריאַנט פון דעם ליד — בײַ ג.־מ. נ' 118. — 9) ליט־ווישע אויסשפּראַך: groz (די z איז דאָ אַ פּוילישע). — 10) די ו אין דעם ליד איבעראַל — u. — 11) trogt. — 12) odlier. — 13) jor. — 14) אַדידער־צײַט — אַ ליטוויש־ייִדישער אידיאָם: פּונקט אין דער צײַט, — למשל,

IV. — אָדליער ברודער!
גיב מיר מײַני קינדער:
איך וועל זיי ברײַנגען אין אַ יאָר אַרום,
אַז זיי וועלין ווערין גוט און פרום.״

V. עס שטײַט דאָך אַ בײַמעלע גאָר ניט קיין נאַסער,
גאָר ניט ווײַט פון אַ וואַסער.
די וואַסער, די וואַסער פאַרנאַנדערגילאָפין
און גלײַך צום אָדליער אין נעסט גיטראָפין.

VI. — גאָט, גאָט, גוטער!
ניט גיב זיי אָפּ מײַני קלײַנינקי קינדער
צו אַ פרעמדי מוטער!״ [1]

דאָרף זשירעווע (גראָדנ. ג.) חיה שעליובסקי.

№ 190.

אַמאָל איז גיוועזן אַ מלך,
דער מלך האָט גיהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט גיהאַט אַ סאָד, [2]
דער סאָד האָט גיהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט גיהאַט אַ צווײַג,
די צווײַג האָט גיהאַט אַ נעסט,
די נעסט האָט גיהאַט אַ פּעגעל.
דער מלך איז גישטאָרבין,
די מלכּה איז פאַרדאָרבין,
דער פּאַלאַץ איז אײַנגיפאַלין,
דער סאָד איז צוריסין גיוואָרין,
דער בוים איז פאַרפוילט
גיוואָרין,
דער צווײַג איז פאַרדאַרט,
דאָס נעסט איז אַראָפּגיפאַלין,
און דער פּעגעל איז וועגגיפלויגין. [3]

קאַליש. ה. סאָלניק.

191. [4]

אַמאָל אי גיוועזין אַנ׳אַלטימשקער ר׳שוויין, [5] —
פרעגט מען אים: „וואָס טויג דיר 12 ווײַבאַלאַך אין שטיבאַלי אַרײַן?״
די ערשטי קערט די שטוב מיט דעם הויז,
די צווייטי שיט דאָס מיסט אָף די גאַס אַרויס,

אַ זאַך איז געשייען דעם 1-טען יאַנואַר 1910, — וועט דער 1-טער יאַנואַר 1911, 1912, 1913 א. א. וו., זיין — „אַ דיִדערצייט“. — [1] אַ וואַריאַנט פון דעם ליד געפינט זיך בײַ ג.-מ. נ׳ 299. — [2] sud. — [3] אַ ענליך ליד בײַ ג.-מ. נ׳ 83. — [4] מיט האַלב-ליטעראַרישער אָרטאָגראַפיע. — [5] יעדער פערז באַזונדער — bis.

די דריטי הייצט דעם איוואלי איין,
די פערדי רוקט דאָס טעפּאלי אין איוואלי אריין,
די פיפטי האקט פאר'ן אלטיטשקין אַ שטיקאלי פיש,
די זעקסטי גרייט דעם אלטיטשקין צום טיש,
די זיבּיטי גייט אין קעלער אריין,
די אלטי צאפּט פון מעט און פון ווין,
די נייַנטי גיסט פון פלעשיל אין גלעזאלי אריין,
די צענטי טרינקט מיט'ן אלטיטשקין אַ גלעזאלי ווין,
די עליפטי בעט דאָס בעטאלי,
די צוועליפטי גייט מיט אים אין גאבינעטאלי.[1]

וואַרשא. רבקה צעכשטיין,

ס'איז דאָס הומאָריסטישע ליד אינטערעסאנט צו פאַרגלייַכען מיט דעם ליד „פאָן צוועלף קנאבען" בּאַ ארנים-ברענטאנאָ,[2] אין וועלכען אַ לוסטיק מיידיל דערציילט, אַז „12 קנאבען פרייען זי": דער ערשטער ווינקט איר, דער אַנדערער גידענקט, זי דער דריטער האָט איר אָנגעטרעטען אפ'ן פוס, און אַ. וו.—

№ 192.

צווייטער וואַריאַנט.

וואָס טויג דעם אלטין צוועליף וואַבערלעך? —
די ערשטי—קערט דעם שטיב מיט דעם הויז;
די צווייטי—וואַרפט דאָס מיסט אָף דער גאַס אַרויס;
די דריטי—הייצט דעם הריבּי אַן;
די פערדי—ריקט דאָס טשאָלינט אין אויוון אַראַן;
די פיפטי—מאַכט אַ שטיקיל פיש;
די זעקסטי—גרייט דעם אלטין מאַן צים טיש;
די זיבּיטי—גייט אַראָפּ אין קעלער אַראַן;
די אלטי—ברענגט אַראָף דעם אלטין וואַן;
די נאַנטי—גיסט פין פלעשיל אין גלעזיל אַראַן;
די צענטי—טרינקט מיט דעם אלטין מאַן דעם וואַן;
די עליפטי—בעט דעם אלטין דאָס בעט;
די צוועליפטי—לייגט דעם אלטין אין בעט אַראַן.[3]

וואָלין (ראַדאָם. גוב.) יעקב שער.

---

[1]) רעסטאָראַן-גאבינעט. — [2]) רעקלאַם-אויסגאַבע, ז' 75. — [3]) אָדער: „די צוועליפטי — שפּרינגט צים אלטין אין בעט אַראַן".

צוגעקומען בעת'ן דרוקען.

באַלאַדעס און לעגענדעס.

№ 193.

אִישׁ חָסִיד.

אַמאָל איז געוועזין אַ חסיד אַ למדן,
איז ער געגאַנגין צו לייד און צו שאַנדין.
אַ וואַב [1]) האָט ער ג'אַט [2]) אים גאָטעס ווינדער,
און נאָך דערצו פינף קלייני קינדער.
אַמאָל האָט צי'ן עם דאָס וואַב געזאָקט:
— לויף נאָר, אבאַ, צו שמאי בעל־בית,
ער זאָל דיר באָרגין דעם מאַנטיל מיט'ן גאָלדינעם האָזו".
ווי ר'איז צי'ן עם, אבא, געלאָפין,
האָט ער עם אין דער היים נישט געטראָפין.
האָט צי'ן עם דאָס וואַב געזאָקט:
— לויף נאָר, אַבא, צו הלל הזקן,
ער זאָל דיר באָרגין דעם מאַנטיל
מיט'ן גילדינעם האַקין".
ווי ר' האָט דעם מאַנטיל אָנגעקליידט,
איז געוואָרין אָף וואַב און קינד אַ גרויסי פרייד.
און ווי ר'איז אין גאַס אַראָפגעלאָפין,
האָט אליהו הנביא געטראָפין.
האָט ער עם געזאָקט: „דזיען דאָברי!"
„דזיען דאָברי" איז טאַטש: „גוט מאָרגין!
„די זאָסט ניש קלערין, די זאָסט ניש זאָרגין,
„דען גאָט האָט ביך צו דיר געשיקט,
„דען האַנט וועסטו ווערין באמת באַגליקט.
„די זאָסט אין מאַריק אַראָפלויפין,

[1]) ווייב. — [2]) געהאַט.

אין פאַר אַ קנעלט זאָסטי מיך טיִען פאַקויפין".
האָט ער אַ סוחר פון דאַנציג גיטראָפין.
דער סוחר האָט גיטיִען דעם קנעלט אָספּריוִוין
אין האָט עם גיקויפט פאַר אַלט הינדערט אלף זהובים.
— הער נאָר, מאַן ליבער, מאַן טײַערער קנעלט,
די זאָסט מיר אַ פּאַלאַץ אַ גרויסין אָפּבאָ'ין.
וועסט האָבין דעם פּאַלאַץ אָפּגישטעלט,
קענסטי דיר גײַן פּראַ[1]) אין די וועלט".
ווי ס'אי פאַרגאַנגין אײַן נאַכט,
האָט אליהו הנביא דעם פּאַלאַץ גימאַכט.
ווי דער סוחר האָט דערזײַן
דאָס גרויסי ווינדער, וואָס דאָ אי גישײַן,
האָט ער עם גילאָזט פּראַ אין די וועלט
אין האָט עם באַצאָלט דאָס גאַנצי געלט.

לאָוויטש (וואַרש. ג.) י. ק.

די באַלאַדע איז געווען דאָס באַליבסטע ליד פון באַוואוסטען לאָוויטשער גאון ר׳ כתריאל קראָנענבערג, וועלכער האָט בלינדערהייט געלערנט מיט אַ ישיבה פון עטליכע הונדערט בחורים. ער פלעגט עס צו זינגען יעדען מוצאי שבת קודש.

№ 194

זיבעטער וואַריאַנט.

(צו די נ"נ 125—130).

I.

אַמאָל אי גיווען צווײַ ברידער
אונטער אײַן דאַך;
אײַנער אי גיווען אָרים,
דער צווײַטער אי גיווען
רײַך.—

II.

און דער רײַכער ברודער
האָט אײַן סעודה גימאַכט—
און דעם אָרימאַן נישט גירופין;—
און דער אָרימער ברודער
איז אַלײַן גיקומען.

1) פרײַ. —

III.

— ברודער דו ליב,
ברודער דו מײַן,
לאָ מיך לאָטש באַ דיר טרינקין
אַ ביסיל וויַין.

IV.

„ברודער דו ליב,
ברודער דו מײַן,
לאָ מיך לאָטש פאַרזוכין
אַ שטיקאַלי פיש."

V.

— וויאַזוי קען איך דיר געבין
אַ ביסאַלי וויַין,
אַז עס שטינקט פון דיר
אַזוי ווי פון אַ שווייַן?

VI.

„וויאַזוי קען איך דיר געבין
אַ שטיקאַלי פיש;
אַז עס שטינקט פון דיר
אַזוי ווי פון אַ נישט?"

VII.

פיר וואָכין אײַן,
פיר וואָלין אוים,
מען טראָגט דעם רײַכין ברודער
אוים דער שטאָדט אַרוים.

VIII.

מ'פירט אים פאַרבײַ
דורך דער גן-עדן-טיר, —
ס'ריגיל' ציך צו דאָס ריגאַלי,
און ס'קלאַפּ' ציך צו די טיר.

IX.

מ'פירט אים פאַרבײַ
דורך דער גיהנם-טיר, —
ס'ריגיל' ציך דאָס ריגאַלי,
און ס'קלאַפּט זיך אָף די טיר:

X.

— ברוך-הבא,
דער נגיד אי' דאָ!
געלט אַף פּראָצענט האָט
ער יאָ גיגעבין,
אין שול די מצוות האָט
ער ניש גיהאַלטין."
מ'פירט אים אַראָף אויבענאָן,
אַ שטול מיט סמאָלע אָנגיטאָן.

XI.

פיר וואָלין אײַן,
פיר וואָלין אוים, —
מען טראָגט דעם אָרימען ברודער
אוים דער שטאָדט אַרוים.

XII.

מ'פירט אים פאַרבײַ
דורך דער גיהנם-טיר,
ס'ריגיל' ציך צו דאָס ריגאַלי,
און ס'קלאַפּ' ציך צו די טיר.

XIII.

מ'פירט אים פאַרבײַ

דורך דער גן-עדן-טיר, —
ס'ריגיל' ציך אף דאס ריגאלי,
און ס'מאכ' ציך אף די טיר:

XIV.

— ברוך-הבא,
דער ארימאן אי' דא!
געלט אף פראצענט האט
ער ניש גיגעבין,
און שול די מצוות האט
ער יא גיהאלטין."
מ'פירט אים אראף אויבענאן,
א שטול מיט בריליאנטין
אנגיטאן.

XV.

— ברודער דו ליב,
ברודער דו מיין,
לא מיך כאטש בא דיר
לזבלין.

א קאפינקישאלי זיין!"[1])

XVI.

— וויאזוי קאנסטו בא מיר
א קאפינקישאלי זיין,
אז עס שטינקט פון מיר,
אזוי ווי פון א שוויין?"

XVII.

— ברודער דו ליב,
ברודער דו מיין,
לא מיך כאטש בא דיר
א פיסינבייינקאלי זיין".

XVIII.

— ווי קאנסטו בא מיר
א פיסינבייינקאלי זיין,
אז עס שטינקט פון מיר
אזוי ווי פון א שוויין?" —

הערשעלע לובלינער.

№ 195.

אלטער וואריאנט צו די ב"נ 135—141.

I. — שענעם מעדלען, וואס[2]) מאכס' דו[3])?" —
זוי זאגט ער:
שענעם מעדלען, ווער דו ביסט,
און וואס דו ביסט,

[1]) דאס זאגט דער רייכער צום ארימאן. — [2]) wos. — [3]) du. —

אין ווילדין וואַלד אַליין,
אין ווילדין וואַלד אַליין?"[1]

II. — „איך טו[2] דאָ[3] ראָזע קלייבין",
זוי זאַגט זי:
„איך טו דאָ ראָזע קלייבין,
יעצט קאָנען מיר ביידע בלייבין"...

III. — קאָן איך איבער מיין פערדלען ניט,"
זוי זאַגט ער:
„קאָן איך איבער מיין פערדלען ניט,
ווער דו ביסט, און וואָס דו ביסט"...

IV. — לאָז דעם פערדלען לויפין,"
זוי זאַגט זי:
„לאָז דעם פערדלען לויפין,
פאַר געלט קענסטו קויפין..."[4]

V. — קאָן איך איבער מיינעם הינדלען ניט",
זוי זאַגט ער:
„קאָן איך איבער מיינעם הינדלען ניט,
ווער דו ביסט, און וואָס דו ביסט"...

VI. — לאָז דעם הינדלען בילין"
זוי זאַגט זי:
„לאָז דעם הינדלען בילין,
טו שוין דאָ מיין ווילין,
אין ווילדין וואַלד אַליין,
אין ווילדין וואַלד אַליין."[5]

אַלעקסאַנדראָווסק (יעקאַטערינאָסלאַוו. ג.)

שלמה מיראָפּאָלסקי,
26 יאר, וואָיאַזשער.

---

[1] מיט דעם ביסירטען פערז שטויסט זיך איטליכע פון די 6 סטראָפען. — [2] tu. — [3] do. — [4] ד. ה. אַנ'אַנדער פערד. — [5] די ענדע פעלט. —

№ 196.

אַכטער וואַריאַנט צו די נ"נ 147—153.

I. ווען דו [1]) וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דײַנער בלײַבּן,
מוזסטע מיר זיבּן קינדער האָבּן,
און אַ יונגעם מעדטיע בלײַבּן." [2])

II. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר זיבּן קינדער האָבּן,
און אַ יונגעם מעדטיע בלײַבּן, —
מוזסטע מיר זיבּן וויגין שניצין,
און קײן מעסער צײַגין." [3])

III. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר זיבּן וויגין שניצין,
און קײן מעסער צײַגין קענען, —
מוזסטע מיר די שטערין צײלין,
וואָס אין הימעל זענען". [4])

IV. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר די שטערין צײלין,
וואָס אין הימעל זענען —
מוזסטע מיר אַ ליטער [5]) בויִין,
איך זאָל צײלין קענען." [6])

---

[1]) ו—u. — [2]) פאַרגלײַך, אויבּען: ב' 147, ב' 148, II; ב' 150, I; ב' 151, ב' 152, ווי אויך דאָס לוזשיצער (ז' 105), דאָס דײַטשישע (ז' 109) און דאָס מיִריִשע (ז' 110) פאָלקסליד. — [3]) ב' 147, III; ב' 148, III, ב' 150, II; דאָס לוזשיצער און דאָס מיִריִשע פאָלקסליד. — [4]) ב' 147, V; ב' 148, V; ב' 149, IV; ב' 150, V, ב' 151; דאָס לוזשי-צער און דאָס מיִריִשע פאָלקסליד. — [5]) ליִיטער. — [6]) ב' 147, נ"נ 149—151; ס'לוזשיצער און ס'מיִריִשע ליד. —

V. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר אַ ליטער בוי'ין,
דו זאָלסט ציילין קענען, —
מוזסטע מיר די פישע ציילין,
וואָס אין ים'ען זענען."[1]

VI. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר די פישע ציילין,
וואָס אין ים'ען זענען, —
מוזסטע מיר דאָס וואַסער טרינקין,
איך זאָל ציילין קענען."[2]

VII. — ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ,
אַז איך זאָל דיר דאָס וואַסער טרינקין,
אַז דו זאָלסט ציילין קענען, —
טאָ לאָס דיך שוין דער טייפעל הוילין, —
כ'וויל דיך מער ניש קענען."[3]

קוטנאָ (וואַרש. ג.) מירעל ערדבערג.

№ 197.

I.

דער זייגער שלאָגט צוויי באַנאַכט,
הייבט זיך אָף יאַסקעלע:
די טירין, די טוירין פאַרמאַכט![4]

II.

ער דרייט זיך פאַר מלכה'לעס טיר,
ער זאָגט צו איר: „מאַך מיר אָף.
איך בין געקומען צוויי נעכט צו דיר".

III.

זי מאַכט עם דאָס טיראַלי אָף,
זי נעמט עם אַריין און זעצט
אים אַראָף,

[1] ב' 148, VII; ב' 149, II; ב' 150, VI; ב' 151. — [2] ג, 148, VIII. — [3] ב"ג 147—149 (די שלום-סטראָפע). — [4] אין איטליכער סטראָפע: דער ערשטער פערז—ב"ס; דער לעצטער צווייפערז — אויך ב"ס. —

און זעצט עס אויף רעם
בענקאלי אַראָף.

IV.

זי רוקט עס דאָס טישאַלי צו,
זי שטעלט עס אָף אַ גיבראָטין הון
און אַ גלעזאַלי ווײַן צו.

V.

ער עסט זיך דאָס אַלעס גישמאַק.

ער זאָגט צו איר: „בעט
דאָס בעט,
דען איך בין זער מיד".

VI.

זי בעט אים דאָס בעטאַלי אָף.
ער זאָגט צו איר: „הײב
דיך אויך אָף
און לײג דיך אַ ביסעל צו"...

ליִנטשיץ.

מרדכי רובינשטיין.

אַנמערקונגען און דערקלערונגען.

צו נ' 34:

ה' ה. מ. קירשענבוים האָט אין ליפּסק (ראַדאָם.

ג.) פאַרשריבען אַזאַ וואַריאַנט:

די מאַמישי אָט מיך גיהײסין
ניסאַלעך ראַסין, —
די בײמאַלעך זענען קלײן,
קען מען ניש דאַגרײכין.

קאַזאַלאַ מאַטש
אָרזעכעצקי רוואַטש, —
וויערזבינקי דוזינקי,
כלאָפּציקוו מאַלענקי,
ניע מאָזעמי דאָכטאַטש.

צו נ' 57:

באַ י. ל. כהן (II, 171) געפינען מיר אַן׳אַנדער ליד אויף דעם-
זעלביקען שניט.

די ערשטע סטראָפע:

וועלכעס איז דאָס שענסטע פון
דער וועלט?
אַ שענער וואַלד.

וואַלד פון דער וועלט, טאַם-די-דעראַם,
טאַם-די-דערא, טאַם-די-דעראַם!
טאַם-טערי-דעראַם!

די צווייטע:

װעלכעס איז שענער פון דעם װאַלד?
אַ שענער בוים.
בוים פון דעם װאַלד,
װאַלד פון דער װעלט, א. ז. װ.

די לעצטע:

װעלכעס איז שענער פון
דעם בחור?
אַ שענע מיידיל.
מיידיל פון דעם בחור,
בחור פון דעם עפּיל,
עפּיל פון דער באַרנע,
באַרנע פון דעם בלאַט,
בלאַט פון דעם צװײַג,
צװײַג פון דעם בוים,
בוים פון דעם װאַלד,
װאַלד פון דער װעלט,
טאַם-טערי-דעראַם!

דאָס ליד — פאַרשריבען אין װאַרשאָ.

צו נ"נ 59—60:

איין װאַריאַנט — באַ י. ל. כהן, C. l., II, ז' 244 (פאַרשר. אין טשימעראָװין, פאָד. ג.).

צו נ' 65.

מכח'ן מנהג צו פאַרקױפען קראַנקע קינדער — אַ שטעלע פון איינע אַ דערציילונג:

..."לאה די זקנה, װי מ'רופט זי, איז די מאַמי פון אַלע קינדער אין שטעטיל. װערט אַ קינד פאַרשלאַפט, װאָס דער רופא קאָן שוין נישט העלפען, שיקט מען דאַן נאָך לאה'ן; זי גיט אַ שילגער, איז מקבל-קנין, און דאָס קינד האָט זי אָפּגעקױפט פאַר זיך, און װי לאה גיט נאָר אַ לעג אַראָף אַ פינגער אַפ'ן שװאַכען קינד, זייט מען מיט די אױגען, װי ס'קומט אַ ישועה. און צו חופה-פירען מוז מען ס'קינד אױסקױפען פון איר רשות, און לאה די זקנה האָט דערפאַר ס'אונטערפירען"[1]...

---

[1]) פ. בימקאָ. "די עברה", לאָדז, 1912, ז' 6. —

צו נ׳ 67 :

ה׳ י. גאָלדבערג (שעדליעץ) מעלדעט מיר, אז די לעצטע שורה פון דעם ליד ענדיגט זיך מיט׳ן וואָרט: „pocałujesz“. —

צו נ׳ 70 :

איין וואריאַנט באַ י. ל. כהן, l. c., II, ז׳ 243 (פאַרשריבען אין פאָדאָלער ג.). —

צו נומער 82 :

אין „אַם אורקוועל“ II. 305, געפינען מיר פאָלגענדיק „מאַרטינליד“ :

1. Sentemöte Vögelsche,
2. Het son rot Kögelsche,
3. Gefloge,
4. Gestohle
5. Bös över den Rhin,
6. Wo die fette Ferkes sind.
7. Hier wohnt de rike Mann,
8. Denn os brav wat gewe kann.
9. Gew wat holt wat
10. Ander Johr all wehr wat.
11. Lot os nit so lange stohn,
12. Wie welle noch en Hüske wider gon.
13. Hie van denn no Wesel,
14. Do hole wei en fetten Esel,
15. Hie van denn no Aesen,
16. Do wolle wei em schlachte;
17. Hie van denn no Ocke,
18. Do wolle wei em koke;
19. Hier von denn no Amsterdam,
20. Kriege wei en leckere Weckbotram.
21. Boven an den Hemmel,
22. Do hänk en Stöckske Schemmel,
23. Wo sech dran wärme kann,

24. Müt die blanke Arme.
25. Mus, Mus komme rut,
26. Breng os Apele und Nöt derut.
27. Apele und Nöt die schmacke so gut,
28. Wie en kleine Petsfut.

דער 11-טער, 12-טער און 26-טער פערז פון דעם מאַרטינ-ליד האָבען אַנאַלאָגיע אין אייניקע פורים-לידער.

אין „אַם-אורקוועל", IV, ז' 56 איז געדרוקט אַ מאַר-טינליד, וואָס איז זער ענליך צו דעם מיכעליסליד, וועלכעס כ'האָב איבערגעדרוקט אין ערשטען באַנד פון מיינע „יידישע פאָלקסלידער" (ז' 158):

1. Marten, Marten, gaud Man,
2. de et woll vergellen kann.
3. De Aeppel un de Beeren,
4. de Nöte gân wol mêe.
5. Lât mi nich to lange stahn;
6. dat Himmelrîk is uppedân
7. for alle gauden Geste,
8. N. N, dat is de beste!

די פערזען 3—5 וואַרפען זיך דורך אויך אין אונזערע פורים-לידלעך.

נאָך אַ מאַרטינליד — „אַם-אורקוועל", V, ז' 131.

אין די „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע", 1909, ז' 22, איז געבראַכט דער אָנהייב פון אַ חנוכה-ליד:

1. מעוז, צור ישועתי,
2. איך האָב קיין געלט, וואָס טו' איך היִע.
3. געה איין שטיקלע ווייטער,
4. בעגעגענט מיר איין רייטער;

5. דער רײַטער ווילל מיך שלאַגען...

די דריי פערזען טרעפען מיר אין נ׳ 82. —

צו די נ״נ 82 און ווײַטער:

פאַרגלײַך, מיט אײנצעלנע סטראָפען און פערזען בײַ י. ל. כהן, II, ז״ז 219, 221, 223, 227, 229. —

צו נ׳ 85:

אין זעקסטען פערז, באַם וואָרט „אַלאָך״, פעלט די ציפער 9 (אין אײן וואַריאַנט קלינגט דער פערז אַזוי: „וואַרפט דער מאַמען אין קאָפּ״). —

צו נ׳ 110:

אין טשערניכאָוו (וואָלין) רעדט מען אויך „מיט׳ן חי-רוק״. מ׳זאָגט דאָרט: ביטין (בעטען) גיווין (געוועזן), גילע (געלע), הירט (הערט), וויג (וועג), ווירין (ווערען), זי (זעי), זיט (זעיט), טריטין (טרעטען), ליבין (לעבען), ירד (ערד), ירשטינס (ערשטענס), פאַרקירט (פאַרקערט), פרי-גין (פרעגען), קלירען (קלערען), קירין (קערען), שווירד (שווערד), שטיטיל (שטעטעל), שימין (שעמען), שפיטער (שפעטער), שפינער (שפענער). —

צו די נ״נ 114—117:

אין די „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע״ (1912, ז׳ 125) איז געדרוקט אַ וואַריאַנט פון דעם ליד, מיט׳ן טיטעל „דער בעל-דבר מיט׳ן חולה״.

אָט איז דער אָנהייב:

I. קומט דער בעל-דבר צום חולה און זאָגט[1]: „די[2] מענטש, די מענטש! גאָט האָט מיר געשיקט צו דיר צו שוועב׳ן,

---

[1] אָ — ס. — [2] ו — u.

אַז איך זאָל בּײַ דיר צונעמען דײַן לעבּ׳ן,
און דו מוסט זאַך שיין[1]) צוגרייטן
און זעגן זאַך[2]) מיט דײַן ווײַב און קינדער שיין,
און זײַ זאַך מתודה פאַר דײַן טויט פאַר גאָט אַליין,
וואָרים איך וועל פון דאַנען שיין
אָהן דיר ניט אַוועקגיין!"

II. ענטוועֶרט דער חולה צום בעל-דבר:

„ווער בּיסט׳ע אַזוי[3]) אַ בּיסטרער מענין און וויקומסט׳ע אַהער?
יעדער אבר ציטערט דאָך אין מיר, קיקינדיק אויף דיר,
און עס וואַרפט מיך פון בעט אַראָפּ.
אוי! מײַנע אייג׳ן[4]) זײַנען אין מיר פינצטער געוואָרין,
און דו בּיסט געקומען נאָך מײַנע בּיסעלע יאָרן
און דו ווילסט מיך נעמען פון אַזאַ ליכטיקער וועלט
אין אײַן פינצטערן געצעלט."

די צוויי סטראָפען זענען אין מיינע וואַריאַנטען נישטאָ.

די איבעריקע 16 סטראָפען זענען, אים אַלגעמיין, ענליך צו די נ"ב 117—114 און טרעפען זיך דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם וואַריאַנט.

עס זענען, אָבער, דאָ אויך פיל חילוקים.

דאָס ליד האָט פאַרשריבען ה׳ ש. ביילין. געהערט האָט ער עס פון איינעם נטע ריינשטיין אויס סלוצק, וועלכער האָט דאָס אָפּגענומען פון אַ יידישען כלי-זמר. דער לעצטער זאָל האָבען דערקלערט, אַז דאָס ליד האָט פאַרפאַסט דער ווילנער בדחן אליקום צונזער.

איך בין, אָבער, מסופק, צונזער זאָל זיין דער פאָטער פון ליד, כאָטש דאָס לעצטע האָט אין זיך געוויסע בדחנ׳ישע עלעמענטען.

צו די נ"ב 130—125:

פראַגמענט פון אַ ניט פאַרשריבענעם וואַריאַנט (ליפסק, ראַד. ג.):

... אַ[5]) שטײַט בּאַ דע טיִע
אין שראַט: ר׳איז אַ גרויסע גוויִע[6]), —
לאָסן עם דאָ אַראַן.

---

[1]) שוין, — [2]) זיך. — [3]) אַזוי. — [4]) אויגען. — [5]) ער. — [6]) גביר.

בּאַ ד'סעודה מיִז אַ זאַן.
זאָקט ציִ'נ'ם דע סאַ [1]) אין לאַכט:
— ד'טיִע איִ פּאַמאַכט.
דיִם בּיִליִט [2]) גיִב אַהעיִע."
— כ'אָב'ן ניִש בּאַ זאַך!"
אַ [3]) שיִקט'ן אָפּ ציִ יענעם,
ציִ'ן סאַ פון גהינום...
— — — — —

אײַן װאַריאַנט געדרוקט אין „יעװור. סטאַרינאַ" (1909; II, 62—63).—
אײַן װאַריאַנט — בּאַ י. ל. כּהן, l. c., II, ז' 157 (פאַרשריִבּען אין גראָדנער ג.). —

צו נ' 133:
אײַן װאַריאַנט—בּאַ י. ל. כּהן, l. c., II, 66 (פאַרשריִבּען אין װילנע). —

צו נ' 146:
3 װאַריאַנטען — בּאַ י. ל. כּהן, l. c., II, ז' 165—173, (פאַרשריִבּען אין טשיִמעראָװיִץ, פּאָדאָל. ג., און אין װאַרשאַ).

צו נ"נ 147—153:
1 װאַריאַנט בּאַ י. ל. כּהן, II, ז' 174 (פאַרשריִבּען אין שאַצק, מינסק. ג.). —
נ' 152 איז געדרוקט אויך אין „יעװור. סטאַרינאַ", 1909, II, 60. —

צו די נ"נ 156—160:
אײַן װאַריאַנט בּאַ ש. אַנ—סקי („יעװור. סטאַר.", 1909, II,

---

[1]) שר. — [2]) בּיִלעט. — [3]) ער. —

ז׳ 61). —
איין וואריאנט בא י. ל. כהן, l.c., II, 67 (פארשריבען אין ווארשא). —

צו נ׳ 1.6 און ווייטער:
איין וואריאנט — בא י. ל. כהן, I, ז׳ 236. —

צו די נ״נ 171—174:
א פראגמענט:

צוועלף באנאכט, ווען אלע מענשען שלאפען,
טירען, טוירען צוגעמאכט, נאר איין הויז איז אפען.
א קראנקער ליגט אין בעט, אוי, א פייער ברענט,
דארט שטיי׳ען צוויי אלטע לאט, און ברעכען זיך די הענט.

צווישען די גירעדי, דארט עפענט זיך א טיר,
ס׳קומט אראן אנ׳ארימאן מיט א שווארצע מונדיר;
— ווער ס׳האט דיך גילובט, מיט 5 יאר צוריק, —
האב אף מיר רחמנות און געב אף מיר א קוק״.

קוטנא (ווארש. ג.). מירעל ערדבערג.

צו די נ׳ 193:
דאס ווארט אבא אין 8-טען פערז דארף מען לייענען: „אבע״ (אבייגע-לאפען — ארובערגעלאפען).

אינהאַלט.

נומער — זייט

פאָרוואָרט — III

לידער און מעשה'לעך פון טויט.

103 אָפּ'ן בראָדאָווא דעכו . . . 3

104 סאָבאַטשעווער וואַריאַנט . . 4

105 גאַליציִשער פראַגמענט . . 5

106 דאָאָט זיצט זאָך אַ מיידו
אין גאָאָטן . 〃

107 צווייטער וואַריאַנט 13

108 דריטער 〃 14

109 איינסט וואָללן וויר אַנפאַנגן
צו שפּרעכען פאָן דער
ליעבען וועלט . 15

110 די וועלט איז קיילעכיק . . 16

111 אוי, די א' מאַכט דאָך . . 18

112 דאָאָט ליקט אַ יינגאָמאַן . . 20

113 די גאַנצע וועלט איז
קיילעכדיק . 21

114 דער מלאך המות מיט
דעם קראַנקין . 22

115 דאָס ליעד פאָן דעם קראַנקען
מיט דעם מלאך המות . 26

116 צווייטער וואַריאַנט 33

117 דריטער 〃 37

118 דאָס לאַבט ווערט פאַלאָשין . 38

119 די לאָמפּ האָט זאָך פאַלאָשין . 40

120 אויוווין אי שטיל
נאָבאַנאַנד קעסיידאָ . 41

121 אַ מענשעלע, אַ מענשע-
לע טאַנצט און שפּרינגט . 42

122 אָך, קאָרן, קאָרן, קאָרן
טוט מען מאָלען . 42

123 אַ מי קריגט אַ שוואַרץ קוויטיל. 〃

באַלאַדעס און לעגענדעס מיט און אָהן אַ מוסר־השׂכל.

124 אַ ליד פון איינעם אַ פּראָס-
טין מענטש, וואָס וויל באַ-
קימע דעם מיילאָכס טאָכטאָ
פאַר אַ וואַב . 45

125 ס'גייט אין עס קימט . . . 49

126 צווייטער וואַריאַנט 50

127 דריטער 〃 52

128 פערדער 〃 53

129 פיפטער 〃 55

130 זעקסטער 〃 58

131 חוה'לי, חוה'לי אי
טבילה גיגאַנגע . 60

132 דער בורמיש האַט גיהיי-
סין אַלי יידין טויטשלאַגין . 65

133 אַמאָל האָט אין אַ שטאָדט
אַ גישיכטע גיטראָפין . 66

134 פראַגמענט 67

135 א פּאָטאָ אָט גיאַט צוואַ טאַכטאָ. 68

136 צווייטער וואַריאַנט . . . 71

137 דריטער 〃 . . . 74

138 פערדער 〃 . . . 76

139 פיפטער 〃 . . . 78

140 זעקסטער 〃 . . . 80

141 זיבעטער 〃 . . . 82

נומער		זייט
142	עס ראַטין, עס ראַטין דרײַ יעיגאָ׳ס .	83
143	צווייטער וואַריאַנט . . .	84
144	דריטער ״ . . .	85
145	פערדער ״ . . .	86
146	ווין איז אײַן שטאַדט . .	89
147	ווען דו וואָלסט יאַ, ווען דו וואָלסט יאַ .	96
148	צווייטער וואַריאַנט . . .	98
149	דריטער ״ . . .	99
150	פערדער ״ . . .	101
151	פיפטער ״ . . .	102
152	זעקסטער ״ . . .	״
153	זיבעטער ״ . . .	103
154	מיידכען, דו מיידכען, דו מײַן .	111
155	מיד קערט אום אַ וואַנ-דערמאַן צוריק .	113
156	אַמאָעל איז געווען אַ מעשה׳לי אַזוי אין אַזוי .	117
157	צווייטער וואַריאַנט . . .	119
158	דריטער ״ . . .	120
159	פערדער ״ . . .	122
160	פיפטער ״ . . .	123
161	אַמאָעל אי געוויין אַ מעשה אַזוי, אַ מעשה אַזוי.	124
162	דער בוים מיט׳ן מיידיל .	125
163	צווייטער וואַריאַנט . .	126
164	דריטער ״ . . .	127
165	פערדער ״ . . .	128
166	פיפטער ״ . . .	129
167	זעקסטער ״ . . .	129
168	אַמאָל איז געווען אַ יונגער קניאַזש .	132
169	צווייטער וואַריאַנט . . .	133
170	דריטער ״ . . .	135
171	צוועלף-באַנאַכט, ווען אַלע מענשין שלאָפין .	136
172	צווייטער וואַריאַנט . . .	״
173	דריטער ״ . . .	138
174	פערדער ״ . . .	״
175	די לבנה שאַנט באַ דע נאַכט.	139
176	עס יאַגט אַ ווינט, אין ס׳גיסט אַ רייגין .	140
177	צווייטער וואַריאַנט . . .	142
178	דריטער ״ . . .	144
179	אַמאָל איז געוועזין צוויי שוועסטערלאַך .	״
180	צווייטער וואַריאַנט . . .	146
181	דריטער ״ . . .	147
182	פערדער ״ . . .	148
183	ראָטשילדס טויט. . . .	149
184	וואַריאַנט.	151
185	עס רײַט אַמאַל אַ עדעלמאַן שפּאַצירין אויס.	״
186	בעסטער הערר, איך ברענג די וועשע .	153
187	אַמאָעל אי געוועזין אַ פאַסטאַכו .	154
188	צווייטער וואַריאַנט . . .	155
189	פליט דאָך, פליט דאָך אַ פייגעלע איבער גראָז גרינעם .	156

אינהאלט.

נומער — זייט

190 אמאל איז געווען א מלך . 157

191 אמאל איז געוועזן אנ'אל-
טיטשקער ר'שוויין . „

192 צווייטער וואריאנט . . . 158

צוגעקומען בעת'ן דרוקען.

193 איש חסיד 159

194 אמאל אי געווען צווייברידער. 160

נומער — זייט

195 שענעם מעדכען, וואס
מאכס' דו ? . 162

196 ווען דו וואלסט יא, ווען
דו וואלסט יא . 164

197 דער זייגער שלאגט צוויי
באנאכט . 165

אנמערקונגען און
דערקלערונגען . 166